STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09349

ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

פאַר קליין און גרויס

מיט דער דערלויבעניש פון ב. קלעצקין פאַרלאַג, פוילן
אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן־פרייהייט"

Published by the Morning Freiheit

by permission of

B. Kletzkin Publishers, Poland

PRINTED IN U. S. A.

PROMPT PRESS, INC

209

אינהאַלט:

ערשטע אָפּטיילונג:

(קליינע מעשה'לעך פאַר גרויסע קינדער)

זייט

אין געמויזעכץ — 5
אַ קעלבענער קל וחומר — 9
העכט — 11
לאַמפּן־מוסר — 17
די פרומע קאַץ — 21
דער דין תורה — 25
פון קבר — 29
הינערישע חלומות — 33
מיסט־חלומות — 38
דער גולם — 40
בוימער — 42

צווייטע אָפּטיילונג:

(קליינע בילדער)

וועלכע — 44
פאַדליעץ — 46
שוויין — 48
עס איז דאָך קיין זאַכן — 50

דריטע אָפּטיילוג:

(קינדער)

וועגן קינדער — 53
דאָס קראַנקע אינגל — 66
די ווילדע בריאה — 74
די לבנה דערציילט — 83
קינדער־שפּיל — 86

פערטע אָפּטיילונג:

(הומאָרעסקעס און סאַטירעס)

	זייט
חוזק	90
די רויז	94
די טויטע שטאָט	104
באַנציע שוויינ	118
דאָס שטריימל	130
הורמוז און אחרימון	146
דער וכוח	152
שמאי ראַטמאַן	160
וועגן געשיכטע	169
ביי די פּרעש צו גאַסט	178
דער פּרוש מיט'ן בער	190
די אַכטע אָפּטיילונג אין גיהנום	196

פינפטע אָפּטיילונג

(פון דול־הויז)

עולם הבא	206
כל בו	209
א חלום	214
א רופא צו א חולה	219
א שמועס מיט'ן גאַזעמאַן	224
דער קדוש	230
די שרפה און נאָך דער שרפה	234

דער משולח	239

אין געמויזעכץ

אמאָל איז זיך געווען א געמויזעכץ.—

עס איז זיך געשטאַנען גאַנץ אפּאַרט: אָפּגעטיילט פון דער רעשט לאַנקע (וואו בהמות האָבן זיך געפּאַשעט און יונגע פּאַסטור־כער האָבן מיט שטיינער געוואָרפן), מיט הויכן שאַוער און שאַרף־שפּיציגע דערנער, און אָפּגעזונדערט פון דער לופט—מיט א פּעטר־בלישטשענדיג־גרין הייטל. וואָס דער ווינט צערייסט אמאָל אין א יאָר.—געלעבט אין געמויזעכץ האָבן (ווי דער סדר־עולם איז) גאַנץ קליינע ווערים, וואָס האָבן געגעסן—נאָך קלענערע.

דאָס געמויזעכץ איז—נישט לאַנג, נישט ברייט און אפילו נישט טיף. די ווערימלעך האָבן עס נאָר דעם פּעטן שליים, די וואַסער־געוויקסן און די פוילע צווייגלעך צו פאַרדאַנקען, אויב זיי קענען דאָס געמויזעכץ נישט דערגרינדן, נישט צושווימען צו׳ן א ברעג.

די געמויזעכץ־געאָגראַפיע שלאָפט דעריבער נאָך אין וויג.

פּאַר דאָס האָט די געמויזעכץ־גאווה שוין לאַנג אָפענע אויגן: די פאַנטאַזיע איז אונטער׳ן פּיגצטערן הייטל ביי דער גאַנצער ממשלה אוןביידע צוזאַמען שפּינען און וועבן.

און מיט דער צייט האָבן זיי אויסגעשפּונען א מסירה פון קדמונים, איין אמת ווערמיגע טראַדיציע:

„דאָס געמויזעכץ איז דער ים־הגדול!“.

„אין אים גיסן זיך אריין אַלע פיר טייכן פון גן־עדן... דער חדקל ברענגט־מיט זיך דאָס גאָלד — — דאָס איז דער שליים, אין וועלכן עס שטעקט זייער פּרנסה — און די רעשט דריי טייכן ברענגען בלומען — דאָס זיינען די וואַסער־געוויקסן, צווישן וועלכע זיי שפּילען זיך אין באַהעלטעניש אין א יומא־דפּגרא— פּערל—אַלע זיבּעבּע־שיסעלעך און קרעלן—די פאַרפוילטע צווייג־לעך"...

דאָס גרינע הייטל, די פאַרפּעצטע יאַרמולקע איבער'ן גע־מויזעכץ, איז דער הימל איבער'ן ים'הגדול! איין עקסטרא באַ־זונדער הימל פאַר זייער וועלט!"

שטיקלעך אייער־שאָלן, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרבלאָנדזשעט, שפּילן די ראָלע פון שטערן און מיט א פאַרפוילטער דיניע האָט מען יוצא געווען פאַר דער זון...

די שטיינער, וואָס פלעגן אַמאָל אַריינפאַלן דורך די פאַסטור־כער, זיינען—גאַנץ נאַטירלעך—געווען אבני־אלגביש־שטיינער, וואָס דער הימל וואַרפט זינדיגע לייט אין קאָפּ אַריין און, אַז דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן, און עטלעכע שטראַלן פון דער אמת'ער זון האָבן אָפּגעשרפעט א ווערמיגן מח, האָט מען געפילט און געגלויבט אין גיהנם.

נאָר—וואויל האָט זיך געלעבט אין געמויזעכץ! וואו יעדער איז געווען פון זיך און מיט אַלע צופרידן! ווער עס וואוינט אין ים־הגדול איז שוין בטבע א פיש! איין ווערימל פלעגט דאָס צווייטע רופן: שלייען, העכט! אויף מצבות פלעגט מען קריצן: קראָקאָדיל און לויתן! „פלאָטקע" איז געווען די גרעסטע באַליי־דיגונג, פאַר „קעלבקים" האָט מען זיך יום־כּפּור נישט מוחל גע־ווען! דערביי האָבן געבליט: אַסטראָנאָמיע, פּאָעזיע און פילאָ־זאָפיע ווי די רויזן!

די שטיקלעך אייער־שאָלן האָט מען געציילט ביז מען איז דערגאַנגען, אַז מען קען זיי נישט איבערציילן.

ראָמאַנטיקער האָבן די „פמליא של מעלה" אויף טויזנטער

אופנים באַזונגען ; דערביי פלעגט מען פאַטריאָטן פאַרגלייכן צו שטערן, שטערן צו דאַמען־אויגן און די דאַמען אַליין צום הימל, אויב נישט גאָר צום גיהנם! די פילאָזאָפיע האָט באַזעצט די פרומע געשטאָרבענע נשמות אין דער פוילער דיניע אריין...

קורץ—עס האָט גאָרנישט געפעלט! דאָס לעבן האָט געהאַט אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן! מיט דער צייט האָט מען צוגעמאַכט אַ קאָדעקס מיט הונדערטער פּירושים, עס האָבן זיך איינגעפירט טויזנטער מנהגים! און אַז אַ ווערימל האָט זיך פאַרגלוסט עפּעס אַ שנוי, איז גענוג געווען, עס זאָל זיך דערמאָנען, וואָס די „וועלט" וועט זאָגן דערויף — עס זאָל רויט ווערן, חרטה קריגן! און תשובה טאָן!

נאָר... איין מאָל איז אַ חורבן געשען!

עס איז דורך אַ סטאַדע חזירים!

שרעקלעכע פיס האָבן צעטראָטן דעם הימל, צעקנאָטן דעם שליים, צעריבן די קרעלן, צעמאָרשטן די בלומען... און פון דער גאַנצער אָפּגעזונדערטער „וועלט" אַ תהו ובוהו געמאַכט!

טייל ווערים זיינען טיף אונטער'ן שליים געשלאָפן (און ווערים שלאָפן לאַנג), זיינען זיי טאַקע נצול געוואָרן... אַז זיי זיינען צוריק אַרויף איז שוין דער הימל צוריק צוזאַמענגעשוואומען, זיך צוריק צונויפגעקלעפּט... נאָר — גאַנצע הויפן דערדריקטע, דער־שטיקטע און צעטראָטענע ווערים זיינען געלעגן אָן קבורה, און טויטערהייט עדות געזאָגט אויפ'ן חורבן!

וואָס איז דאָ געשען? פרעגן די פּעפּער דערשראָקן, און זוכן אַ לעבעדיגע בריאה, וואָס זאָל זיי קענען דערקלערן די סיבה פון דער שרעקלעכער מגפה. נאָר נישט לייכט איז צו געפינען אַ לע־בעדיגע בריאה! דען נישט לייכט איז איבערצולעבן אַ הימל! ווער עס איז נישט צעטראָטן געוואָרן, איז געשטאָרבן פאַר שרעק ; ווער עס איז נישט געשטאָרבן פאַר שרעק, איז געשטאָרבן פאַר

וויטאָג; די רעשט האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען... אָן הימל איז אָן לעבן!

איינער איז אפילו יאָ געבליבן לעבן, נאָר, קוים האָט ער זיי דערציילט, אַז דער הימל, וואָס זיי זעען אַצינד, איז נאָר אַ נייער פון דער נאָדל! אַז יענעם הימל האָבן חיות צעטראָטן; אַז ער האָט זיי געזאָגט, אַז אַ ווערמיגע הימל לעבט נישט אייביג... אַז אייביג, קען זיין, לעבט נאָר דער אַלגעמיינער הימל,—האָט מען באַלד דערקענט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

מען האָט אים מיט גרויס רחמנות געקאָוועט און אין דול־הויז אַריינגעשיקט.

א קעלבענער קל וחומר

— דער דין איז: הכל שוחטין—זאג איך א קאלב—על־פי־דין מעגן אלע שעכטן; מען דארף קיין סמיכה נישט פון גאונים, קיין בריוו פון רבנים, מען דארף גאר נישט, — ווער עס וויל מעג שעכטן.

— שקר—ענטפערט מיר דאס קאלב—מען דארף זיין דערצו א איד א למדן, מען דארף גוט קענען הלכות שחיטה, מען דארף קענען פרואוון דעם חלף אויף דער צונג... אויך מוז מען זיין פרום, אויסגעוווייקט אין מקוה, דערצו ערנסט מאכן די ברכה און פארגלאצן די אויגן.

— האסט א טעות, קאלב, עס איז א בפירוש'ע משנה: הכל־שוחטין —

— ניין—האלט זיך דאס קאלב שטאל און אייזן ביי זיינעם,— נאר אן אמת'ער שוחט און—דוקא נאר אין שעכט־הויז!

עס איז קיין וואונדער נישט, וואס ער זאגט; ער האט עס פון דער מוטער גע'ירשנ'ט, מיט דער מילך געזויגט. איך האב זיין מוטער, די צנועה, געקענט; א חנ'עוודיגע בריאה: און א פרומע; זי האט שטארק געגלויבט אין השגחה פרטית... איך האב געזען ווי זי איז, גייענדיג אין גאס, גלייך אויף א דישעל ארויפגעקראכן, ווי דער דישעל האט איר די געדערים דורך דער פלייצע ארויסגעזעצט; איך האב געזען, ווי זי האט גע'גוסס'ט הענגענדיג אויפ'ן דישעל, און געהערט, ווי זי האט ביי יציאת־נשמה געזאגט:—

— אַרימער דראַנג! צי ווייסטו נישט, אַז מען טאָר נישט שלאָגן?!

נאָר איר קלוג קאַלב זאָגט נאָך, אַז עס איז אַ קל־וחומר, און דאָס ווייס איך שוין נישט, ביי וועמען ער האָט גענומען; און ער מיינט עס ערנסט מיט'ן קל־וחומר:

— מה־דאָך—זאָגט ער—מה־דאָך אַ הונט, וואָס מען קען נישט קוילען אויף כשר, וואָס איבער זיין פלייש מאַכט מען נישט קיין ברכה, וואָס פון זיינע ביינער מאַכט מען נישט קיין קוגל, וואָס פון זיין פעל מאַכט מען נישט קיין יריעות צו'ן אַ ספר־תורה, בפרט קיין תפילין מעור־אחד... מה־דאָך—זאָגט ער—אַ הונט, וואָס טויג אינגאַנצן נאָר אויף ריצן־אייל, טאָר אים קיינער נישט אָנרירן, נאָר איין היצל און דוקא פאַרטאָג, ווען דער עולם שלאָפט נאָך, איך—על אחת כמה־וכמה?!

העכט

לכבוד יום־טוב האָט מען לעבעדיגע פיש געקויפט. אין א גרויסער, גרין גלעזערנער שיסל, אָנגעפילט מיט וואַסער, ליגן צוויי העכט און א ביסל ווייטער, אין א שוואַרצער ערדענער שיסל ליגן א פּאָר קליינע קאַרפּן.

דער עולם קומט נישט פון ים אַרויס, נאָר דאָך פון א געררוי־מיגן טייך, און עס איז זיי ענג אין שיסל.

די אָרימע קליינע קאַרפּן אין דער שוואַרצער ערדענער שיסל האָבן שוין לאַנג פון אים געוואוסט! זיי ליגן שוין א גוטע שעה אויפ׳ן זייגער און קלערן, וואָס דאָס קען זיין פאַר א תפיסה, און זיי האָבן צייט צו קלערן! איידער די קעכין וועט צוריקקומען פון גאַס מיט כל־טוב אויף יום־טוב, קען נאָך לאַנג דויערן. עס קען נאָך א קאַרפּ צום שכל קומען!

נאָר די העכט אין דער גלעזערנער שיסל באַמערקן נישט אירע ווענט, זיי צעלאָזן זיך אַלע מאָל מיט א כוח און טרעפן מיט די קעפּ אין האַרטן גלאָז! העכט האָבן אייזערנע קעפּ נאָר שטום־פּיגע מוחות! עס האָט יעדערער פון די צוויי געפאַנגענע גבורים צו הונדערט קלעפּ געקראָגן אויף יעדן פּונקט פון שיסל, איידער עס איז זיי איינגעפאַלן צו קלערן, אַז זיי זיינען פאַרמאַכט פון אַלע זייטן!

זיי פילן שוין די וואַנט, נאָר די שוואַכע העכטיגע אויגן זעען זיי נאָך נישט... דאָס גלאָז איז גרין, עס איז גאַנץ ענלעך צו קליין־טייך־וואַסער... און דאָך קען מען נישט אַרויס!

— עס איז א כישוף!—מאַכט איין העכט צום צווייטן.

— א כישוף!—איז דער צווייטער מודה.—מאָרגן איז א לי־

ציטאַציע אויף פּלאַטקעס, האָבן אונז די קאָנקורענטן פאַר־כשופ׳ט...

דאָס האָט אודאי א ראָק אָדער א פראָש געטאָן!

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס איז נישט לאַנג, אז די נעץ האָט זיי פון וואסער ארויס־געצויגן... אז זיי זיינען ארויף אויף דער לופט, זיינען זיי פּלוצ־לונג חלשות געבליבן! זיי זיינען צו זיך געקומען שוין אין א פאַרהאַמערט פאַס.

— ווי פרי היינט איז נאכט געוואָרן! האָבן דעמאָלט ביידע צוזאַמען באַמערקט, אין פאַס איז ענג געווען, קוים זיך אויס־צודרייען. עס האָט קוים וואסער אויף אָטעם געניגט. פון דעם פריערדיגן חלשות און שפּעטערן שלעכטן אָטעמען זיינען זיי ביידע פאַרדרימלט געוואָרן. עס האָט זיך זיי פון אלץ, אפילו פון יריד, טעאַטער און באַלעט גע׳חלומ׳ט, נאָר קיין פאַס האָט זיי דער מלאך פון שלאָף נישט געוויזן...

זיי האָבן נישט געהערט — נישט דאָס פאַס עפענען, נישט דאָס גערויש אין מארק! זיי האָבן נישט געמערקט דאָס ציטערן פון דער וואָג, אויף וועלכער זיי האָבן זיך געוואַקלט בשעת ווען די פישערין האָט זיך מיט דער קעכין געדונגען... נישט געהערט ווי דאָס שאַרפע צינגל האָט זיי פאַרגעזאָגט די ודוי!

טיפער נאָך זיינען זיי איינגעשלאָפן ביי דער קעכין אין קויבער. זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט ערשט אין שיסל, אונטער דעם שטראָם פריש קאַלט וואסער, א גוטע שטונדע האָבן זיי נישט־ווילנדיג געשלאָגן קאָפּ אין וואנט. אצינד ערשט רעכענען זיי אויף כשוף...

— וואָס טוט מען? פרעגט איינער דעם צווייטן.

די קאַרפּן ווייסן, אז זיי זיצן תפוס... זיי ווייסן אויך, אז עס איז עפּעס געווען א לאַנגע נאכט און זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין שיסל, מן־הסתם—טראַכטן זיי—האָט מען אונז פאַלשע באַנ־

קאַ־צעטל אונטערגעוואָרפֿן. עס וועט זיך אויסוייזן—קלערן זיי—מען דאַרף נאָר מיט אימיצן א קלוג ערנסט וואָרט רעדן!

זיי גיבן זיך א קליינעם וואָרף אין דער הויך, דערזעען די העכט און—פֿאַלן צוריק נישט טויט, נישט לעבעדיג.

— זיי וועלן אונז אויפפרעסן!—ציטערן זיי. זיי האָבן זיך א ביסל באַרואיגט ערשט דעמאָלט, ווען זיי איז איינגעפֿאַלן, אַז די העכט מוזן אויך זיין אין תפיסה...

— דאָס האָבן זיי אודאי—מאַכט איינער צום צווייטן—מיט פֿאַלשע באַנקאָצעטל געהאַנדלט!

— יאָ,—ענטפֿערט דער צווייטער,—נאָר פֿון זיי קאָן פֿאָרט די ישועה קומען! זיי וועלן נישט שוויגן... און מען וועט אונז צוזאַמען אַרויסלאָזן מיט גאָט'ס הילף.

— און זיי וועלן אונז באַמערקן—און... אויך (מיט גאָט'ס הילף) איינשלינגען! זיי האָבן זיך מיט די זייטן פֿעסטער צוגעדריקט צו דער דנאָ פֿון שיסל.

אויף דער פּאָדלאָגע איז געשטאַנען א קויבער מיט ציבעלעס.

— ווען מיר נעמען דעם פּאָדראַד און רייניגן אויס די פּלאָטקעס, וואָלטן מיר אַזוינע גאָלדענע אָרדער געקראָגן,—מיינט א העכט.

— מיר וועלן נאָך, אי"ה, קריגן — ענטפֿערט דער צווייטער, —עס איז טאַקע א כשוף, נאָר...

— וואָס נאָר?

— עס איז דאָ אַן עצה!

— זאָג...

— עס איז אפילו א בושה... נאָר... איך מוז דיר זאָגן... מען דאַרף—דאַווענען... — שטאַמלט ער אַרויס — דאָס איז די בעסטע רפואה געגן כשוף!

— דאַווענען? אפשר!

אוןביידע העכט דערמאָנען זיך, אַז זיי האָבן שוין יאָרן־לאַנג נישט געדאַוונט... זיי געדענקען נישט א וואָרט.

— אשרי...—הויבט איינער אָן.

— אשרי...—זאָגט דער צווייטער נאָך, און שטיי! מער נישט א וואָרט.

— אוי, ווילט זיך מיר דאַוונען,—קרעכצט הויך דער ערשטער.

— מיר אויך,—איז מודה דער צווייטער, דען סוף כל סוף זיינען מיר דאָך אויך נאָר פיש!...

:: :: ::

עס עפנט זיך א טירל אין וואַנט און צוויי קעפּ ווייזן זיך אינ'ם חלל. איינער א פּאַרטרונקענער מענער־קאָפּ און דער צווייטער א פרויען־קאָפּ אין פּאַפּילאָטן.

— אָ!—פרייט זיך דער מענער־קאָפּ,—עס וועט זיין א פריילעכער יום־טוב! העכט... קאַרפּ... אַלדאָס גוטס...

— ווי דען! איך האָב נאָך נאָך פלייש געשיקט!

— מיין קלוג ווייבל!—שמייכלט דער מענער־קאָפּ.

— נאָ! נאָ! נאָר אָן דעם...

און די קעפּ פאַרשווינדן.

— הערסט,—מאַכט איין העכט—עס זיינען דאָ קאַרפּן אויך!

— זיי איז בעסער פאַר אונז!

— מיט וואָס?

— ערשטנס, האָבן זיי דאָ קיין פּאָדראַדן נישט, און זיינען פרייע פויגל; צווייטנס—קענען זיי זיך וואַרפן... ווען זיי גיבן זיך א גוטן וואָרף, וואָלטן זיי אהיים אין טייך צוריק!

— אמת!

— און עס וואָלט אפשר פון דאָרט אונז אויך א טובה אויסגעקומען. וואַרט, מיר וועלן פּרואוון!

— קאַרפּן! — רופט אויס דער העכט. יעדע קאַרפּן זיינען פּלוצלונג אַרויפגעשוואומען און האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ איבער דער שיסל.

דער העכט האָט זיך אַרויסגערוקט אַנטקעגן—

— שלעכט, ברידער!—מאַכט ער.

— שלעכט!—ענטפערן די קאַרפּן.

— ביטער?

— ביטער!

— ווייניג וואַסער?

— אוי, ווייניג!

— און פאַרשטונקען?

— עיפּוש!

— נישט מעגלעך דאָ צו לעבן?

— נישט מעגלעך!

— מען דאַרף צוריק אַהיים אין טייך אַריין!

— מען... דאַרף!

— מען האָט גאָר אין טייך פאַרגעסן!

— פאַרגעסן!

— א זינד!

— א רציחה!

— לאָמיר זיך קלאַפּן על־חטא!

די העכט גלעטן די בייכער אויפ׳ן ראַנד פון שיסל; די קאַרפּן שלאָגן זיך ערנסט אָן וואַנט, אַז עס הילכט!

— מען דאַרף אַהיים שפּרינגען—מאַכט ווייטער דער העכט.

— שפּרינגען!

— נו!

דער העכט קאָמאַנדירט און די קאַרפּן זיינען אַרויס פון שיסל אויף דער פּאָדלאָגע... און זיי ליגן נישט טויט, נישט לעבעדיג.

— איך האָב נאָר נישט געוואוסט, — מאַכט דער צווייטער העכט, אז דו ביזט אזא בעל־דברן, עס רינט דאָך דיר האָניג פון מויל!—

די קאַרפּן דערוויייל קרעכצן—

— רוקט אייך!—קאָמאַנדירט ווייטער דער ערשטער העכט.

די קאַרפּן גיבן נאָך א קליינעם שפּרונג.

— אוי,—קרעכצן זיי,—מען זעט נאָך נישט קיין טייך, און די ביינער ברעכן, און אָטעם פעלט...

— רוקט אייך, נעמט צוזאַמען די רעשט כחות! עס איז שוין נישט ווייט, גיט נאָך א שפּרונג!

נאָר די קאַרפּן הערן שוין נישט.

די קאַרפּן גוסס'ן אויף דער פּאָדלאָגע, און די העכט שפּאַרן זיך; ביידע זיינען מודה, אז ביי א רעכטן שפּרונג קען מען קומען צוריק אין טייך אריין; נאָר איינער זאָגט, אז מען דאַרף דערצו אַנדערע פיש, נישט קיין פּאָדלע קאַרפּן, וואָס קענען נאָר שפּרינגען אין וואסער, וואָס קענען נישט אויסהאַלטן א פּאָר שעה אָן אָטעם און עסן, אז מען דאַרף דערצו—עלעקטרישע פיש!...

און דער צווייטער מיינט, אז דוקא נאָר קאַרפּן! נאָר מען דאַרף א סך, א סך קאַרפּן! און אויב 100,000 וועלן שפּרינגען, וועט איינער טרעפן, און אז איינער וועט טרעפן, הא! הא!

לאָמפּן־מוסר

עס איז א ידוע לכל, אז קאַנאַניקעס, הבדלות, ליכט, לאַמטערן און לאָמפּן פירן זיך אַמעריקאַניש. וואכן, ווען ביי אונז איז נאַכט, און שלאָפן, ווען ביי אונז איז טאָג.—נאָר צי וועט איר קענען מודה זיין, אז קאַנאַניקעס, ליכט, לאַמטערן און לאָמפּן האָבן א לשון און (אויף זייער אופן) א ריכטיגן באַגריף פון טוב ורע? און דאָך פּרוואווט, דערמאָנט אייך נאָר, ווי ענלעך זיי זיינען צו אונז! די כלי, פון וואָס זי איז, שפּילט די ראָלע פון א גוף; דערביי, פּונקט ווי ביי אונז, זיינען טייל גופים נאַקעט, טייל מיט בלומען, גירלאַנדן אָדער פאַרשיידענע פיגורן פאַרצירט, מיט גאָלד און זילבער באַשיינט. דער בוימל, אייל, חלב, נאַפט זיינען א מין בלוט. דאָס בלוט איז ביי זיי אויך פאַרשידן: טייל פון גרעסערן, טייל פון קלענערן יחוס; טייל גאָר פון עקסטן פּאָס! חלב קומט אַרויס פון א מיאוס אָרט, בוימל און אייל קענען זיין כשר און טרפה; וואַקס איז גלאַט כשר, נאַפט איז ריין און אומריין, טייל מאָל נאָך מיט א שלעכטן ריח! און ווי ענלעך איז די דאָכט—דער פלאַם צו אונזער נשמה!

שלמה המלך זאָגט טאַקע: „נר אלהים נשמת אדם!”

און ווי ענלעך זייער לעבן איז צו אונזער לעבן!

דער קאַנאַניק—א שריד ופליט פון אַלטע פרומע דורות—שווימט טאַקע אַרום אויף כשר'ן בוימל; ער ברענט טונקל, ציכטיג און שטיל; פלאַקערט נישט אויף מיט טיוולאָנישער גאוה,

רעדט זיך נישט איין, אז ער וועט באַלייכטן און באַשיינען די וועלט... נישט זיין וועלט, ער דאַרף זי נישט פאַרזאָרגן!

זיין איינג ווינקעלע איז פאַר אים גענוג, פאַר דאָס מאַכט ער קיין שרפות נישט אָן! איר וועט ביי אים נישט געפינען קיין צייכן פון אַנאַרכישע אידייען!

דערצו ברענט ער טרויעריג, ווייל קורץ איז דאָס לעבן, קירצער ווי „א שאָטן פון א פויגל, וואָס פליט נאָר אַדורך"!

ער איז פול מיט „מרה שחורה"!

„מה אנו מה חיינו"? א קנייטל מיט א „טפה־סרוחה"—בוימל, און מען שטאַרבט יעדע מינוט! ער געדענקט שטענדיג אינ'ם טויט און דעריבער האָבן מיר עם טאָקע פאַר טויטע באַהאַלטן.

הבדלות, חנוכה־ליכט זיינען „דברים שבקדושה", כמעט אָן גופים! טייל זיינען כפול־שמונה, נאָר אַלע פאַרדרייט און פאַר־פלאָכטן... און דערביי געל—ווי הייליגע דאַרפן אויסצוזען! און ברענען מיט קאַפּעטש, אויך ווי הייליגע טוען; עס שטעקט דע־רינען מער אמונה ווי חכמה, מער התלהבות ווי ליכט, מער „לשם מצוה" ווי לתשמיש...

ליכט, לאַמטערן און לאָמפּן זיינען וועלט־לייט! לאַמטערן און לאָמפּן ווייסן שוין גאָר גישט פון קיין אידישקייט! ליכט ווערן אפילו גענוצט אַלס נשמה־ און בענטש־ליכט, נאָר גלויבן טאָר מען זיי נישט...

דאָס איז אין איין וועגס קאָרטן־שפּילער און דינען נאָך צו אַלעם בייז, פון וועלכן עס איז בעסער, אז מען רעדט נישט... ליכט, בפרט סטעאַרין ליכט, כשר'ע נישט אויסגענומען, זיינען אהין און אהער!

לאָמפּן און לאַמטערן; ראָטשילדס און באַסע־קאָמאַנדע! די ערשטע וואוינען אין שטיבער, סאַלאָנען, טייל מאָל — צווישן כל טוב; די צווייטע—אין הויז, אין גאַס צווישן ווינט און שניי...

פון איין מין, ברידער פון איין טאַטע־מאַמע, גופים פון איין גלאָז, איין בלוט — נאַפט, איין נשמה — איינערליי דאַכט, און — בשעת ווען דעם לאָמפּ'ס לעבן שטייגט רואיג און שטיל, אָדער

פלאַמט מיט אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן דורך פאַרשיידנפאַרביגע גלעזער...

בשעת ווען לאָמפּן טאַנצן אויף אַלע חתונות און בעלער, שטייען אויבן אָן ביי יעדער פאַמיליען־פאַרזאַמלונג, באַגלייטן חתן־כלה ביז דער לעצטער מינוט,—שטייט דער לאַמטערן אין הויז פון אַ זאַיאַזד. דער צוג פון געגן־איבער־אָפענע טויערן פאַרכאַפּט אים דעם אָטעם.

דער גוף איז צעבראָכן. די זייטן געשפּאָלטן און באַלייגט מיט ברודיגע פלאַסטער, און ער ברענט און צאַנקט, און גוסט'ט צווישן אַ שרעקלעכן ריח...

און אויף וואָס פאַר אַ ווינטן, שטורמען, רעגן, שנייען, איז אויסגעשטעלט זיין חבר אין גאַס; יעדע רגע ציטערט ער פאַר זיין לעבן, עס ווייזט זיך עמיץ אין גאַס, — עס קען זיין אַ שכור, וואָס וועט אים מיט אַ שטיין אויף פּיץ־פּיצלעך צעברעכן.

— נאָך וואָס לייכט ער ביינאַכט, אפילו ווען לבנה און שטערן שלאָפן?

איז דאָס אַנדערש ווי אונזער לעבן? און פאַרוואָס זאָלן זיי קיין שפּראַך, קיין ידיעה נישט האָבן?

זיי מוזן האָבן! איך בין שטענדיג געוועזן דאַפיר אַז אַלעס לעבט. אַלעס פילט, אַלעס ווייסט, וואָס גוט און פרום איז, און איינמאָל האָב איך אַליין געהערט, ווי מיין גרויסער הענגעל־לאָמפּ האָט מוסר געזאָגט אַ קליין טיש־לעמפּל וואָס איז גראָד געשטאַנען נישט ווייט פון אים.

— „אינגל—מאַכט ער—פיר דיך בדרך־הישר! ברען גלייך ווי אַ ליניע, ברען ווי אויפ'ן מזבח! ברען גלייך צום הימל אַרויף און פאַראייניג דיך מיט יענע גרויסע ליכט, וואָס לעבן אייביג! לאָז דיך פון אַ ליאַדע ווינט נישט פאַרפירן אין אַ זייט אַריין! גע־

דענק—אַז דיין זיידע (זכרונו לברכה) איז א הייליגער קאַנאַניק געוועזן! דיין פעטער איז איין הבדלה! און חנוכה ליכט, נשמה ליכט, און שבת ליכט זיינען דיינע נאָענטע קרובים!"

„האַלט דיך פעסט אין דיין דרך, פיר דיך נישט ווי די באַסע־קאָמאַנדע אין גאַסט־הייזער און אין אַלע גאַסן! אַרויף דעם קאָפּ! ווייס פאַר וועמען דו שטייסט! וועמען דו דאַרפסט אָפּ־געבן דין־וחשבון! געדענק, אַז יעדן פרימאָרגן פליט דיין דאַכט אין הימל אַריין צו פאַרשרייבן אַלע דיינע תנועות!"

„פאַרגעס נישט — אַז אויב דו וועסט דיך פירן אין גלייכן וועג, וועסטו זוכה זיין צו אַלעם גוטן!"

„אָמן!" האָט געענטפערט דאָס קליינע טיש־לעמפּל.

די פרומע קאַץ

דריי זינג־פייגעלעך זייַנען געווען אין איין שטוב און אַלע דריי, איינס נאָכ'ן צווייטן — האָט די קאַץ צורעכט געמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געווען, נאָר אַן אמת, אמת פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגן די ווייסע גוט־אידישע יופּע און געהאַט אויגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך געשפּיגלט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה־קאַץ געווען! 10 מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן... און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין א זייט, אין א ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס עס איז מילכדיגס, און ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי געגעסן פלייש, כשר מויזן־פלייש...

און נישט געאיילט זיך צו דער אכילה, ווי א גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען ווי פרעסער טוען; נאָר בנעימות, שפּי־לענדיג... זאָל דאָס מייזל לעבן נאָך א רגע, נאָך א רגע... זאָל עס אַ ביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, ודוי זאָגן — אַ פרומע קאַץ כאַפּט נישט...

אַז מען האָט אין שטוב אַריין דעם ערשטן זינג־פויגל געבראַכט, האָט זי אויף אים באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעכאַפּט.

— אַזאַ שיינס, — זיפצט זי, — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיה'דיג פויגעלע זאָל קיין עולם הבא נישט האָבן!

— און עס קען קיין עולם הבא נישט האָבן! — איז זיכער די קאַץ —

ערשטנס וואשט זיך עס דייטשערים, מיט'ן גאנצן לייב אין שיסעלע וואסער...

צווייטנס, אז מען האט עס איינגעזעצט אין שטיג, איז עס שוין א חיה רעה, כאטש א יונג, זיס און פיין זינג־פויגעלע... האלט עס שוין מער פון דינאמיט ווי פון שולחן ערוך!

היינט דאס זינגען אליין! דאס אויסגעלאסענע זינגען, דאס צופייפן און דאס קוקן גלייך אָן אַ שום דרך־ארץ אין הימל אריין! דאס רייסן זיך ארויס פון שטייג צו דער זינגענדיגער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אפענעם פענצטער...

צי איז נאך אמאל א קאץ אין א שטייג געזעסן? צי האט נאך אמאל א פרומע קאץ אזוי געפיפן, אזוי זמרי־בן־סלוא'דיג געפיפן?

— און א שאד! — וויינט דאס פרישע הארץ אין דער פרומער קאץ, — עס איז דאך א לעבעדיגע זאך, א טייערע נשמה, א פונק פון דער הויך!

דער קאץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דאס גאנצע אומגליק א ,, וואס דער זינדיגער גוף איז אזוי שיין, דער עולם הזה דעריבער—אזוי לוסטיג, דער יצר הרע אזוי שטארק...

ווי קען אזא קליין זיס פויגעלע זיך אנטקעגנשטעלן דעם שרעקלעכן גרויסן יצר הרע?

און וואס מער עס לעבט, מער זינדיגט עס, גרעסער וועט זיין די שטראף...

הא!

און הייליג פייער האט זיך אנגעצונדן אין דער קאץ, דאס פייער פון פנחס בן אלעזר, בן אהרן הכהן... און זי איז ארויפ־געשפרונגען אויפ'ן טיש, וואו די שטייג מיט'ן זינג־פויגעלע איז געשטאנען, און—

עס פליען שוין פעדערן אין צימער...

מען האט די קאץ געשלאגן... די שלעג נעמט זי אָן פאר ליב...

זי האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַאוטשעט אַ יאָמערלעכן על חטא...

מער וועט זי שוין נישט זינדיגן...

די קלוגע קאַץ פאַרשטייט, פאַרוואָס מען האָט זי געשלאָגן... מער וועט זי אויף קיין שלעג נישט פאַרדינען...

— מען האָט זי געשלאָגן—פאַרשטייט די קאַץ,—דערפאַר ווייל זי האָט פאַרפעדערט די שטוב; ווייל אויפ'ן ווייסן געשטיק־טען טישטעך זיינען געבליבן פלעקן פון בלוט...

אַזאַ פּסק מוז מען מקיים זיין גוט, שטיל און פרום, עס זאָל קיין פעדער נישט פליען, קיין טראָפּן בלוט נישט פאַלן...

און—אַז מען האָט דעם צווייטן זינג־פויגל געקויפט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

מען האָט די קאַץ געשמיסן...

איצט האָט ערשט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפ'ן טישטעך...

דער סוד איז, אַז מען טאָר נישט טויטן! אַז מען דאַרף ליב האָבן, מוחל זיין... אַז נישט מיט ארבע מיתות בית־דין פאַרבע־סערט מען די זינדיגע וועלט!

מען דאַרף מחזיר למוטב זיין, מוסר זאָגן, צום הארצן רעדן!

אַ קאַנאַרעק אַ בעל־תשובה קען קומען צו'ן אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכן!

און די קאַץ דערפילט, ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד! אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטן! אויס בלוט פאַרגיסן!

רחמנות, רחמנות, און נאָך אַ מאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאנגען צום דריטן קאנאריק!

— שרעק דיך נישט—מאכט זי, מיט דער ווייכסטער שטימע, וואס איז אמאל ארויס פון א קאציגן האלז,—זינדיג ביזטו, נאר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאן, ווייל איך האב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך אפילו נישט אנרירן!

— דו שוויגסט?—זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען איז גלייכער שוויגן!

דו צאפלסט—נאך בעסער! צאפל, צאפל מיין קינד, נאר נישט פאר מיר, פאר'ן בורא עולם צאפל, פאר זיין ליבן נאמען!

הלואי זאלסטו שוין אזוי בלייבן—שטיל, ריין און צאפלדיג...

איך וועל דיר העלפן צאפלען! פון מיין פרומער נשמה וועל איך הויכן אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאל אריין אמונה אין דיין ליב, יראת שמים אין דיינע ביינדלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי א פרייד עס איז יענעם אריינצובלאזן מיט'ן הויך פרומקייט און ערלעבקייט...

און עס וואקסט דאס פרומסטע הארץ אין דער פרומסטער ווייסער קאץ —

נאר דער קאנאריק קען אין דער קאצן־לופט נישט אטעמען — עס האט אים דערשטיקט!

דער דין-תורה

חנינא באַלעגאָלע האָט געהאַט א דין־תורה מיט דער שקאַפּע; זי האָט גע׳טענה׳ט: גיב האָבער וועל איך גיין, ער—גיי, וועסטו קריגן האָבער. די בייטש האָט זיך אַריינגעמישט, איינמאָל און דאָס צווייטע מאָל, ביז די קליאַטשע האָט פאַרשוויגן און אויס־געצויגן די פיס...

חנינא האָט קוים אַהיים געשלעפּט דאָס וועגעלע, פאַר׳תכלי־ווערט א שינדער די הויט, און ער זוכט זיך שוין א נײַ פערד...

קיין גרויס עגמת־נפש האָט ער נישט דערפון; ער איז שוין געוואוינט מיט אַזעלכע זאַכן — ער פלעגט קויפן נאָר אַזעלכע פערד, מיט וועלכע ער פלעגט האָבן סאַמע דין־תורה׳ס, פלעגט שטענדיג רופן די בייטש פאַר א בורר, און נאָך דער בייטש איז דער שינדער מעשים בכל יום.

דער קרוג טראָגט אָבער אַזוי לאַנג וואַסער, ביז ער בלייבט אָן אויערן, און קוים האָט חנינא אַרויסגעשיקט דעם שינדער נאָך דער פעל, פאַרגלאָצט ער די אויגן, פאַלט אַרונטער מיט׳ן קאָפּ, פון מויל שפּריצט פּיענע—ער האָט דעם „שלאַג״ געקראָגן!

דאָס ווייב מיט די קינדער ראַטעווען; ער מאַכט אָוועק מיט דער האַנט. ער פילט, אַז עס איז זיין עק...

פאַר דער גסיסה איז ער אַ ביסל צו זיך געקומען און געזאָגט, אַז די שקאַפּע רופט אים צום בית־דין של מעלה.—

קיין גרויסע מורא דערפאַר האָט ער נישט.

חנינא איז געווען אַ שטיקל בקי אין משפטים!—

דורכפאַרנדיג לעבן אַ סטויג היי צי אַ פעלד מיט קאָניצינע, פלעגט ער שטענדיג, מכלומרשט, איינדרימלען, דאָס הונגעריגע פערד זאָל באַלד אַראָפּ אין אַ זייט און אונטערלענען זיך מיט פרעמדער פראַצע. דאָס דרימלען זיך בשעת הכושר האָט אים נישט איינמאָל געפירט אין סאָנד אריין, נאָר ער האָט זיך שטענדיג אויסגעדרייט.

זיין צו־שפּרונג צו דער פרנסה איז געווען מעקלערייַ ביי אַדוואָקאַטן. נו, אַ ביסל האָט ער גענאַשט און אַ ביסל איז ער געוואָר געוואָרן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ חוזק; פאַר'ן ערגסטן פאַל, האָט ער געוואוסט, איז פאַראַן אַ פשרה!

דערווייל האָט ער מיטגענומען פאַרשוינען!...

אַז דעם סאָנד איז שוין נמאס געוואָרן דאָס דרימלען בשעת הכושר, און דער צד שכנגדו האָט פאַרלאַנגט שרפ״ט פאַר דער פשרה, איז ער באמת אָפּגעזעסן אַ צייט, האָט ער זיך באמת אויסגערוט די ביינער, האָט זיין זון געמוזט זיך צוגעוואוינען צו דער מלאכה! טאַקע אַ שאָד בטול תורה (זיין זון האָט געלערנט אין אַ חדר), נאָר סיי ווי סיי—געוואוינט איז ער געוואָרן מיט משפטים; קיין מורא האָט ער נישט געהאַט! מיט'ן ווייב וויל ער דערפון נישט רעדן, וואָס ווייסט אַ אידענע? נאָר דעם נושאים־מאַן זאָגט ער: איך הער זי ווי די קאַץ, און וועל מאַכן אַ בעסערן אָטוואָד פאַר פלוידערמאַן פּיאַניצע! נאָר אַ שאָד, וואָס איך קען אַהין נישט מיטנעמען קיין פאַרשוינען...

גיט מיר (מאַכט ער שפּעטער) כאָטש די בייטש, אַז איר וועל איך גאָר זיין ווי אָן אַ האַנט...

פאַר'ן בית־דין של מעלה.

אונזער חנינא איז טאַקע באַלד אַרויס מיט איין אָטוואָד; פאַר א שקאַפּע—זאָגט ער—איז געווען א גמינע סאָנד.

— זעסט, חנינא—זאָגט דער פּרעזעס—זאָלסט געוועזן שבת וויניגער שלאָפן און הערן בעסער די סדרה אין שולכל, וואָלסטו געוואוסט, אז שור הנסקל געהער אויך צום סנהדרין!

— עט, — האַקט איבער חנינא, — אין שולכל האָט מען נישט די סדרה, נאָר אַלשיך, געלערנט! קיין מוסר בין איך נישט געקומען הערן, און דעם אָטוואָד—בין איך מודה—האָב איך געמאַכט נאָר פאַר שיינקייט וועגן, איך זאָג מיך פון'ם אָפּ!

דער בית־דין גיט דער שקאַפּע דאָס וואָרט.

עס הערט זיך א יאָמערלעך געוויין:

— ער האָט מיך דער'הרג'עט, מיט דער בייטש דאָס לעצטע ביסל כוח פון לייב אַרויסגעיאָגט.—

נאָר חנינא לאָזט נישט רעדן,—„די שקאַפּע,—שרייט ער,— איז דאָך מיין: איך האָב זי פון שינדער דאָך מציל געוועזן; מ'האָט זי לעבעדיגערהייט געוואָלט פּטור ווערן! א שינדער האָט צוויי רובל געגעבן און איך האָב א צענערל מוסיף געוועזן... און געיאָגט האָב איך זי אויך נאָר פאַר איר טובה וועגן... אין דער היים וואָלט איך איר א היי געוויזן, נישט פון סידור'ל...” וויצלט ער.

— נאָר כוח, וואו נעמט מען כוח? — צעגיסט זיך די שקאַפּע.

— איך פאַרשטיי נישט,—בייזערט זיך חנינא—ווער דען האָט כוח? איך האָב כוח? איך האָב נאָר צו שאַפן! און אָן א בייטש וואָלסטו געגאַנגען? און א טריט געמאַכט וואָלסטו יאָ? ווי קען זיין א באַלעגאָלע אָן א בייטש?

דאָס בית־דין של מעלה קלערט א ווײַלע און גיט אַרויס א פּסק:

— „אַזוי ווי דאָס בית־דין קען נישט משנה זײַן סדרי בראשית... און לויט סדרי בראשית מאַכט קיין פערד קיין טריט נישט כמעט אָן א באַלעגאָלע, מוז בשעת הדחק דעריבער זײַן א „בײַטש״; נאָר פון צווייטן צד—ווײַל כל זמן אַז פערד זײַנען פערד, איז פאָרט א יושר גדול, אַז עס זאָל זײַן מער רחמנות צווישן די „צדדים״, על כן—

„זאָלן ביידע צוריק מגולגל ווערן אויף יענער וועלט.

„חנינא זאָל אַרײַן אין א שקאַפּע און די שקאַפּע זאָל ווערן א באַלעגאָלע״!

מיט דער צײַט, הייסט עס, וועלן זיי זיך אויסגלײַכן און, צײַט צו וואַרטן פעלט נישט דעם בית־דין של מעלה.

פון קבר

אַז אַ מענטש שטאַרבט, לייגט מען אים שערבלעך אויף די אויגן און מען פאַרשיט אים מיט ערד... מיר—כאָטש מיין ווייב פלעגט זאָגן, אַז איך בין גאָר קיין מענטש נישט, און כאָטש איך האָב קיין קינדער נישט געהאַט — האָט מען דאָס אייגענע געטאָן.

איך האָב אַלץ געפילט, נאָר עס האָט מיר ממש נישט וויי געטאָן. איך האָב פּראָסט קיין צייט נישט געהאַט צו דעם ווייטאָג! ערשטנס האָב איך געהאַט ביים גאַנצן רחמנות אַ שטיקל נקמה אויף מיין ווייב, וואָס איז געגאַנגען נאָך דער מטה, און מיט איר אייגן מויל געשריען: אַזאַ מענטש! אַזאַ מענטש!

צווייטנס האָב איך מיר גע'חזר'ט מיין פּסוק!

און איך האָב גלייך געטאָן. דער מלאך דומה איז געקומען טאַקע ווי אַ לייב, נאָר—אַז איך האָב אים געזאָגט: אדם כבהמות... און ווי ווייטער שטייט, וואָס מיין פּסוק איז, איז ער אַוועקגעגאַנגען כאחד האדם, טאַקע ווי אַ לעמעלע.

אויך בין איך צופרידן געוועזן פונ'ם קבר, וואָס מען האָט מיר אויסגעקליבן... ממה־נפשך, לעבט מען אין קבר, דאַרף מען דאָרט אויך האָבן גוטע שכנים; הערן־און זאָגן אַ גלייך־ווערטל! און דאָ הער איך—וועל איך האָבן רעכטס ר' מנחם זאָסעס און לינקס—ר' יוסל דוואָשעס! אויף בעסערע שכנים האָב איך מיר נישט געקענט ריכטן!...

קוים האָט מען אָפּגעזאָגט קדיש, מען קלאַפּט פון דער רעכטער זייט:

— ר׳ מנחם?—פרעג איך.

— יאָ. און איר ווער זענט?

איך זאָג אים.

— געלויבט איז גאָט, — מאַכט ער — טאַקע — ברוך דיין אמת! איך האָב פון יענער זייט (נישט פאַר קיין איד געדאַכט) א רופא, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! ערשטנס שמייסט מען אים יעדע נאַכט, ווייל ער געדענקט נישט דעם נאָמען, איז ממש קיין אויג נישט צומאַכן, און צווייטנס, רעדט ער א גאַנצן טאָג עזות׳־קייטן. ער מוז האָבן היץ, צי וועלכע שוואַרצע יאָר, נאָר אזא טרפה מויל! אצינד—כאָטש היימישע מענטשן.

— איר האָט ליינקס,—מאַכט ער ווייטער,—ר׳ יוסל׳ען. דורך א ליידיגן קבר קען מען נישט רעדן; דאָס קול ווערט פאַרלוירן. אצינד פרוווט אים נאָר וועקן, אפשר איז ער נאָך נישט אין גאַנצן פאַרפוילט.

איך קלאַפּ אָן—ר׳ יוסל האַלט זיך נאָך, און מיר האָבן שוין, ב״ה, „מזומן״ צו א רעכט וואָרט... ביידע פרעגן, וואָס עס הערט זיך אויף יענער וועלט, און איך האָב זיי דערציילט דאָס לעצטע נייעס, הן פון דער היים, הן פון בית־המדרש, הן פון פּאָליטיק און דערנאָך געפרעגט פון מיין צד, וואָס עס הערט זיך אויפ׳ן עולם־אמת.

— גאָרנישט,—זאָגן זיי,—שטיל! דער מלאך דומה הייסט נאָר געשווינדער פוילן; טוט ער נישט קיין שלעכטס! מען דאַרף נאָר וויסן ווי מען הייסט, דען אז נישט, קען ער נישט פאַרשרייבן אין מתים־פּנקס, איז מען ווי דאָרטן אויף יענער וועלט אָן א פּאַספּאָרט; בייזערט ער זיך און שמייסט!

— און מכח גיהנום?—פרעג איך.

— אל תפתח פה לשטן—וואונדערן זיי זיך—פאַרוואָס? זיי פרעגן גאָר פאַרוואָס? ! מילא פון מיינע חטאים וויל איך נישט רעדן; דען טאַקע, א פּראָסטער מענטש, איז קיין חידוש נישט. נאָר אויף ר׳ יוסל׳ען האָט מען געמורמלט, אז ער שינדט די הויט ביי הלוואות, און, אז עס לאָזט זיך, איז ער זיך נאָך טועה אין חשבון אויך... עפּעס איין אלמנה האָט געזאָלט

דורך אים שטאַרבן, באַשר־בכן, ער האָט איר עפּעס א פּקדון באַהאַלטן... איך וויל נישט מיין מויל אין קבר צו קיין בייזן ברענ־גען, נאָר געמורמלט האָט מען; ווער שמועסט—ר׳ מנחם! אויף אים זאָגט מען אפילו, אַז ער האָט אויפ׳ן לענטשנער יריד א סוחר, פּשוטו כמשמעו, בײַנאַכט די קעשענעס אויסגעשניטן און דערנאָך אין טלית און תפילין אָפּגעלייקנט שטיין און ביין... זיי זיינען דערביי אפילו געווען גאַנץ אָרענטלעכע מענטשן, בני־תורה, מיט שיחת חולין קיין מעשה נישט, אָבער „אל תפתח פה לשטן״, עס פאַלט זיי גאָר נישט איין, גאַרנישט!

מילא, טראַכט איך, זאָל זיין אַזוי.

— און מכח גן־עדן?—פרעג איך ווייטער.

— גן־עדן,—קרעכצט מנחם פון איין זייט און יוסל פון דער צווייטער זייט,—גן־עדן... צו גן־עדן, ברידער, מוז מען שוין זיין רעכט טויט, דורך און דורך פאַרפוילט! עס איז א סברא, אַז כל זמן עס איז דאָ א לעק מוח, איז נישטאָ אויף וואָס צו האָפן! און טאַקע נישט אומזיסט שרייט דער מלאך דומה: פוילט, ברי־דערלעך, פוילט, לאָמיך אייער פּטור ווערן! נאָר, בטחון אין גאָט! די ווערים רוקן זיך ווייטער און ווייטער, פון האַרץ בין איך שוין כמעט פּטור...

און יוסל זאָגט:

— דאָס האַרץ, זעסטו, האָט מיר אפילו נישט וויי געטאָן...

— צו מיינעם,—זאָגט מנחם,—האָט פריער קיין וואָרים נישט געוואָלט שמעקן! דער מלאך דומה האָט מיר נאָך פריער געזאָגט, אַז דאָס ערגסטע איז דאָס האַרץ ביי צדיקים! קיין וואָרים וויל זיך נישט צורירן דערצו!... נאָר יענעם חודש האָט מיך א גליק גע־טראָפן, עס איז גראָד קיין פרישע מתים נישט געווען, האָב איך מיינס פאַרצוקערט!...

עס הויבט מיך אָן קיצלען אונטער די אָרעם; איך פרעג מיינע שכנים, וואָס דאָס באַדייט.

— געלויבט איז גאָט,—ענטפערן זיי,—א סימן פון א צדיק, אַז די ווערים קיצלען און טוען נישט וויי! די רשעים, זעסטו, שפּרינגען באַלד אויס דער הויט!

— סימן טוב ומזל טוב!—זאָגן זיי ווייטער,—נאָר פאַר דאָס, ועסטו אויך לאַנג ליגן אין קבר... וועסט אפשר גלייך מיט אונז זיך אויף תחית המתים דערוואַרטן. נאָר רשעים האָבן קיין גע־דולד נישט! באַדיי אין גיהנום אַריין—שרייען זיי—אַבי נישט צווישן ווערים!

וואָס קומט מיר אָבער אַרויס פון אַלע נחמות. איך בין פאָרט קיין צדיק נישט, איך פיל פאָרט, אַז די ווערים זיינען שוין ביי מיר אין אַלע אברים; עס קיצלט שוין נישט! איך פיל שוין, אַז דאָס האַרץ ברעכט, די לעבער פוילט, און דער מיח—אָ! דער מוח קנאַקט און קנאַקט!

זאָל איך אויך אפשר רעדן עזות׳קייט?

הינערישע חלומות

אמאָל איז געווען א הון, א גרויסע הון און א מיוחסת, דעם גרויסן קוקוריקו'ס א קעבס־ווייב און א חכמה דערצו, און די גרויסע הון, די מיוחסת זיצט (פארשטייט זיך, נישט חס ושלום, אין תפיסה), נאָר אויף דער „שאַדאַלע"—אודאי אויף פערציג אייער.

אז מען רייבט זיך נישט אָן דער וואַנט און מען האָט נישט אין זין קיין פּאָליטיק—העלפט גאָט.

און די אייער זיינען דעריבער גרויסע און, מן הסתם, פולע; פון די אייער וועט ארויס — —

נאָר וועגן דעם חלום'ט טאַקע די הון.

זי זיצט מיט פארמאַכטע אויגן און דאָך זעט זי, ווי פון די אייער טרעט ארויס א שטיק פערציג הענער —

הענער, קיין איינציגע הון! און איינס אויף איינס הענער פון הענער־לאַנד, גרויס־געוואַקסענע, שטאַרק געבויטע, אויף קור־פערנע פיס, מיט שאַרפע קרעלען; פליגל ווי ביי אן אָדלער, און רויטע: וואָס רויטע? פלאַמענדיגע קאַמען!...

מען זאָל זיי נאָר קיין עין־הרע נישט געבן!

און גלייך פון די אייער טרעט ארויס די מחנה גבורים און לאָזט זיך גיין אויפ'ן הויף... זי גייט נאָך, און דאָס הארץ אין איר וואַקסט און וואַקסט, עס וואַקסט ווי אויף הייוון. ארויס־שפרינגען וויל עס, זאָל עס שפרינגען!

— קוקוריקו!—שרייט דער עולם—אזא קול האָט נאָך די וועלט נישט געהערט!

— קוקוריקו!—דאָס בערגל מיסט אין דער זייט ביי דער קיך שאָקלט זיך און פאַלט. אין גאַנצן הויז ציטערן די שויבן.

— קוקוריקו!

און, אַלע, אַלע ארום בלייבן שטיין ווי פאַרשטיינערט!

ווער זיינען די גיבורים?!

דער אַלטער קודלאַטער הונט קריכט ארויס פון זיין שטיבל, און בלייבט אויך שטיין פאַרגאַפט — ער האָט די צונג אין מויל פאַרגעסן, ער בילט נישט!

די חברה קעץ האָבן זיך אויסגעזעצט אויפ׳ן פּלויט, וואָס צוימט אַרום דעם הויף, און קוקן זיך די אויגן אויס...

מויל־ווערף קריכן פון אונטער דער ערד אַפּער; האָזן האָבן באוויזן זיך אין עק וואַלד — פאַרגאַפט, כאָטש כאַפּ זיי מיט דער האַנט!

און ער, וואָס וועט ער זאָגן? ער, דער גרויסער זאַמד־גריב־לער, דער גרויסער קאָרן־שלינגער, איר מאַן?! צי וועט ער נאָך קוקן אויסער איר אויף א הון?!

ניין!

און דעמאָלט, דעמאָלט וועט זי שוין זיין אויפ׳ן שפּיץ פון איר גליק. אַז ער וועט וויסן און זען, וואָס זי קען, אַז די וועלט וועט געוואָר ווערן וואָס זי האָט אים געגעבן, דעמאָלט—וועט זי שוין מעגן שטאַרבן! דעמאָלט וועט זי אַליין צוגיין צו דער בריי־טער קעכין, און אויסשטרעקן דעם האַלז.

— נעם,—וועט זי זאָגן,—און קאָך וועטשערע!

עס פּיקט אונטער דער הון, נאָר זי הערט נישט. טרויעריגע געדאַנקען זאַמלען זיך אין קעפּל—

„נעם און קאָך וועטשערע!"

— נאָר—פאַרוואָס? פאַרוואָס מוז זיך אַלץ ענדיגן מיט׳ן

מעסער? פאַרוואָס זאָלן מענטשן עסן איר פליײש, דער הונט— די ביינער און פון די פעדערן זאָל מען מאַכן בעטגעוואַנט?

צי איז אויף דער וועלט קיין רחמנות נישטאָ, קיין יושר? פאַרוואָס זאָל מען נישט וויסן אויף דער וועלט אַן אונטערשייד פון א הון ביז א הון, פון א לויפּערקע, א טומל־מאַכערין, אַן אינטריגאַנטקע אָדער אַזוי א שלים־מזל א הון, ביז א הון א מיוחסת, א הון, וואָס שטעלט צו דער וועלט אַזוינע העגער, אַזוינע העלדן, ווי אירע וועלן זיין?!

— פּיק! פּיק! פּיק!

נאָר זי הערט נישט!

האַלב פאַרשלאָפן ציט זי ווייטער אירע טרויעריגע חלומות,— און נאָכ׳ן מעסער? צי איז שוין אַן עק פון אַלעם? צי אויף יענער זייט צוים איז שוין גאָר נישטאָ?

נאָכ׳ן צוים איז באַלד דער וואַלד, און דערנאָך, נאָכ׳ן וואַלד וואָס איז?

צי זאַמלען זיך נישט דאָרט די נשמות פון פרומע הינער און פּיקן האָבער, גערשטן און ווייץ פראַנק און פריי און אָן א שרעק פאַר׳ן מעסער?

— פּיק, פּיק, פּיק!

זי הערט נישט...

זי איז א מאַמע, און א מאַמע מוז אָן זיך אַליין פאַרגעסן! נישט אין איר לעבן גייט עס, נאָר אין זייער לעבן!

געזונט און פריש מוז זי זיי אַרויסגעבן דער וועלט!

כאָטש אין א צייט אַרום וועלן זיי די אייגענע מוטער נישט דערקענען! די אייגענע מוטער אַוועקטרייבן פון א פעטן בערגל מיסט.

נאָר זי וועט אירס טאָן...

פּיק־פּיק־פּיק! פּיק־פּיק־פּיק!

זי דערהערט!

נאָר אַזוי געשווינד אויפהויבן וועט זי זיך נישט!

זי ווייסט, אַז אין דרויסן איז אַ ווינט, אַ שטורם־ווינט און די גיבורים אירע וועלן זיך נאָך יונגערהייט פאַרקילן!

— וואָס פּיקט איר? צי איז אייך נישט גוט אונטער דער מוטער׳ס שוים? נישט וואַרעם, נישט זיכער אונטער אירע פליגל!

וואַרט קינדערלעך, וואַרט!

נישט אייביג וועלן בלאָזן שלעכטע ווינטן, נישט אייביג וועלן זיין די וואָלקן אין הימל...

גאָט וועט זיך דערבאַרעמען, גאָט וועט זיינע הענער נישט פאַרגעסן! רייניגן וועט זיך דער הימל, שיינען וועט די זון, און עס וועט זיין אַ וועטער, אַ וועטער!

עטלעכע הינער, וואָס האָבן שוין לאַנג אַרויסגעפירט זייער יונגוואַרג אויפ׳ן הויף, קומען צו דער פאַרשפּעטיגטער יולדת.

— מזל־טוב, מזל־טוב! ווערט אַ געפּיקעריי.

נאָר זי ענטפערט נישט, זי וועט מיט זיי נישט פּיקן... זי בויגט איין דאָס קעפּל און באַהאַלט עס צווישן די פעדערן אויף דער ברוסט...

די הינער אַנטלויפן פאַרשעמט און זי הויבט צוריק אויף דאָס קעפּל מיט חכמה און גאווה צוזאַמען...

זי דאַנקט גאָט, וואָס מען האָט זי אַליין געלאָזט, אַליין מיט אירע געדאַנקען, מיט אירע גיבורים...

און דאָס האַרץ צעגייט אין איר אין נחת; וואָס פאַר אַ פיינע קינדער זי האָט! זיי זיינען אודאי גרעסער ווי אַנדערע קאַפּהענער! נאָר אַז די מאַמע הייסט, ליגן זיי שטיל, וואַרטן זיי, קיין איינ־ציגער פּיקט שוין נישט!

קלוגע קינדער, זייַן גבורה און איר איידלקייט, איר גוטסקייט!

און גאט ווייסט ווי לאנג די קלוגע הון וואלט געזעסן אויף אירע גבורים, ווען נישט די קעכין, וואס האט זיך אן איר דער־מאנט און איז אריין ווי א בליץ זי ארויסצוציען פון דער שא־דאלע!...

און אז מען האט די „מוטער" ארויסגעיאגט פון דער שאדאלע, האבן זיך באוויזן קליינע, שוין לאנג דערשטיקטע, איינפאכע הינדלעך...

מיסט-חלומות

פון אַלטע שטיוול און קאַמאַשן מאַכט מען פּאַנטאָפל, און די אויסגעשניטענע פּשישוועס און די אָפּצאַסן פאַרקויפט מען אַ שוסטער אויף לאַטקעלעך!

אין פאַרמעגלעכערע הייזער, וואו פאַר 3 גראָשן איז נישט כדאי צו רעדן מיט אַ שוסטער, וואַרפט מען זיי אַרויס אויפ'ן מיסט. איז זיי אייגנטלעך בעסער, דען, אַז זיי קומען צוריק אין שוסטערישע הענט, ווערן די שטיקער פּשישוועס נאָך אויף קלענערע שטיקלעך צעשניטן און די אָפּצאַסן צעגלידערט; פון יענע ווערט לאַטקעס צו פּשישוועס און כאַליוועס, און האָבן מיט נאָל און דראַטווע צו טאָן; און פון די אָפּצאַסן ווערט לאַטקעס צו פּאָדעשוועס און זיי באַגעגענען זיך נאָך אַמאָל מיט נאָל, שטיפט און האַמער. און אַזוי ווערן ביידע געשטאָכן, געלאַטעט און דערנאָך ווייטער געטראָטן... נאָר דאָס טרעטן און שטעכן איז נאָך נאָלד געגן דעם מאָראַלישן אומגליק! יעדער אָפּצאַס, שוין יאָרןלאַנג פון כמעט גלייכע שטיקלעך צוזאַמענגעשלאָגן, און בפרט אַ פּשישוועס „מעור אחד", האָבן זיך שטענדיג געפילט גוט צוזאַמען, אַצינד ווערן זיי צעטיילט און צעדראָבלט און זיי צעפאַלן זיך אין פרעמדע שטיוול אַריין! אויפ'ן מיסט האָבן זיי כאָטש מנוחה... אמת, זיי פוילן, נאָר ערשטנס — פוילט זיך יעדערער אין גאַנצן, נישט געבענקט, אָן אַ צערים הארץ; און צווייטנס, איז לעדער אַזוי האַרט און האַרטנעקיג, און זיי פוילן אַזוי לאַנגזאַם, אַז זיי פילן עס נישט כמעט! און, אַז עס טרעפט יאָ, אַז איינער דערפילט, טראַכט ער דאָך: עט! איידער עס וועט מיך איינגאַנצן דורכנעמען, קען נאָך אַ מלחמה ווערן... משיח קומען!

און דערווייל איז כאָטש וואַרעם! קיינער טרעט נישט, ווייל

קיינער וויל קיין שטיוול אין מיסט אריין נישט שטעקן... עס טרעפט זיך, עס פאַלט אמאָל אַרויף א שכור, שלאָפט ער זיך אויס —ואיננו! מען ציטערט נאָר פאַר די שמאַצסיאַרקים!... דאָס איז אַמאָל א לוסטיג פאָלק געווען, גאַנצע שיך אַוועקגעוואָרפן, היינט קלייבן זיי שטיקלעך און טראָגן זיי צום שוסטער! אָט, דעריבער טאַקע באַגראָבן זיי זיך טיף און טיפער אינ'ם בערגל מיסט... און טיף אין מיסט איז וואַרעם און דושנע... די אַלטע אָפּצאַסן און שטיקער פּשישווע קריגן א ביסעלע היץ און פלוידערן פון וועג, און אַז מען ספּלאַוויעט דאָס מיסט אין קאַנאַל אַריין, הלומ'ט זיך זיי—גלגול מחילות... און זיי וואָלטן אַזוי גליקלעך חלומ'דיג דערפוילט זייערע יאָרן, ווען נישט דער שטן—דאָס מחלוקת... זיי האָבן קיין אחדות נישט אין מיסט: פּשישווע מיט קנאַפּל ווילן זיך ניט קענען, צוויי אָפּצאַסן פון איין שטיוול בלאָזן זיך אודאי — דער רעכטער שרייט, אַז ער איז דער רעכטער, און דער לינקער—אַז ווען פיס זאָלן תפילין לייגן, וואָלט ער געהאַט בלויע צייכן פון דער רצועה! פון פאַרשיידענע שטיוול איז פּונקט איינער א שפּיציגער פראַנצויז און דער צווייטער א פלאַך־שטייפער ענגלענדער; און, טרעפן זיך שוין צוויי פראַנצויזן אָדער צוויי ענגלענדער, באַקוקט מען זיך א האַלבע שעה פון אַלע זייטן, און אַז איינער דערזעט, אַז דער צווייטער איז מער אָפּגעשליפן, מאַכט ער פליטה פון קבצן. און דעריבער פוילן זיי אין דער מאַסע אין מיסט, און דאָך איינזאַם און טרויעריג. יעדער פוילט, און יעדן חלומ'ט זיך באַזונדער... און אַזוי שווימען זיי אָפּ זייער באַשערטן גלגול מחילות...

נאָר יעדן פרייטאָג צונאַכטס, ווען דער חזן זאָגט „לכה דודי" און זינגט: התנערי, מעפר קומי! דערפילן זיי א ציטערניש אין די ביינער און ווילן זיך אויפהויבן! נאָר יעדעס שטיק באַזונדער איז פאַרפוילט און אָן כוח, און זיך צוזאַמענעמען איז נישט מעגלעך...

און אַזוי פוילן זיי ווייטער משבת לשבת.

דער גולם

גרויסע לייט פלעגן אמאל באווייזן גרויסע נסים... אז מען איז אין פראג אמאל באפאלן דעם געטא און מען האט געוואלט מטמא זיין די ווייבער, אפבראטן די קינדער און אויסקוילן די רעשט; אז עס איז שוין געווען „כלו כל הקצין", האט דער מהר"ל אוועקגעלייגט די גמרא, ארויסגעגאנגען אין גאס, צוגעגאנגען צום ערשטן בעסטן בערגל ליים פאר א מלמד'ס טיר, און האט אויסגעקנעטן א ליימיגן גוף.—דעם גולם האט ער ארייגעבלאזן אין דער נאז—און דער האט זיך אנגעהויבן רירן; דערנאך האט ער אים איינגערוימט אין אויער אריין א שם, און אונזער גולם איז ארויס פון געטא.—דער מהר"ל איז צוריקגעגאנגען אין בית המדרש אריין לערנען, און דער גולם איז באפאלן אונזערע שונאים, וואס האבן דעם געטא באלאגערט, און האט געדראשן ווי מיט צעפעס... מענטשן זיינען געפאלן ווי די פליגן!

פראג ווערט פול מיט הרוגים... אזוי האט עס—דערציילט מען—געדויערט מיטוואך, דאנערשטאג; עס איז שוין פרייטאג, עס שלאגט שוין צוועלף דער זייגער, און דער גולם טוט אלץ ווייטער דאס זייניגע.

—רבי! — האט זיך קהל געבעטן,—דער גולם הרג'עט אויס גאנץ פראג! עס וועט נישט בלייבן, ווער עס זאל שבת די אויוון הייצן, די לייכטער אראפנעמען!

דער מהר"ל האט ווייטער מפסיק געווען פון לערנען, געשטעלט זיך צום עמוד און אנגעהויבן „מזמור שיר ליום השבת"!

דער גולם האט אויפגעהערט צו טאן זיין מלאכה. ער איז צוריקגעקומען אין געטא, אין ביהמ"ד אריין, און איז צוגעגאנגען

צום מהר״ל. דער מהר״ל האָט אים ווייטער עפּעס איינגערוימט אין אויער; עס האָבן זיך דעם גולם די אויגן צוריק פאַרמאַכט, די נשמה איז פון אים אַרויס און ער איז צוריק ליימיגער גולם געוואָרן...

דער גולם ליגט עד היום באַהאַלטן אין פּראָגער שול אין דער הויך, באַדעקט מיט׳ן שפּינוועבס, וואָס וועבט אַרוים פון אַלע פיר ווענט, און פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער אַרקאַדע, עס זאָל אים, דעם גולם, קיין אויג נישט זען, בפרט טראָגעדיגע ווייבער פון עזרת־נשים! דעריבער טאָקע טאָר מער דאָס שפּינוועבס נישט רירן, און ווער עס רירט דאָס אָן — — שטאַרבט... די עלטסטע מענטשן געדענקען שוין נישט דעם גולם, נאָר דער חכם צבי, דעם מהרל׳ס אייניקל קלערט נאָך: צי מען מעג אַזאַ גולם מצרף זיין צום מנין אָדער צו מזומן...

דעם גולם, זעט איר—האָט מען דאָך נישט פאַרגעסן... ער איז דאָ! נאָר דער שם, ווי אַזוי מען זאָל בשעת הדחק דעם גולם לעבעדיג מאַכן, דער שם איז ווי אין אַ וואַסער אַריין! און דאָס שפּינוועבס וואַקסט און וואַקסט און מען טאָר עס נישט רירן.— טו עפּעס!

בוימער

אין א ברייטער אַליע שטייען ווי־זאָ־ווי צוויי בוימער. עס קומט דער פרילינג מיט גאָט׳ס זעגן, מיט פריש לעבן, מיט בלומען, טוי און געזאַנג... עס קומט דער פרילינג און די טרויעריג־געבוי־גענע בוימער גלייכן זיך אויס. עס ווערט אַלעס ווארימער און ווארימער; די שרעקנדיגע ווינטלעך בלאָזן לייכטער, לוסטיגער און פריילעכער; די זון ווערט מילד און פארשווענדעריש; גאַנצע בינטן ליכט פליען אין די לופטן, די צווייגן ווערן גרין און גרינער, זיי צעוואַקסן זיך אין אַלע זייטן און ווערן מיט בליטן און בלעטער באַדעקט.

און די רייכע גליקלעכע בוימער בויגן זיך צו איינס צום צווייטן; ס׳מישן זיך אויס די צווייגן. ס׳האַלזן זיך די בלעטער, ס׳קושן זיך די בליטן! פוןביידע דערווייטערטע שטאַמען טרייבט זיך אַרויף די שפע ביז דער קרוין פון לעבן און ליבע, וואָס האָט זיי אַצינד צוזאַמענגעפאָרט!

גליקלעכע בוימער! גליקלעכע ליבע! דער בלויער הימל איז איבער זיי די חופה, די געפלינלטע קאָפעלע שלעפערט זיי איין מיט זיסע טרעלן, זיי חלום׳ט זיך אייביג גליק און פארגעסן זיך איינס אינ׳ם צווייטנ׳ס אָרעם...

עס בלאָזט א קאַלטער ווינט... עס פאַלן אַראָפּ די בליטן, און די נאַקעטע בלעטער טוליען זיך דערשראָקן איינס צום צווייטן...

עס בלאָזט נאָך קעלטער... די פויגל געזעגענען זיך טרויעריג און פליען אַוועק... זיי קענען אָן וואַרימקייט און ליכט נישט זינגען, נישט לעבן... עס בלייבן נאָר קראַנקע, וואָס דער שניי וועט באַגראָבן...

דער הימל באַדעקט זיך מיט אַ גרויען וואָלקן, עס הויבן אָן פאַלן די בלעטער; געלע, טרויעריגע צווייגן כאַפּן זיך אויף פון זיסן שלאָף, עס פאַרשווינדן די זיסע חלומות... זיי ציען זיך איין, זיי ווערן קירצער און קירצער...

עס פאַלט דער ערשטער קאַלטער שניי,—די בוימער האָבן זיך צוריקגעצויגן איינער פון צווייטן, זיי שטייען שוין צוריק אָפּגע־רוקט איינער פון צווייטן, זיי שטייען שוין צוריק אָפּגערוקט ווייט מיט די שטאַמען צוגלייך... זיי האָבן שוין איינס דאָס אַנדערע פאַרגעסן... אָט, שטייען זיי שוין פרעמד. קאַלט, קוקן אויף זיך מיט בייזע אויגן... און אונטן גייט אַ מערדערישע מלחמה צווישן די וואָרצלען איבער אַ טראָפּן זאַפּט...

צי וועט נאָך צוריק זומער ווערן?

— איך וועל אים שוין נישט דערלעבן! צאַפּלט און גוסס'ט אַן איבערגעלאָזטע שוואַלב אין שניי.

— קראַ־קראַ־קראַ! — רופט לוסטיג די שוואַרצע גנב'טע, די קראָ, — עס וועט שוין קיינמאָל קיין זומער נישט זיין — און לאָזט זיך אַראָפּ מיט'ן שאַרפן שנאָבל צו דער פאַרפרוירענער ערד.

— פהי! אוים זומער! — בלאָזט דער קאַלטער ווינט...

וועלכע?

.1

דאָס שענסטע פון אַלע שיינבילדער אין גאָרטן איז ווענוס— די גריכישע געטין פון שיינהייט. פון ווייסן מאַרמאָר, אויף א גרינלעך־בלאַנקן פּעדעסטאַל, שטייט די שיינע געטין און קוקט מיט אירע פריי־אָפענע אויגן אויף א טעראַסע מיט פרישע רויזן און ליליען.

אין דער אַלייע באַווייזט זיך א ניינצן־יעריג מעדכען. איר געזיכט שטראַלט מיט פרייד, די אויגן שפּריצן מיט פרישן געזונטן לעבן. זי גייט צו צו ווענוס.

מיטוויליג שפּרינגט זי אַרויף אויפ'ן פּעדעסטאַל—זי איז איין גרויס מיט דער געטין.

דאָס פרייט זי. זי נעמט אַרום מיט דער אַלבאַסטער־האַנט דעם מאַרמאָרנעם געטלעכן האַלז, לייגט צו אירע פרישע, קרעלענע ליפּן צו די געטלעכע.

אַזוי שטייט זי א ווײַלע. און ווער עס גייט דורך פרעגט זיך:
— וועלכע איז שענער? צי די פון שטיין, צי די פון פלייש?

.2

אונטער א דיקער בלאַנקער שויב, אין אויסשטעלונג פון א מאָדע־מאַגאַזין, שטייט א שיינהייט, באַהאָנגען מיט מאָדע זאַכן, נאָר אויסגעקלעפּט פון וואַקס.

די ליפּן זיינען אומנאַטירלעך רויט, ווי ערשט פריש און צופיל געפאַרבט; דאָס געזיכט איז געלבלעך־מאַט. די ברייט־געעפנטע אויגן—שטאַר, אָן א בליק; אם שרעקלעכסטן זיינען דאָך די ברעמען; א רייע פון שטייפע האָר, וואָס שטייען איינס ווייט פון צווייטן...

אינעווייניג, אין האַלב־פאַרטונקלטן לאָדן קויפן דאַמען אַלערליי בענדער.

— פריילין,—מאַכט די דיקע מאַדאַם צום לאָדן־מעדכען, נעמען זיי נאָך אַרויס די קאַרמין־בענדער פון דער אויסשטעלונג.

דאָס מעדכן פאָלגט.

איר גאַנג איז מיד און וואַקלדיג; מיט אָנשטרענגונג עפנט זי ברייט די רויטלעכע אויגן, אום נישט איינצושלאָפן אין גאַנג.

דאָס געזיכט איז שיין, נאָר מאַט, געלב און אָפּגעלעבט; די ליפּן רויט, נאָר, קענטלעך, פריש געפאַרבט.

זי עפנט דאָס פענצטער, בויגט זיך איבער דאָס וואַקסענע בילד און זוכט די בענדער. זוכנדיג, פאַרטראַכט זי זיך, און פאַרקוקט זיך אין דער לופט אַריין, אויף גאָרנישט...

אַזוי שטייט זי א ווײַלע. און ווער עס גייט דורך אין גאַס פרעגט זיך:

— וועלכע איז שרעקלעכער? די פון וואַקס, צי די פון פליייש?

פּאָדליעץ

.1

א רייכער מאַן פאָרט דורך און באַמערקט א בעטלער, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. עס איז קאַלט און פייכט. גאָט ווייסט, ווי לאַנג דער בעטלער שטייט שוין און וואַרט אויף א נדבה.

דער רייכער מאַן קריגט רחמנות, כאַפּט אַרויס און וואַרפט דעם בעטלער א זילבערן צען־קאָפּיקן שטיק.

דער בעטלער קוקט אויפ׳ן אָרט, וואו די מאָנעטע איז געפאַלן און רירט זיך נישט פון אָרט. דער רייכער מאַן באַמערקט עס,— עס איז אים ווייניג—טראַכט ער.

— פּאָדליעץ!

.2

די דראָזשקע איז פאַרביי. דער בעטלער זעצט זיך קראַכצענדיג אויפ׳ן טראָטואַר.

עס איז פייכט און קאַלט, און עס ברעכן אים די ביינער; די פיס זיינען ווי פאַרשטאַרט... גאָט ווייסט, ווי אַזוי ער וועט היינט

אַהיים קומען; זיי פּאַלגן נישט, די הילצערנע פיס. זיצנדיג, קען ער אויך צו דער מאַנעטע נישט דערלאַנגען, ער ציט זיך אײנגעאָנצן אויס און שטרעקט אויס די האַנט... קוים קוים! ער האָט זי!

ער נעמט זי צו די אויגן צו, זי איז פאַלש! און ער שרייט אויך אויס:

— פּאַרליעץ!

שוויין

אויף א גאָלד־געשטיקטער סאָפע ליגט א בלאַסע דאַמע אין א העל זײדן קלייד.

דורך די שווערע גאַרדינען פאַלט א מאַטער שײן אויף אירע קלײנע שמאָלע ליפּן, וואָס קרימען זיך אויף א שווערן זיפץ. אין די טיפע בלויע אויגן באַווייזן זיך טרערן...

עס איז איר נישט גוט... נישט דאָס האָט זי געמיינט!

ליבע האָט זי געוואָלט. אידעאַלן האָט זי געזוכט... און ער גיט איר בריליאַנטן און פּאַלאַצן...

רעדט ער מיט איר, פון געלט־זאַכן... פון פּאַדריאַדן...

קיינער פאַרשטייט זי נישט; נישט ער—דער מאַן, נישט זיינע, נישט אירע געסט...

און דאָס האַרץ אירס בענקט! עס קלעמט, עס פילט זיך פרעמד אין דער וועלט פון געלט, פון זילבער, גאָלד און בריליאַנטן... עס רייסט זיך צו אידעאַלן, צו... צו... צו...

עס איז איר ווירקלעך נישט גוט, כאָטש עס פעלט איר דער אויסדרוק.

זי שטרעקט אויס די ווייסע בלאַנקע האַנט, און רירט דאָס גלעקל אויפ׳ן טיש צוקאָפּנס.

עס באַווייזט זיך דאָס שטובן־מעדכן.

— א טאַסע קאַפע! — באַפעלט די דאַמע.

דאָס מעדכן פאַרשווינדט און קומט צוריק מיט א כינעזיש פאַרצעלאַנענער טאַסע אויף א שווערער זילבערנער טאַץ. דער

פיינער גערוך פון פיינעם קאַפע מישט זיך אויס מיט'ן לייכטן היאַצינטן גערוך אין צימער.

גייענדיג צו דער סאָפע, פאַרטשעפעט זיך דאָס שטובן־מעדכן אָן א פאַרבויגענעם עק פון טערקישן דיוואַן און—פאַלט.

עס הערט זיך א טויבער קלאַנג פון דער געפאַלענער טאַץ און פלאַצנדער טאַסע.

— שוויין!—שפרינגט אויף און שרייט די דאַמע.

עס איז דאָך נישט קיין זאַקן

אין זאָקן־פֿאַבריק.

עס קומט אַריין אַ מעדכן מיט אַ טוץ אויסגעאַרבעטע וואָלענע זאָקן. זי גייט צו צום אַלטן הער.

ער וואַרפֿט אַ בליק אויף דער סחורה, ווייזט איר מיט׳ן פֿינגער צום יונגן הער.

דער יונגער הער נעמט די זאָקן אין האַנט אַריין—גענוג ווייך. דערנאָך לייגט ער זיי אויף דער וואָג,—זיי האַלטן אויס. דערנאָך נעמט ער אַ מאָס און מעסט די לענג,—די ראַנד, דעם פֿוסבאַלן — — גוט.

דאָס מעדכן אָטעמט אָפּ; שטרעקט אויס די האַנט נאָך געלט.

— אַ ווײַלע! — מאַכט דער „יונגער הער". ער נעמט פֿון טיש אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז, ווישט עס אויס און באַטראַכט די אַרבעט.

נאָך אַ לאַנג באַטראַכטן, זאָגט ער גלײַכגילטיק, נאָר פֿעסט:

— עטלעכע פֿעדים איבערגעהאַקט — דרײַ אויגן נאָכגעלאָזט... דרײַ פּראָצענט אַראָפּ!

— אָבער...—ווײַל זי זיך פֿאַרטיידיגן.

— קיין אָבער!—האַקט איבער דער יונגער הער. גיט איר אַ קוויט צו דער קאַסע.—

די טיר עפֿנט זיך ווייטער, און עס באַווײַזט זיך אַ לאַכנדיג נעלב־אידל.

— גוט מאָרגן!

— גוט יאָר,—ענטפערט דער אַלטער הער.—ביטע!

דאָס נעלע אידל גייט צו צום אַלטן, זעצט זיך ביים טיש.

— דאָס איז מיין זון! — ווייזט ער אויפ'ן יונגן מיט שטאָלץ.

— א סוחר!—גיט ער צו—און נאָך ווי הייסט א סוחר!

— נו, איז גוט! — ענטפערט דאָס נעלע אידל,—א סוחר דאַרף געלט!

— געלט!—ציט דער אַלטער מיט די אַקסל.

— 15 טויזנט אין באַר!

— נאָר איין פּוס א ביסל קירצער — מישט זיך דער יונגער הער אריין מיט אן אוממוטינן שמייכל.

— מען זעט קוים אָן!—מאַכט דער שדכן.

— אָבער קירצער איז ער!

— נו,—מאַכט דער אַלטער,—א כלה איז דאָך נישט קיין זאַק! מען קוקט נישט אויף קיין פאַרגרעסער־גלאָז!

וועגן קינדער

(אין צוויי דראמאטישע בילדער)

פערזאָנען:

שרה—אַ קראַנקע אין בעט.

מאיר—איר זון, אַ יונגער שניידער געזעל.

מרים—זייער קרובה.

שניידער געזעלן.

א שכנה—א פרומע, אָרים־געקליידעטע פרוי פון א יאָר 40.

בית־דין שמש.

צווישן ערשטן און צווייטן בילד גייט פאַרביי א יאָר צען.

ערשטע בילד

און אָרים צימער.

רעכטס א טיר אין קאָרידאָר אריין. לינקס—א פענצטער אין גאַס אַריין. אין דער מיטל־וואַנט א פאַרמאַכטע טיר, פאַרהאַנגען מיט שניידער־אַרבעט.

לינקס פון דער פאַרמאַכטער טיר: א גלעזער: א שעניק, א שטרויען קישן, א קאָלדרע. אַלץ אַלט, געצערעט נאָר ווייס איבערגעצויגן. אין מיט־שטוב—דער קראַנקעריס בעט, רעכטס און אַרויסגערוקט — און אַלטער, מיט שוואַרצע לעדער באַדעקטער פּאָטער־שטול, מיט א שאַל איבער דער אָנלען, און—א ווייס קישן אויפין געזעס. פאַרין בעט—א טישל. דערויף—מעדיצין־פלעש־לעך, א פּאָר טעלער און דאָס גלייכן. נעענטער און אין מיטן שטוב —און אַרבעטס־טיש, אויף אים רעכטס—א שניידערישע פוס־ניי־מאַשין, לינקס א האַנט־ניי־מאַשין צו וועש.

איבער דער צייט פון שפּילן—הערט זיך אָפּט א גערויש דורכ׳ן פענצטער פון גאַס און דאָס קרעכצן פון דער קראַנקער אין שלאָף.

(דער פאָרהאַנג גייט אויף).

(דאָס שפּאַנישע ווענטל איז אָפּגערוקט פון בעט).

שרה (קרעכצט, איינשלאָפנדיג).

מרים (פאָרעט זיך ביים בעט; גלעט די קראַנקע און שלעפט זי איין).

מאיר (אַרבעט ביי דער פוס־מאַשין. קוקט מיט ברענענדיגע אויגן אויף מרימען און אירע באַוועגונגען ביים בעט).

מרים (גייט אָפּ עטלעכע טריט הינטערווייַלעכץ, רוקט צו דאָס שפּאַנישע ווענטל).

מאיר (כאַפּט צוריק די אויגן צו דער אַרבעט).

מרים: געלויבט איז גאָט—איינגעשלאָפן.

מאיר: (איראָניש) געלויבט זיין ליבער נאָמען. (קורצע פויזע) אויף לאַנג?

מרים: דאָס גערויש פון גאַס זאָל זי נאָר נישט וועקן...

מאיר: (ביטער) זוך א בעסערע דירה!

מרים: (קוקט אויף מאירן מיט רחמנות, זעצט זיך צו דער אַרבעט, צו וועלכער זי בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ).

מאיר: (הויבט די אויגן אויף, קוקט אויף איר מיט א געמישטן בליק פון ליבשאַפט, ביטערקייט און צאָרן).

מרים: (דערפילנדיג זיין בליק, ווייך) האָסט עפּעס געוואָלט, מאיר?

מאיר: (געשווינד צוריק אַראָפּלאָזנדיג די אויגן און האַסטיגער אַרבעטנדיג) איך? — — געוואָלט? — אין מיין גאַל וויל מען נישט—טאָר מען נישט וועלן.

מרים: עט! (נעמט זיך צוריק צו דער אַרבעט).

מאיר: (ביטער און בייסיג) ז'האָט זיך באַליידיגט, די פּריצה! רעד מיט איר דורך א זיידן טיכל! — — כ'האָב נישט קיין זיידן טיכל (פּויזע).

שרה: (ווי פון שלאָף) מרים־לעב!

מרים: (הערט זיך איין).

שרה: (וואַכנדיגער) מרים־לעב!

מרים: כ'ניי, מומע (גייט צו, רוקט אָפּ דאָס שפּאַנישע ווענטעל) וואָס ווילסטו, מומע?

שרה: א ביסל וואַסער...

מרים: (דערלאַנגט איר צום מויל).

שרה: (וויל אויסבויגן דעם קאָפּ צו דער שטוב און קאָן נישט).

מרים: (וויל איר העלפן).

שרה: (אָפּוועדנדיג) ניין... ניין... ס'טוט וויי... ס'טוט אַזוי וויי... (פּויזע). ער איז דאָ?

מרים: ד'איז דאָ...

שרה: זייט דו ביזט געקומען זיצט ער אין דערהיים... (העכער) זאָל דיר גאָט באַצאָלן דערפאַר!

מאיר: ווייבער קאָנען אָן גאָט נישט לעבן!

שרה: גיי צו אים, גיי... (זאָגט איר עפּעס זייער שטיל).

מרים: (שווייגט און רואיג פאַרשעמט).

שרה: האָסט עס געוואוסט.

מרים: איך האָב עס פאַרשטאַנען...

שרה: נו, גיי... גיי — — צו דער מאַשין... איך וועל אפשר נאָך איינשלאָפן!

מרים: (טרעט אָפּ פון בעט, פאַררוקט צוריק דאָס ווענטל. זעצט זיך צוריק. פויזע).

מאיר: נאָך וואָס ביזטו צו אונז געקומען, פּריצה?

מרים: נישט צו דיר. די מומע האָט געשריבן... פלעגסט זי אַליין לאָזן... אויף פאַרזאַמלונגען גיין... די בריוו זיינען דורכגענעצט געווען פון טרערן.

מאיר: און עס האָט דיך גערירט?

מרים: נישט קיין רחמנות?

מאיר: א טייערער ביסן רחמנות—פאַר אַן אָרימאַן. אַן עושר—עס ווערט אים וואָרעם ביים האַרץ, כאַפּט ער אַרויס א קערבל און קילט זיך אָפּ. אַן אָרימאַן מוז זיך אוועקגעבן!—אינגאַנצן!

מרים: מיין גוטער ווילן.

מאיר: און דאָ בלייבסטו—לאַנג?

מרים: (פעסט) איך בלייב!

מאיר: ביזטו א נאַר... א מיידל איז יונג, שיין...

מרים: (שמייכלענדיג דורך טרערן) שיין אויך, מאיר?

מאיר: (נישט אַכטנדיג) און א פרייער פויגל — — איינע אַליין — — —

מרים: ביזט שוין אַמאָל געווען איינער אַליין?

מאיר: ניין...

מרים: זאָל דיך גאָט דערמיט נישט שטראָפן...

מאיר: ווען איך בין אַליין — —

מרים: וואָס וואָלסטו געטאָן?

מאיר: אוועק וואָלט איך... אוועק...

מרים: פון דער קראַנקער מאַמען?

מאיר: „אַליין"—האָב איך געזאָגט...

מרים: און פון מיר?

מאיר: — — דו וואָלסט ערשט די פליגל צעשפּרייט! א

פרייער פויגל... מיט דיין שיינקייט... די וועלט וואָלט פאַר דיר אָפּן געשטאַנען...

מרים: (שפּרינגט אויף פאַרציטערט) וואָס ווילסטו פון מיר, מאיר? וואָס פאַר'סמ'סטו מיר דאָס בלוט! (גייט האַסטיג איבער דער שטוב) ווי פיינט דו האָסט מיך!

מאיר: איך האָב אַלע פיינט! פאַרוואָס דיך נישט?

מרים: (שטעלט זיך פאַר אים אָפּ) מיך האָסטו באַזונדער פיינט!

מאיר: עקסטראַ?

מרים: און ווייסטו פאַרוואָס, מאיר, דו האָסט מיך פיינט?

מאיר: פאַרוואָס זאָל איך דיך האָבן ליב?

מרים: דוקא פאַרקערט! ווייל דו האָסט מיך ליב! ווייל דו ליבסט מיך, האָסטו מיך! האָסט מיך פיינט, ווי אַ קראַנק קינד האָט פיינט זיין מעדיצין... פון וועלכן עס קאָן גענעזן ווערן!

מאיר: אין וועלכן ראָמאַן האָסטו עס געלעזן?

מרים: ניין, מאיר! איך זע... פאַר מיר באַהאַלטסטו דיינע אויגן, אָדער קוקסט מיט האַס; און לאָז איך נאָר דעם קאָפּ צו דער אַרבעט אַראָפּ—שוועבט שוין גאָר אַן אַנדערער בליק איבער מיין קאָפּ... גיי איך נאָר אָפּ פון דיר און דריי מיך אויס, ווערט דיין מאַשין שטילער. בלייבט זי שטיין און דיין בליק ברענט מיר די אַקסל — —

מאיר: משוגע!

מרים: דערווייל נאָך נישט... נאָר מען קאָן, מען קאָן משוגע ווערן — — (זעצט זיך צוריק צום טיש, פאַרבאָרגט דעם קאָפּ אין די הענט, ציטערט פון אַ פאַרשטיקט געוויין).

מאיר: (ווייכער) מרים!

מרים: (נעמט די הענט אַוועק) וואָס, מאיר?

מאיר: (געריִרט) דו וויינסט?

מרים: (בעטנדיג) מאיר, האָב רחמנות!—האָב רחמנות אויף זיך אַליין, מער ווי אויף מיר... (שטעלט זיך אויף, דרייט זיך אויס, אויסצואווישן די טרערן).

מאיר: (שלאָגט זיך א ווײַלע מיט דער דעה, נעמט ענדלעך פון בוזעם־טאַש אַרויס א פאָטאָגראַפיע, דערלאַנגט איר) איך טאָר נישט, מרים!

מרים: (נעמט די פאָטאָגראַפיע מיט ציטערדיגע הענט—באַטראַכט—פאַלט צוריק אויפ'ן בענקל—די פאָטאָגראַפיע פאַלט איר פון האַנט אַרויס אויפ'ן טיש, הייזעריג) אַה? דאָס איז נידערטרעכטיג... האָסט ליב אן אַנדערע און האָסט פאַרשוויגן — — —

מאיר: (שטרענג) עס איז קיין אַנדערע, מרים... מיין מאַמע איז עס... מיין מאַמע, מיידלווייז—(פויזע).

מרים: (קומט לאַנגזאַם צו זיך—מיט טרערן פאַר פרייד) דיין מוטער... ווי שיין... ווי געטלעך שיין—

מאיר: געווען!—מיין טאַטע איז אויך א שיינער געווען... אויך א שניידער־געזעל, נאָר—אַנדערע צייטן, בטחון געהאַט... גאָט פאַרלאָזט נישט... ווער עס שפייזט א ווערימל... און א חופה געשטעלט... צוויי מתים...

מרים: און נישט גליקלעך געלעבט — —

מאיר: דלות לאָזט נישט לעבן — — פון זיבן בין איך איינער געבליבן — — פון די וויגן אַוועקגעטראָגן — איינס פון וואַסער אַרויסגעצויגן! (ווייזנדיג צו דער ₪וטעריס בעט) און דאָס איז געבליבן פון דער געטלעכער שיינקייט... (פויזע) א לעבעדיגער מת!

מרים: (פאַרשטעלט זיך דאָס פנים און וויינט).

מאיר: (זייער גערירט) מען טאָר נישט, מרים! עס איז א זינד... מיין טאַטע פלעגט אויף דער עלטער צו רייכע אַרומגיין נאָך הילף... „אויף קהל'ס חשבון קינדלעך און באַגראָבן — האָבן זיי געזאָגט, — איז א זינד"!... (פויזע).

מרים: מאיר... גאָט קאָן העלפן... האָף צו גאָט!

מאיר: (מאַכט אַוועק מיט דער האַנט).

מרים: און אפשר... אפשר...

מאיר: וואָס אפשר? מרים!...

מרים: אפשר וועט גאָט העלפן, עס וועט נישט זיין... קיין... קיין קינדער!

הינטערין וועגטל פאַלן אַראָפּ טעלער און גלעזער פון טישל.
(פאַרוואונדערטע פויזע).

מאיר: אַראָפּגעפאַלן, צי זי האָט געהערט און אַראָפּגעוואָרפן!
(גייט צו צו איר מיט אויסגעשפּרייטע הענט).

שכנה: (קומט אַריין). (פאַרהאַנג). מזל טוב!

צווייטע בילד

(צען־צוועלף יאָר אַרום).

דאָס זעלבע צימער, באַלעבאַטישער איינגעריכטעט; רעכטס צוויי בעטן—לינקס א קאַנטאָרקע; אין מיטן—אַ קליין גאַרניטור ביליג מעבל. די טיר אין צווייטן צימער אַריין איז אָפן, עס זעען זיך שניידער־געזעלן ביי דער אַרבעט, דאָס גערויש פון פוס־מאַשינען.

מאיר: (זיצט ביי דער קאַנטאָרקע איבער רעכן־ביכער; דע־נערווירט, בייזע באַוועגונגען)—

מרים: (זיצט אויף אַ בעט, דאָס געזיכט אין די הענט).
איינשטימיג געזאַנג פון צווייטן צימער.

מיר שווערן ביי דער ליכטיגער זון—ליכט מוז זיין פאַר אַלע!
מיר שווערן ביים פרייען פעלד — — ברויט מוז זיין פאַר אַלע!

(דער רעפרעין ווערט איבגעכאַפּט פון עטלעכע שטימען)

מאיר: (רופט אין דער צווייטער שטוב אַריין) שטיל זאָל זיין! נישט פאַר זינגען צאָל איך מיין בלוט! (עס ווערט שטיל).
מרים: (זיפצט).

מאיר: און דו, קווענקע נישט! — נישט מעגלעך א רעכע־נונג צו מאכן!

(פון יענער זייט ווערט מיט אן אימפעט צוגעוואָרפן די טיר צום שלאָס).

מאיר: קלאַפּן זאָל עס אייך אין די קעפּ!

מרים: אך, גאָט, גאָט—וואָס פון א מענטש ווערט!

מאיר: שווייג!

(פויזע. דאָס געזאַנג פון צווייטן צימער הערט זיך אָן ווערטער).

א שניידער־געזעל: (קומט אַריין).

מאיר: וואָס אזוי שפּעט?

שניידער־געזעל: א קינד איז מיר אוועקגעפאַלן.

מאיר: ווען איך רעכענען אייך פערטל טאָג!—

שניידער־געזעל: (איבערגייענדיג צום צווייטן צימער) עקס־פּלואַטאַטאָר! (וואַרפט הינטער זיך צו די טיר).

מרים: (שטילער ווי פריער) וואָס פון א מענטש קאָן ווערן.

מאיר: (פאַרטיפט זיך אין רעכענונג).

מרים: (נאָך א פויזע זייער טרויעריג און לאַנגזאַם) ארויס־געזאָגט אין א שלעכטער שעה... אין א בייזער שעה... גאָט'ס אויער הערט... אליין זיך פארשאָלטן... א מענטש טוט זיך נאָר אליין...

מאיר: ווען שווייגן אמאָל?

מרים: ווי אזוי רעדסטו צו מיר, מאיר? נישט אזוי פלעגסטו רעדן אמאָל.

מאיר: האָסט מיך געקענט... נישט גערארפט צורעדן... (פויזע).

מרים: היינט איז דער חופּה־טאָג געווען.

מאיר: א יאָרצייט!... אזוי פיל יאָרן באַגראָבן...

מרים: באַגראָבן... גאָר באַגראָבן? קיין גליק איז גאָרנישט

נעוועץ? האָסט מיר גאָר נישט קיין גוטס צו פאַרדאַנקען... מאיר!

מאיר: (גערירט) פאָלג מיך, מרים—רעד נישט דערפון... אַזוי קען נישט זיין... עס קען אַזוי נישט בלייבן... און וואָס? ! מיר זיינען דאָך נישט צוגעשמידט מיט אייזערנע קייטן... לאָמיר זיך נישט שווער מאַכן דעם לעצטן טאָג... נעם בעסער דעם שאַל, גיי אַראָפּ, קויף עפּעס איין...

מרים: (וויל עפּעס זאָגן).

מאיר: רעד מיך נישט איבער... עס מוז אַמאָל קומען די צייט... און וואָס שפּעטער איז ערגער — פאַר דיר... דיין טובה מיין איך... גיי, מרים, גיי. לאָמיר נאָך היינט צוזאַמען מיטאָג עסן...

מרים: (רעזיגנירט) גוט... איך גיי. (הויבט זיך אויף, נעמט דעם שאַל, גייט, וואַקלדיג, איבערן צימער צו דער טיר).

מאיר: (מאַכט זיך גלייך ער איז צוריק פאַרטיפט אין חשבונות).

מרים: (אין טיר) צו ווידערזען!

מאיר: (ענטפערט נישט, גלייך ער הערט נישט).

מרים: (וואַרפט אויף אים א געבעט־בליק).

מאיר: (דערפילט דעם בליק און לאָזט נידעריגער דעם קאָפּ איבערן בוך אַראָפּ).

מרים: (וויל זיך צעוויינען. גייט געשווינד אַרויס).

מאיר: (אָטעמט אָפּ) אַה! (שטייט אויף, גייט האַסטיג אי־בער דער שטוב). אוים אייזן מוז מען זיין — — — און וואָס? כ'וועל זי דאָך פאַרזאָרגן — — — עס מוז זיין א סוף —

א שניידער־געזעל: (קומט פון צווייטן צימער) באַלעבאָס, איך מוז היינט אהיים גיין פריער—

מאיר: (האַסטיג) גיי!

שניידער־געזעל: (קוקט פאַרוואונדערט. נאָך א ווײלע) גיט מיר א רובל אוואַנס!...

מאיר: (האַסטיגער) מאָרגן, מאָרגן — גיי... גיי!

שניידער־געזעל: (ציט די אַקסל, גייט אַרויס).

(דורך דער אָפענער טיר הערט זיך אַ שטיל־געצויגן געזאַנג).

עס יאָגן ס׳ציען שווערע וואָלקן,
עס בלאָזט און פייפט דער ווינט!
פון סיבירישן שיקט דיין טאַטע — —

מאיר: (מיט קנאה) מענטשן זינגען. (גייט צו, פאַרמאַכט לאַנגזאַם די טיר).

(עס הערט זיך די מעלאָדיע אָן ווערטער).
(מאיר גייט אויף און אָפּ—געריהרט).

שכנה: (קומט אַריין). גוט מאָרגן!... (בלייבט שטיין אין טיר).

מאיר: (זויער) גוט יאָר... איר זוכט מיין ווייב? אַרויס־געגאַנגען...

שכנה: כ׳ווייס... איך האָב זי אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ, זי איז אַזוי שוואַך... (פויזע). אונטן האָט זי זיך צעוויינט. (פויזע).

מאיר: (פאַרציט אַ האַרט פּנים). נו, איז וואָס?

שכנה: וואַרט אַ רגע. (לויפט איבער דער שטוב, עפנט דאָס צימער צו די שניידער־געזעלן).

מאיר: (צעלאַכט זיך) האַ־האַ־האַ! מורא געהאַט פאַר יחוד.

שכנה: (צוריק גייענדיג) איך ווייס, איר וועט אויף מיר קיין בעלן נישט זיין... נאָר, אַז די הייליגע תורה זאָגט: ניין! איז—ניין!

מאיר: הכלל —

שכנה: הכלל עס איז אַ רחמנות!

מאיר: אַ ביליגע זאַך—רחמנות! — און אויף מיר איז קיין רחמנות נישט? (אַרויספּלאַצנד) און פאַר וועמען האָרעוועט מען? פאַר וועמען רייסט מען איין די וועלט? שינדט מען — —

אַ געזעל: (פון צווייטן צימער) ביים אַרבעטער די הויט!

מאיר: (ווייזט אַ פּויסט צו דער צווייטער שטוב).

שכנה: אוי ר' מאיר, ר' מאיר—איר רעדט אַלץ פון עולם הזה, וואָלט איר כאָטש געדערט ווענן אַ קדיש—איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר פאַר דער נשמה ווענן!...

מאיר: זאָל זיין דאָס—

שכנה: אויף איר איז אָבער מער רחמנות — אַזאַ גוטע נשמה — —

מאיר: (פאַרענדערט דאָס קול, איינשמייכלדיג) זעצט אייך, שכנה (זעצן זיך צום טיש)—אדרבה—איר האָט רחמנות, איך האָב אויך רחמנות — „אַ גוטע נשמה", זאָגט איר, איך זאָג נאָר: אַ כשר'ע נשמה... אָבער עס מוז דאָך אַ סוף זיין — —

שכנה: אודאי איז שלעכט...

מאיר: אַ קונץ צו זאָגן „שלעכט"!... אַז מען איז אָבער אַ שכנה, און מען האָט רחמנות, מאַכט מען שלום...

שכנה: (פאַרוואונדערט) איר קריגט אייך דען?

מאיר: כ'מיין — —

שכנה: ניין, ר' מאיר... שלום מאַכן טאָר איך נישט... נעבן דער תורה הקדושה... אַ שפּאָס די ערשטע מצוה!

מאיר: (אומגעדולדיג) נישט דאָס מיין איך... שלום צום גט!

שכנה: חס ושלום, חס ושלום! אַ פינגער אין שפּאַלט פון טיר לייג איך נישט...

מאיר: (בייז, שטייט אויף). נו, נעמט מיר געזונטערהייד.

שכנה: (שטייט אויף, גייט. דרייט זיך אום שוין אין טיר) פונדעסטוועגן פאָלגט מיך, ר' מאיר—פרעגט אַ שאלה... אפשר וועט מען מתיר זיין—וואָס תלמידי חכמים קענען...

אַ שטימע פון הויז: גייסט אין שטוב אריין? ס'קינד רייסט זיך! —

שכנה: איך גיי, איך גיי (אָפּ).

מאיר: (נעמט זיך מ'ט גוואַלד צום חשבון, רעכנט הויך) 7 און 5 איז 12 און 9 איז 32 (שטילער. דערנאָך) 67 און 68— (בייז) א שווארץ יאָר — עס דרייט אין קאָפּ... סאַמע טעותים — בדיל הדל וועל איך ווערן—אָן עק מוז עס האָבן!

מרים: (קומט צוריק, נישט איינגעקויפט, וואַקלט זיך צו צום בעט, וויל זיך לייגן). כ'האָב נישט איינגעקויפט.

מאיר: (שטרענג) כ'האָב דיר שוין גיט איינמאָל געזאָגט, בייטאָג לייגט מען זיך נישט... ס'קען א סוחר קומען—

מרים: פאַרוואָס מאַטערסטו מיך נאָך, מאיר?

מאיר: ווער מאַטערט דיך? ווייסט, מענטשן קענען קומען. עס מוז אויסזען לייטיש... אנישט גיט מען קיין קרעדיט! געשעפט איז געשעפט! — און דו ווייסט, ווען נישט דאָס, וואָס דו ווייסט, וואָלט איך א ניי שפּאַניש וועגטל געקויפט... דער מאַמעס, עליה השלום, איז צעריסן, א חרפה. — —

מרים: (וויינענדיג) ועסט קויפן, ועסט קויפן! פאַר אַן אנדערער...

מאיר: (שטייט אויף) א מענטש דאַרף זיין א מענטש! און וואָס? וואָס פאַר אַן אומגליק? (גייט נעענטער צו) כ'לעבן, גאַרנישט! וואָס איז? חס ושלום, אזוי אַלט ביזטו? (נעמט א בענקל) זעצט זיך רייטנדיג, פאַרט צו אויפּין בענקל נעענטער צום בעט) גלויב מיר, מרים, די וועלט איז א וועלט... די זון איז דיר נישט אונטערגעגאַנגען, חס ושלום! א שיין ווייבל, ברוך השם, ביזטו דאָך — זאָלסט דיך נאָר נישט אזוי אָפּלאָזן!... אויגן האָסטו... נאָך וואָס פאַר אויגן!... זאָלסט זיי נאָר נישט אזוי אויסוויינען—א שאָד אזוינע אויגן — —

מרים: (וויינט שטיל) וואָס דו רעדסט, מאיר!

מאיר: און א פּאָר הונדערטער וועסטו באַקומען...

מרים: (שפּרינגט אויף) שלאַנג!

בית־דין שמש: (קומט אַריין) גוט מאָרגן—דער רב שיקט רופן—

מאיר: (אַרויסשרייענדיג) אַזוי פרי?

(פאָרהאַנג).

דאָס קראַנקע אינגל

(מאָנאָלאָג)

מאַמעשי, איך וויל דיר אויסזאָגן א סוד; דער עיקר—דער טאַטע זאָל נישט וויסן!

פרעגסט פאַרוואָס? ווייל דער טאַטע האָט מיך ווייניגער ליב...

ניין, מאַמעשי, איך זינדיג מיט די רייד; ווייניגער ליב האָט ער מיך נישט; ער האָט מיך נאָר אַנדערש ליב!

ער איז דאָך א טאַטע, איז ער שטרענגער...

דער טאַטע האָט א לאַנגע באָרד; א טאַטנ׳ס פּנים איז נישט אַזוי צו גלעטן, ווי דער מאַמעס אַטלאַסן פּנים... און אויגן האָט ער גאָר אַנדערע, גאָר אַן אַנדערן בליק; דו, אַז דו קוקסט אויף מיר, האָסטו עפּעס אַזוינע לאַכנדיגע, דעריבער פייכטע — — האָסטו עפּעס אַזוינע גוטע, און דערבייי האַרציג־רחמנות׳דיגע אויגן... דו ביזט א מאַמע מיט א חבר צוזאַמען... פאַר דיר קען איך קיין סוד נישט האָבן... מיט די אויגן שעפּסטו מיר אים פון האַרץ אַרויס...

דער טאַטע קוקט גאָר אַנדערש, שטענדיג ערנסט, מכלומרשט קאַלט...

ניין, מאַמעשי, עס זיינען גאָר אַנדערע, אַנדערע אויגן!

קינדווייז, מאַמעשי, פלעג איך ווייניגער פאָרכט האָבן פאַר׳ן טאַטן. איך געדענק, ווי איך פלעג אים אַרויפשפּרינגען אויף די

קניען, צעשויבערן דעם גאַנצן קאָפּ, צעבערשטן און פאַרפלעכטן די באָרד, איבערבויגן די ליפּן, און אַז ער האָט געוואָלט אָפּשטעלן א בייזערדיגן בליק, האָב איך אים גאָר אַראָפּגעדריקט די ברעמען און די אויגן פאַרמאַכט... היינט קען איך נישט...

איינמאָל, הערסט, מאַמעשי, קראַנקערהייט, האָב איך מיך אַמאָל אויפגעכאַפּט, און איך ביידע זענט געשטאַנען ביי מיר ביים בעט... דו האָסט אַזוי שטיל, אַזוי האַרציג־שטיל געוויינט... און דער טאַטע... מאַמעשי! דעם טאַטנ׳ס פּנים איז אַזוי שרעקלעך געווען... איך האָב געזען אַז ער איז בייז דעמאָלט אויף גאָט! פאַר שרעק האָב איך צוריק די אויגן פאַרמאַכט — — —

פון דעמאָלט אָן קען איך נישט צוטרעטן צום טאַטן ווי אַמאָל... עפּעס האַלט מיך איין; אָפט וויל מיר דאָס האַרץ אים אַנטקעגן שפּרינגען, אַנטקעגן לויפן, נאָר איך קען נישט!

מיינסט, איך האָב דעם טאַטן ווייניגער ליב?... זאָל גאָט היטן... איך האָב דעם טאַטן זייער ליב. איך קריג אים מיט יעדן טאָג, מיט יעדער מינוט ליבער... אַז ער גייט צו מיר צו, קלאַפּט מיר דאָס האַרץ פון פרייד; ציטערט אין מיר די נשמה פאַר האָפענונג: אָט וועט ער מיך אָננעמען ביי דער האַנט, אָט וועט ער מיך צודריקן צום האַרץ...

ביי דיר ציטער איך נישט... דו האָסט מיך שטענדיג און גלייך ליב... האָסט שטענדיג צו מיר צייט, דו האַלטסט מיך און קושט מיך יעדע מינוט... דו ביזט שטענדיג, שטענדיג מיין... דער טאַטע האָט אַזוי פיל געשעפטן...

איך ווייס, ער וויל איך זאָל זיין ווי ער!

ווילסט שוין, מאַמעשי, וויסן דעם סוד?
איך שעם מיך!

פאַר א מאַמען,—זאָגסטו—דאַרף מען זיך נישט שעמען? אמת... דאָך... ווייסטו וואָס, מאַמעשי? אָט, זעץ זיך דאָ אויף

דעם שטול, געגנאיבער דעם פענצטער... גוט אזוי!

אך, ווי שיין די זון גייט אונטער, ווי שיין ליגן זיך אירע לעצטע רויטלעך־נעפּלדיגע שטראַלן אויף דיין אידל, בלאַס פּנים...

אך, מאַמעשי, ווי שיין, ווי אידל שיין, דו ביזט!

ווארט... אצינד וועל איך מיך זעצן דיר צופוסנס... דו זאָלסט מיר ביים דערציילן אין פּנים אריין נישט קוקן... אויפ'ן פוסן־בענקעלע וועל איך זיצן און ארויסקוקן פון פענצטער...

ניין... נישט גוט אזוי! איך וועל מיך שעמען פאר דער זון... זעסט, אין מיטן טאָג ברענט זי, פארנאכט געזעגנט זי זיך מיט אונז אזוי טרויעריג, אז איך שעם מיך פאר איר צו רעדן פון זיך...

איך וועל אָנשפּאַרן מיין קאָפּ אויף דיין שויס... איך וועל די אויגן פארמאכן, און דו—דו ליג נאָך ארויף דיין האנט מיר אויפן שטערן...

איז דיר נישט שווער, מאַמעשי, מיך צו האלטן אויף דיין שויס? ניין?

זעכצן יאָר איז אַלט דיין קינד און האָט אזא קליין, אזא ליכט קעפּעלע... און איך אין גאנצן — — —

קרעכץ נישט, מאַמעשי! גאָט האָט מיך נישט פארטיילט... ער האָט מיר ווייניג פליישׁ, דערפאַר פיל אַנדער גוטס געגעבן... דיך, דעם טאַטן... טעג און נעכט מיט וואונדערלעכע חלומות... און היינט—א סוד...

אצינד זע איך נישט... מיט געשלאָסענע אויגן וועל איך אפשר קענען דערציילן... איך וועל פּרואוון...

עס איז אזוי שווער...

דאכט זיך—נאַרנישט, א נעץ פון עטלעכע וואונדערלעכע שטראַלן — און דאָך ליגט עס מיר אויפ'ן הארץ ווי א שטיין... נישט ווי א קיזל־שטיין... עס איז נישט קיין שטיין פון גאס, צי פון פעלד...

עס איז א טייערער שטיין... עס שטראַלט... עס לייכט...

עס ליגט ביי מיר טיף אין האַרץ און זייעט אַרום און אַרום אין אַלע גלידער אַריין אַזוי פיל ליכט, אַזוי פיל הימלעכע, וואַרעמע, לעבעדיגע ליכט...

עס זאָל נאָר נישט אויסלעשן, מאַמעשי!

עס לעשט זיך אַזוי פיל אויס!...

הערסט, מאַמעשי!

ניין, וואַרט! אַזוי פּראָסט צוגיין צו דער זאַך קען איך נישט...

נאָר הער! געדענקסט, מאַמעשי, נעכטן האָסטו מיר קליינגעלט געגעבן? געדענקסט?

איך האָב נאָך גאָרנישט אויסגעגעבן און עס פעלט מיר שוין...

עס פעלט מיר אַ צענערל!

צי איך האָב עס פאַרלוירן? ניין... דו גיסט דאָך מיר פּאָר אָרימע לייט, פּאָר אָרימע קינדער, וואָס איך טרעף אויפ׳ן שפּאַציר... אָרים־געלט וועל איך נישט פאַרלירן.

צי איך האָב עס אַוועקגעגעבן? געוויס... צו אַן אָרימאַן? איך וויים נישט... אפשר יאָ און אפשר ניין... הער, וועסטו אפשר וויסן!

נעכטן איז אויך שיין אונטערגעגאַנגען די זון... אפשר שענער...

דו האָסט מיך אויסגעלערנט קוקן, און איך קוק און זע, וואָס אַנדערע פון מיינס גלייכן זעט נישט... דעריבער שפּאַציר איך געוויינלעך אַליין... און שפּאַצירט האָב איך הינטער דער שטאָט, דאָרט, וואו מען זעט זי אין גאַנצן אַרום ביים טייך, ווי דו ווייסט... די הייזער הויבן זיך אַלץ העכער און העכער, איינס איבער׳ן צווייטן, איינס איבער׳ן צווייטן... די, וואָס שטייען ווייטער, ווילן אַריבערקוקן, גאָט׳ס וועלט זען, און הויבן זיך, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער, און די זון, אונטערגייענדיג, קוקט אויף

זיי, שפּרייט אויף זיי אויס די לעצטע שטראַלן... געזעגנט זיך... קושט זיי...

און איך זע, ווי די שאָטן יאָגן אונטער די שטראַלן און לייגן זיך אַלץ דיקער און דיקער, און פּליסן, און זאַפּן זיך איין וואו נאָר זיי קענען; זיי פאַרפּילן אַלע לעבער צווישן די הייזער, אַלע פרייע ערטער צווישן די מויערן, און הויבן, און טרייבן דאָס רויטלעכע לעצטע ליכט אַרויף, אַרויף, צוריק אין הימל אַריין... „אין אייער רו אַריין, שטראַלן, אַצינד איז אונזער צייט!... א גוטע נאַכט!"...

און פּאַמעלעך ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער, און דער הימל ווערט טיפער און טיפער... באַלד וועלן זיך איינס נאָכ'ן צווייטן אָנצינדן די שטערן... אַזוי קוקנדיג, בין איך געקומען צו דער סטאָליאַר־גאַס, צו דער הינטער־גאַס, וואָס לאָזט זיך אַלץ טיפער און טיפער אַראָפּ... ביז צום טייך, נישט ווייט פון דער גרויסער שול.

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער צו דער שול.

בייטאָג זעט זי שרעקלעך אויס... אָרים, אָפּגעריסן, פאַר־שוואַרצט... די אויסגעהאַקטע שויבן ווילן די שפּינען פאַר רחמנות פאַרוועבן און פאַרשטעלן... און—נעגנאַיבער, אויפ'ן באַרג, אין אָנהויב גאַס, שטייט דער הויכער, שפּיציגער קלויסטער און לאַכט...

פאַרנאַכט האָט די שול גאָר אַנדערש אויסגעזען... דאָס ער־שטע מאָל האָב איך זי אַזוי געזען... א לייכטער, ליבלעכער, טונקל־בלויער נעפּל האָט זי אַרומגענומען... די אויסגעהאַקטע פענצטער זיינען נישט בלינד געוועזן... זיי האָבן ערנסט און טיף געקוקט אין דער וועלט אַריין... אין דער הויך די געזימסן האָבן געלעבט, כמעט גערירט זיך... עטלעכע לייבן פון געזימס האָבן זיך געוואָלט אָפּרייסן פון דער וואַנט... אָט, אָט, הויבן זיי אָן ברילן!

מיינסט, אַז דאָס איז דער סוף? אָ, ניין, מאַמעשי! דאָס,

איינגנטלעך, האָב איך ערשט אצינד געזען, ערשט אצינד מיט די נעכטיגע אויגן.

אָ, מאַמעשי, ווען איך זאָל זיין רייך!...

וואָס איך וואָלט געטאָן?

איך וואָלט אויפגעריכט די שול!

איך וויל, זי זאָל אויך זיין הויך, זי זאָל אויך שפּאַרן אין הימל אריין; און זי מוז זיין העכער, ווייל זי שטייט נידעריגער! און א גאָלדענעם דאַך זאָל זי האָבן, און קרישטאָלענע פענצטער!

הערסט, מאַמעשי, איך קלער מיר אזוי: אָן א שול קען מען זיך באַגיין, גאָט איז דאָך אומעטום... וואו עס פאַלט א טרער, זעט ער! וואו אימיצער הויבט די אויגן אויף צו אים, זעט ער! וואו עס קרעכצט א טרויעריג האַרץ הערט ער!... נאָר האָט מען א שול, מוז זי זיין הויך, שיין און שטראַלנדיג ערנסט.

אזוי האָב איך נעכטן אויך געטראַכט. אין מיטן—דערהער איך א געוויין! א שטיל טרויעריג געוויין... זיס און טרויעריג, עפּעס אזוי האַרציג...

דו, אז דו שפּילסט ציסטו אמאָל פון פּיאַנאָ ארויס אזא גע־וויין...

און איך האָב געמיינט, מאַמעשי, — דעם אמת זאָגנדיג, האָב איך געוואָלט מיינען, איך האָב מיך אומישנע נישט אומגע־קוקט, איך זאָל קענען וואָס לענגער מיינען,—אז דאָס וויינט און ברומט פון דער שול ארויס... אז דאָרט אינעווייניג זיצט אין א לייכט־בלויען נעפּל איינגעהילט, די נשמה פון דער אָרימער שול און וויינט, און ברומט...

און זי קלאָגט זיך, וואָס די זון פאַרטיילט זי... וואָס זי שיט גאַנצע בונטן גאָלדן ליכט אויפ'ן קלויסטער־דאַך און איר קאַרגט זי א שטראַל... וואַרפט איר אין מיטן שיינעם, העלן טאָג, ווי א נדבה, קוים א בלאַסן שטראַל... און די גליטשט זיך איבער איר

און גנב'עט זיך באַלד אַוועק ווי פאַרשעמט!...
און דאָך איז עס נישט געווען די שול...

עס איז אַ קליין מיידעלע געוועזן... זי איז געלעגן אויפ'ן זאַמד, האָט עפּעס געזוכט און געוויינט..

אַז איך האָב מיך אומגעקוקט, האָב איך נאָר איר אַלט־אָפּ־געריבן קליידל, ווי אַ טונקל־גרויען פלעק אויפ'ן געלן זאַמד געזען... אַ פּאָר אויסגעקרימטע שיך!...

נאָך עפּעס האָב איך געזען...

מאַמעשי... איך שעם מיך... עס ווערט מיר עפּעס אַזוי וואַרעם... שטעל דיר פאָר אַ פאַליע רויטע, רויט־פלאַמענדיגע האָר... עס האָט פונקען געשלאָגן...

„וואָס וויינסטו מיידעלע, וואָס זוכסטו אין זאַמד?..."

הערסט, די מוטער האָט איר אַ צענערל געגעבן, עפּעס קויפן געשיקט; האָט איר עמיץ, דורכגייענדיג, אונטערגעשלאָגן די האַנט, דאָס צענערל איז אין זאַמד אַריין... דעריבער וויינט זי...

איך זאָל איך־ווייס־וואָס פאַרלירן, וואָלט איך נישט געדאַרפט וויינען...

איך פרעג זי: אַ גרויסן צענער צי אַ ווייס צענערל?

— אַ ווייס! — זאָגט זי און קוקט זיך אפילו נישט אום.

— איך וועל דיר העלפן זוכן,—זאָג איך.

איך בויג מיך אַראָפּ, מאַך מיך זוכנדיג, און געפין איר אַ ווייס צענערל.

„נאַ!"

זי איז אויפגעשפרונגען פאַר פרייד. מיט אַ ריר מיט'ן קאָפּ האָט זי צוריק אַרונטערגעוואָרפן די רויטע פאַליע האָר... ווי פון אונטער אַ וואָלקן איז אַרויס אַ קליין, אַלעבאַסטער־ווייס פנים... מיט אויגן—מאַמעשי—מיט אויגן...

ניין, מאַמעשי, די אויגן קען איך דיר נישט אויסמאָלן...

עס האָט אין זיי געבליצט אַזוי פיל פרייד — — —

א גאנצע נאכט האבן זיך מיר די אויגן גע'חלומ'ט... א גאנצע נאכט.

אט, דאס איז, מאמעשי, מיין גאנצער סוד.

דו שמייכלסט?

לאך נישט, מאמעשי, די אויגן וועל איך קיינמאל נישט פאר־געסן...

מאמעשי — — —

מעג איך שפאצירן אויף דער סטאליאר־גאס, קוקן — — — — — —

אויף דער אלטער שול?

— — — — — — — — — — — — — — — —

די ווילדע בריאה

דערציילונג

דאָס ערשטע מאָל אָטעמט זי אָפּ פריי; דאָס ערשטע מאָל לאָזט מען זי ארויס אין גאַס אריין... און זי טאַנצט ארום אין שניי!

וואָס זומער איז געווען, געדענקט זי נישט. אונטער'ן קורצן שטערן, מיט דער גרינלעכער הויט באַדעקט, איז דאָ ווייניג פּלאַץ אויף אַ גוטן זכרון. די ליכטיגסטע איינדרוקן ווערן באַלד טונקל אין פּאַרלאַשן. זי אַליין ווייסט אפילו נישט, ווי אַלט זי איז. און קוקנדיג אויף איר איז אוממעגלעך אירע יאָרן צו שאַצן. זי זעט אוים דיק — דאָס איז אָבער נאָר דאָס בייכל אויפגעלאָפן—די ברוסט איז איינגעפאַלן, דאָס קעפּל קליין, די הויט אויף'ן פּנים קנייטשט זיך, נאָר זי איז אין גאַנצן צו דין און קליין, מען זאָל זי רעכענען עלטער ווי 9—10 יאָר. דאָס אויסזען טוישט זיך ביי איר אַלע מינוט: נאָך אַ קינדיש־ליכטיגן שמייכל, ליינט זיך אויף'ן אַלטן פּנים אַן איינגעשפּאַרטער באַסט; טייל מאָל פּאַרקריי־מען זיך איר די ליפּן און די אויגן ברענען אומהיימלעך אונטער צוזאַמענגעצויגענע, כאַטש ווייניג באַוואַקסענע ברעמען. אירע געדאַנקען בינדן זיך נישט איינער אָן צווייטן, נאָר וואַרפן זיך דורך און טוישן זיך אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג...

און זי איז נישט אַזוי געבוירן... די באָבע, וואָס האָט זי אָפּ־גענומען, האָט געזאָגט: „אַ שיין קינד!” די ערשטע פּאָר יאָר האָט זי גוט געוואַקסן, זי האָט פריער די ברוסט, דערנאָך די מו־

טער, דערנאָך דעם פאָטער און שפּעטער אַלץ אין שטוב דערקאָנט; די שוואַרצע אויגעלעך זיינען איר אַלע טאָג העלער און רירעוודיגער געוואָרן. נאָר דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. אין א צייט אַרום הויבט זי אָן גיין צוריק... דער שכל'דיגער פּונק ווערט זיך איר אין די אויגן אַלע מאָל זעלטענער... ווייניגער געדענקט זי די זאַך. דער פאָטער איז שוין אַוועק א יאָר פינף, דאָך געדענקט זי גאַנץ גוט ווי ער פלעגט זי האַלטן אויף דער שויס און קושן און די מוטער האָט זי אים אויסגעריסן פון דער האַנט, ער זאָל איר נישט אויסקושן די נשמה. טייל מאָל געדענקט זי, איז זי ביי דער מוטער געזעסן און דער פאָטער איז געשטאַנען ביי דער מוטער הינטער די פּלייצעס און האָט זיך באַוויזן אַלע מאָל אין אַן אַנדער זייט: קוקו! קוקו! — די שטוב, די פּנים'ער זיינען אַזוי ליכטיג און וואַרים געוועזן...

דערנאָך האָט דאָס אָבער אויפגעהערט. עס איז עפּעס געוואָרן שטיל און טרויעריג און טונקל. די שטוב איז עפּעס ליידיג געוואָרן, דער פאָטער פלעגט א סך מאָל שרייען, די מוטער וויינען; טייל מאָל האָט מען אַזוי הויך געשריען, אַז זי פלעגט אַנטלויפן אין א ווינקעלע און באַהאַלטן זיך פאַר שרעק. אין א צייט אַרום האָט מען זי אָנגעהויבן שלאָגן, דערביי אַלע מאָל ווייניגער צו געבן עסן... דערנאָך איז דער פאָטער געשטאַנען אין שטוב פאַרפינצטערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, די מוטער האָט באַהאַלטן דאָס פּנים און די הענט און האָט זיך געוואָרפן מיט'ן גאַנצן קערפּער... דער פאָטער האָט שטיל געזאָגט: „איך וועל שיקן געלט!" און האָט זיך איבערגעדרייט און אַרויסגעגאַנגען... ער איז באַלד נאָכאַמאָל אַריינגעקומען, נאָר זי האָט אים שוין קוים דערקענט, אַזוי בלאַס, אַזוי איינגעבויגן איז ער געוועזן... ער האָט געקוקט א פּאָר מינוט אויף ביידן און איז נאָך א מאָל שוין אויף שטענדיג אַרויס פון שטוב...

פון דעמאָלט אָן, איז די צייט פאַר איר א שטיקוועגס אין א פינצטערער נאַכט, א מין שלעפּן זיך אין א וויסטעניש. אָן א בוימל, אָן א בלימל... הונגער און קעלט אָדער א הייסע קאַרטאָפּליע און קוים דערוואַרעמט זיך אין בעט...

נאָר אַצינדערט שמייכלט זי... דאָס ערשטע מאָל (דאַכט זיך איר), האָט מען זי אַרויסגעלאָזט פון דער תּפיסה.

א גאַנץ ווינטער האָט זי די מוטער נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז די שטוב געווען ליידיג. די שויבן פאַרקאָוועט, די טיר פאַרשלאָסן, נאָר ביים בעט, אויף אַ שטיקל לייוונט איז געווען גרייט פאַר איר עפּעס צו עסן: א שטיקל ברויט, טייל מאָל א בייגל, א נעכטיגע געבראָטענע קאַרטאָפליע... דאָס אַלץ איז געווען קאַלט און זי פלעגט עס צו דערוואַרעמען אין בעט און דערנאָך עסן... אַזוי פלעגט זי אָפּליגן א גאַנצן טאָג. ביינאַכט ערשט איז געקומען די מוטער, געמאַכט א ביסל פייער און אָפּגעקאָכט אָדער געבראָטן פרישע קאַרטאָפליעס. טייל מאָל פלעגט די מוטער אהיים קומען גאָר שפּעט. וואַרטנדיג אויף איר, פלעגט זי טייל מאָל וואַרפן זיך און שרייען פאַר הונגער, אַרויסשפּרינגען פון בעט און באָרוועס אַרומלויפן אין שטוב און רייסן זיך די האָר, נאָר פאַר דאָס פלעגט איר דעמאָלט די מוטער ברענגען עפּעס גוטע, זיסע אָדער פעטע זאַכן. אם בעסטן איז געווען ביינאַכט. די מוטער האָט זיך צו איר געלייגט, פריער איז געוואָרן שרעקלעך קאַלט, נאָר עס איז אַלע מאָל וואַרעמער געוואָרן און זי פלעגט זיך צודריקן צו דער מוטער אַלץ פעסטער און פעסטער. מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוואוינט צו שלאָפן בייטאָג און צו וואַכן ביינאַכט. אין אָנהויב נאַכט איז נישט גוט געווען; פאַר'ן איינשלאָפן האָט די מאַמע שטאַרק געוויינט, נאָר דערנאָך איז געוואָרן וואַרעם און שטיל און זי איז געלעגן און געלעקט די פינגער און געקוקט אין פענצטער אַריין... אויפ'ן פענצטער זעט זי אַלערליי בוימער. דורך זיי רייסט זיך אָפּט אַריין א ליכטיגער שטראַל און איר דאַכט זיך, אַז דער פאָטער שטייט אונטער'ן פענצטער און שמייכלט.

טייל מאָל איז זי בייז געוואָרן אויף דער מוטער, וואָס לויפט אַרום א גאַנצן טאָג אין גאַס און האַלט זי אין תּפיסה; דעמאָלט האָט זי נישט געוואָלט עסן, נישט אַריינגעלאָזט די מוטער אין בעט און טייל מאָל געוואָלט זי נאָך דראַפּען און בייסן... נאָר איר איינגענער הונגער און די מוטער'ס טרערן האָבן זי איבערגעע'דבר'ט...

זי עסט וואָס די מוטער האָט איר געבראַכט און פרעגט נאָך אַלץ אין כעס: —וואָס לויפסטו—האַ? (זי רעדט שלעכט און שווער). אומזיסט וויל איר די מוטער געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס לויפן איז נישט פאַר נחת, אַז זי לויפט אַרום צו „פאַרדינען", עס זאָל זיין וואָס צו עסן. די קליינע פאַרשטייט נישט וואָס מען מיינט „פאַרדינען", נאָר זי האַלט זיך נישט לאַנג ביי איין זאַך און פאַר־געסט אָן אַלץ. טייל מאָל וועקט זי דאָך אויף די מוטער אין מיטן דער נאַכט: „וואָס פאַרדינען?" עס געדויערט לאַנג, איידער די מוטער רייסט אויף די אויגן, דערנאָך בעט זי זיך ערשט: טאַכ־טער לאָז מיך שלאָפן. נאָר אָפּזאָגן טאָר מען איר נישט, זי איז איינגעשפּאַרט און וועט באַלד אָנהויבן צו בריקן. די מוטער מוז איר דערציילן, אַז זי גייט אַרום פון הויז צו הויז, און זוכט אויב עס איז נישטאָ עפּעס אַן אַרבעט: פּאַמיעס אַרויסצוגיסן, ביי דער קיך העלפן, א גאַנג גיין... זי הערט נישט אויס אין גאַנצן און האַקט פּלוצלונג איבער מיט א נייער שאלה:

— קרעפּלעך — אָדער האָניג בעסער? די מוטער האָט זיך שרעקלעך צעוויינט. „ווען האָט זי קרעפּלעך, ווען האָניג געגע־סען?" זי האָט דאָך אַמאָל געמוזט ביידע זאַכן עסן און דאָס זיינען צוויי מאַכלים, וואָס זיינען איר ראַפּטום אַרויסגעשוואומען אין זכרון. די מוטער וואַרפט זיך אין בעט אַזוי ווי דעמאָלט, ווען דער פאָטער איז אַרויסגעגאַנגען...

באַלד פאַרגעסט זי אינגאַנצן. די מוטער באַרואיגט זיך און נעמט זי אַרום און קושט זי און האַלזט, נאָר אין דער פרי איז זי ביי דער מוטער'ס אוועקגיין נישט געשלאָפן און געזאָגט: מאַמע —קרעפּלעך—האָניג—ברענג. די מוטער איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

איינמאָל האָט מען זי אויפגעוועקט ביי טאָג. פרעמדע מענטשן האָבן געעפנט די טיר, אַריינגעברענגט די מוטער, אויסגעטאָן זי און אַריינגעלייגט צו איר אין בעט. זי האָט זיך דערשראָקן—נאָר עס איז איר באַלד גוט געוואָרן: דער מוטער'ס לייב האָט געברענט

ווי א פייער! עס איז איר נאָך קיינמאָל אזוי ווארעם, אזוי טרוקן נישט געווען!

ביים ליגן אין בעט אריין האָבן די פרעמדע געוואָלט עפּעס ארויסנעמען ביי דער מוטער פון דער האַנט, נאָר זי האָט נישט געלאָזט... מן הסתם א קארטאָפל! זי לאָזט זיך ארונטער אונטער דער קאָלדרע און געפינט די האַנט, זי עפנט זיך לייכט און זי שווימט ארויס פון אונטער דער דעקע מיט עפּעס ווייסעס, דינס און הארטס. זי כאַפּט עס אין מויל אריין, — עס עסט זיך נישט... זי נעמט עס ארויס פון מויל, באַקוקט און דערזעט עפּעס א פאָרט־רעטל, א קליינעם אין עק פונ׳ם ווייסן...

— וואָס — איז — דאָס — מאַמע? וועקט זי די מוטער. נאָר זי ענטפערט נישט.

עס קומען אריין צוויי ווייבער, איינע דערלאַנגט איר עפּעס צו עסן — א לעקעכל — און נעמט ביי איר ארויס דאָס ווייסע מיט דעם פּאָרטרעטל אויס דער האַנט. עס איז א בריוו, נאָר ביי־דע ווייבער קענען נישט לייענען.

דערווייל קומט אָן א מאַנספּארשוין דעקט אויף די מוטער, באַקוקט זי, נעמט ביי איר די האַנט...

זי הויבט אָן שרייען, זי האָט מורא מען זאָל איר די מוטער נישט צונעמען, און עס ווערט איר אויך קאַלט. נאָר מען דער־לאַנגט איר עפּעס אין מויל און זי שווייגט.

— ר׳ מרדכי! — מאַכט איינע פון די ווייבער, — לייענט נאָר דעם בריוו.

דער פרעמדער טוט עס און שאָקלט מיט׳ן קאָפּ.

— דער מאַן, — זאָגט ער, — שרייבט, אז ער איז קראַנק גע־וואָרן פון דער שווערער ארבעט. א שניידער איז ער, ארבעט איבער 18 שעה א טאָג... ער בעט זי, זי זאָל אים שיקן געלט צוריקצוקומען...

— נאָך! נאָך! זים! — האַקט די קליינע אים איבער און שטרעקט אויס די הענט.

די ווייבער הערן זי נישט.

— אויף שיינע צרות געקומען—זאָגט איינע.

אין בעט איז געוועזן היים, דערנאָך האָט מען נאָך איינגעהייצט אין אויוון.

וואָס פאַר א גאָלדענע נאַכט עס איז געווען. די מוטער וואָרעמט... בייט בעט זיצט א פרעמדע און דרעמלט און ווען זי כאַפּט זיך אויף, דערלאַנגט זי עפּעס די מוטער אין מויל אַריין. זי וויל אויך דאָס איינגע. זי וויל שוין אָנהויבן שרייען, נאָר די פרעמדע האָט מורא פאַר איר קול און דערלאַנגט איר עפּעס זיסעס, זי רופט עס לעקעכל און זעצט זיך צוריק און דרעמלט ווייטער. און דאָס לאָך פון אויוון איז אָפן, עס ברענט... ווײַ, ווײַ, אַזוי רויט, אַזוי שיין. עס דרייט זיך, עס טאַנצט ציק־ציק־ציק! ערשט שוואַרץ, אַצינד רויט, אוי ווי שיין־רויט...

איינמאָל ביינאַכט האָט מען זי איינגעוויקלט אין א וואַרעמען שאַל און געטראָגן פריער ערגעץ ווייט, דערנאָך הויך אויף טרעפּ און מען האָט זי אַריינגעבראַכט אין א פרעמדער, קאַלטער שטוב אַריין. אין מיטן שטוב איז געזעסן א קליינע אַלטע ציטעריגע אידענע און האָט געפּליקט פעדערן, אין די זייטן אויף שעניקעס אויף דער פּאָדלאָגע זיינען קינדער געשלאָפן...

די פעדער־פּליקערין האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, נאָר געפרעגט מיט א פישטשענדיג אָפּגעריסן קול:

— ווער וועט צאָלן?

— מען וועט שוין צאָלן! — האָבן געענטפערט אידענעס, וואָס האָבן זי געבראַכט.

— מאמע! — האט די קליינע ארויסגעלאזט א געוויין, פאר שרעק און קעלט צוזאמען.

נאר קיינער קוקט זיך אויף איר נישט אום.

— א יתומה? — פרעגט ווייטער די פארפעדערטע אלטע.

— נאך נישט...

— מאמע!

— שריי נישט בהמה, — ענטפערט איר איינע פון די אידע־נעס, — די מאמע איז אוועקגעפארן.

פלוצלונג איז איר פריילעך געווארן און א שכל'דיגער פונק האט זיך איר באוויזן אין די אויגן.

— צום... צום... טאטן? — נאר מען ענטפערט איר נישט.

— וואו וועט זי שלאפן?

— היינט מיט מיר.

די אידענעס ליינן זי אין א קאלט בעט אריין, דעם שאל נעמט מען צו און זי הויבט אן ציטערן.

— מאמע! — צעלאזט זי זיך אויף א קול.

— נעמט זי איין, פריידל,—זאגן די אידענעס.

— גייט נאר, גייט!—ענטפערט די פארפעדערטע, — דאס איז שוין מיין זאך.

די וואס האבן זי געבאדענגט גייען אוועק און די אידענע פון די פעדערן הויבט זיך אויף און גייט צו איר צו.

— שווייג! — מאכט זי הארט און טרוקן. און זי דערשרעקט זיך און בלייבט שטיל.

זי קריגט אין דער פרי, גלייך מיט נאך 4 קינדער, א שטיקל ברויט מיט טיי — טיי האט זי שוין לאנג נישט געטרונקען. זי האט עס גאר פארגעסן. בייטאג קריגט זי אביסל קארטאפליעס אדער

קאַשע, ביינאַכט וויטער טיי מיט ברויט... זי איז כמעט זאַט, נאָר עס איז איר נישט גוט. זי האָט פיינט די קינדער און מורא פאַר פריידל'ען און בענקט...

— מאַמע!

נאָר פריידל גיט א קוק אויף איר און זי שווייגט. פריידל'ען האָט זי שרעקלעך פיינט.

איינמאָל ביינאַכט (זי האָט נאָך אַלץ נישט איר שעניק און שלאָפט נאָך אַלץ נישט ביינאַכט נאָר ביטאָג) קריגט זי חשק זיך איבערצודרייען צו דער אַלטער און צו בייסן און דראַפען די שלעכטע, די מרשעת... נאָר פריידל שלאָפט מיט האַלב אָפענע אויגן און זי דרייט זיך צוריק איבערדערשראָקן.

— וועסט איינליגן אַמאָל? פישטשעט פריידל'ס קול און דערלאַנגט מיט דער ביינינער פויסט אין די פּלייצעס.

מיט דער צייט האָט זי די מוטער פאַרגעסן! דאָך בענקט זי און שרייט אַלץ אין איינעם: אַרויס! אַרויס!

זי האָט איר שעניק באַקומען און פון דעמאָלט אָן האָט זי פאַר פריידל'ען וויניגער מורא: זי אַנטלויפט פאַר איר, און אין לויפן קערט זי אום און שלאָגט די קינדער, צעיאָגט די פעדערן, צעברעכט דעם טאָפּ פון זיי... פריידל כאַפּט א בעזים, נאָר זי פאַרלירט דעם אָטעם נאָכיאָגנדיג די „ווילדע בריאה" פאַר דאָס איז זי זיך אָן איר שפּעטער נוקם. זי מאַכט זיך רואיג און שטיל, פאַר דאָס אַז די „ווילדע בריאה" שלאָפט שפּעטער אויף דעם שעניק, וואַרפט זי זיך אויף איר אַרויף און צעהאַקט איר דאָס לייב מיט די נעגל. זי וויינט נישט, נאָר פאַרבלוטיגט בייסט זי די ליפּן. די רעשט גרינע קינדער באַהאַלטן זיך אין די ווינקעלעך און אָטעמען פאַר שרעק...

נאָר היינט האָט דאָס אַלץ אויפגעהערט. א אידענע איז געקומען צו פריידל'ען און געזאָגט, אַז מער וועט מען שוין פאַר דער ווילדער נישט צאָלן: „נישטאָ פון וואַנען".

פריידל האָט זיך אויפגעשטעלט, אין די אויגן האָט איר אויפ־

נעבליצט דאָס רשעות. זי האָט אָנגעכאַפּט די „ווילדע בריאה" און אַרויסגעשטופּט פון שטוב.

די ווילדע בריאה איז אַראָפּגעקראָכן אויף אַלע פיר פון די טרעפּ (גיין אויף טרעפּ האָט זי נישט געקענט) און אַצינד, האַ, האַ! זי זעט די גאַס! אַזוי ווייס, אַזוי שיין! אַ גלייכער, ווייסער, בלישטשענדיגער שניי! הו־האַ!

און זי לויפט איבער'ן שניי באָרוועס און לאַכט...

די לבנה דערציילט

— מיר פון קוקן אויף ווייסן מאַרמאָר און אויערס ווייסע גאַז־באַלייכטונג, האָב איך מיך אוועקגעדרייט און געוואָרפן א בליק אויף אַן אונטערגאַס.

פון איין איבערגעבויגן הייזל גייט אַרויס א באָרוועס אינגל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטן זיך אָף אים קוים) און געגנ־איבער, פון א צווייט הויז, כמעט א מפולת, קומט אויך אַרויס אַזאַ אינגל.

קוים זיינען זיי איינער צום צווייטן צוגעקומען, האָב איך שוין נישט געוואוסט, וועלכער עס איז אַרויס פון וועלכן הויז. ביידע אויסגעדאַרט, מיט ברענענדיגע אויגן, ביידע ציטערן פאַר קעלט, אפשר פאַר הונגער אויך.

איך הער ווי זיי שמועסן.

— פאַרטיג?

— און דו?

— אויך!

— האָסט געגעסן?

— ניין... דער טאַטע האָט נישט געברענגט.

— מיינער—קראַנק; די מאַמע וויינט...

— גייען מיר?

— בעסער לויפן... ס'איז קאַלט...

— נו!

זיי לויפן פייל פון בויגן אין שטאָט אריין.

איך קוק זיי נאָך.

ביי איינעם פון די שענסטע הייזער שטעלן זיי זיך אָפּ.

— זעסט! מיין פעטער׳ס הויז! מאַכט איינער שטאָלץ.

דער צווייטער ווייזט אויף א הויז נעגנאיבער:

— דאָס איז מיין פעטערס!

— מיין פעטער האָט מען אָבער געברענגט אן אראביש פערדל פאר 16 טויזנט.

— מיינער האָט א קארעטע מיט 4 פערד ווי די לייבן!

— מיינער האָט אפשר טויזנט דערפער!

— מיינער—אפשר הונדערט שטעט!

— שוטה! ביי מיין פעטער זיינען די מעבל פון גאָלד!

— בהמה! ביי מיין פעטער—סאַמע בריליאַנטן!

— אָבער מיין מומע מיט אירע פּאַרפומען! די נאָז רייסט עס אויף!

אָ וואָ! מיין מומע גייט אַלע טאָג אין טעאַטער אַריין...

— און אז מיין פעטער שפּילט יעדע נאכט אין קאָרטן—הא?

זיי האָבן זיך לאַנג געשפּאַרט און שיר נישט געפּאַלן זיך אין די האָר אריין...

איינער איז דאָך פריער אָפּגעשטאַנען.

— קאַלט,—מאַכט ער מיט א ציטער.

דער צווייטער שטייט אויך אָפּ:

— איך בין זייער הונגעריג, — זאָגט ער, — עס נאָגט מיך! קלינג אָן ביי דיין פעטער...

— ניין, — ענטפערט יענער דערשראָקן, — ער האָט אָנגע־זאָגט דעם שווייצאר, ער זאָל מיר הענט און פיס צעברעכן!

— מיין פעטער, — דאָס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.

זיי לאָזן ביידע טרויעריג אראָפּ די קעפּ.

— גייען מיר?

— בעסער לויפֿן...

— און אויפֿ׳ן וועג:

— מאָרגן ביינאַכט נאָך אַמאָל...

— יאָ... איבערלויפֿן... איך וועל געבן אַ סימן. איך וועל אַ קריי טאָן ווי אַ האָן...

— ...איך וועל דיר ענטפֿערן מיט אַ מיאָוק פֿון אַ קאַץ.

— גוט...

זיי זיינען מיד פֿאַרשוואונדן געוואָרן.

קינדער־שפיל

פאַר דער צערקווע

א גאָלדענער טאָג...

די זון אויבן אין בלויען הימל, די קאפולע פון דער צערקווע אונטן אין דער בלויער לופט — פלאַקערן... שפריצן פייער.

די אַליע אין סקווער אַרום צערקווע איז איבערפול, דאָס אויסגעשפרייטע זאמד בליצט גאָלדיג, דאָס ליכט רייסט זיך אַריין צווישן די געוויקסן, באַזוכט די פאַרוואַקסענע ווינקלעך און באַשייט א חברה קינדער, וואָס ליגט אַרום קלאָמב פון אויסגעמישטע פלאַמענדיג־רויטע רויזן און אָפּגעמאַטערטע, האַלב־געבויגענע ווייסע ליליען.

— סקוטשנאָ 1) רופט זיך אָן א אינגל פון א יאָר פופצן אין א גענעראַלסקי מונדיר מיט א רויטן אונטערשלאַג, רויטע קלאַפּן און זילבערנע טראָלבען. ער שפרינגט אויף.

עטלעכע „מאַטראָסן" טוען דאָס זעלבע, גענעצנדיג, און ווישנדיג זיך דעם שוויים.—

די רעשט קינדער שטייט אויך אויף, — אָרימערע קינדער, אין איבערגעמאַכטע זאַכן, אָן וועלכע מען דערקענט די פּאַטערס: א פּאָליציי־מאַן, א צערקווע־דינער, אַן אָרימער טשינאָווניק...

די האַלטן זיך א ביסל פון וויטן, מיט אויסגעשפיצטע אויערן, גרייט צו דערפילן יעדן באַפעל.

---

1) לאַנגווייליג.

— קומט ווייטער שפּילן!—זאָגט דער גענעראַל מיט א שטימע, אין וועלכער עס קלינגט שוין א קאָמאַנדע־טאָן.
— אין וואָס?—פרעגט א מאַטראָס.
— אין אן אביסק 1) — רופט זיך נישט חדייסט אָן איינער פון אָרימען עולם.
— בילאָ! 2) — גענעצט דער „גענעראַל”.—
— וו ווענטשאַניע! 3) — פּראָפּאָנירט א מאַטראָס.
— די באַרישניעס 4) קענען נאָך נישט ארויס פון פּריאיוט 5).
— זיי וועלן אָנקומען.
— אָבער דערווייל? — סקוטשנאָ!—גענעצט דער גענעראַל. א קליינע פּויזע.
— וו סוד! 6) — הערט זיך א שטילער פאָרשלאָג, ווייטער פון אָרימען עולם ארויס.
— כאָראָשאָ! 7) — שמייכלט דער גענעראַל.
— נאָ קאָוואָ סודיט טאָ? 8) — פרעגט א מאַטראָס.
— ווזיאַטאָטשניקאָ! 9)
— ניע סטאָאיט! 10)
— ראזדענסטוויענקאָוואָ!
— עטאָ גנעראַי! צאַר יעוואָ זשאַלויעט 11)
— שמיטאָ! מאָשענניקאָ 12) שמיטאָ! ראזבאָיניקאָ 13)...
— כאָראָשאָ... רופט מען ארום.
— ווער וועט זיין שמיט?—פרעגט דער גענעראַל.
אַלע ציען מיט די אַקסלען; קיינער וויל נישט... אַלע קוקן מיט רחמנות פּנים'לעך און האַלב מיט שרעק צום גענעראַל, ער זאָל, חס ושלום, נישט הייסן...
— וואַניאַ בודיעט! 14) רופט אויס דער גענעראַל.
וואַניאַ, דער איינגסטער, לויט די קליידער אויך דער אָרימסטער־

---

1) אונטערזוכונג. 2) שוין געווען. 3) חופּה, קדושין. 4) פרייליינס. 5) אַזיל. 6) גערייכט. 7) גוט. 8) נאָר וועמען משפּט'ן? 9) לאַפּאָווניק. שוחד נעמער. 10) נישט כדאי. 11) דער קייזער האָט'ן ליב. 12) שווינדלער. 13) מערדער. 14) וואַניאַ וועט זיין

טער, א געלבלעך בלאסער, מיט א גרוים קעפל, אויפגעשוואומען בייכל און פיילענבויגנדיגע פיסלעך, באקומט טרערן אין די אויס־געזעצטע אויגן.

— יא ניע כאטשו! 1)—שטאמלט ער, וויינענדיג.

דער גענעראל טופעט מיט'ן פוס.

— דו מוזסט...

— ניין, ניין! — דאס אינגל ווארפט זיך אויף דער ערד.

— איך הייס!

— ניין און ניין!—און דאס אינגל גראבט אריין די הענטלעך און די פיסלעך אין זאמד...—כאטש טויט מיך.

— חברה הייסט! אמת?

— יא! יא!—רופן זיך אן אלע ארום...

— אנישט טרייבט מען דיך ארויס פון חברה!

— טרייבט! — שרייט וואניא מיט פארצווייפלונג.

— וואניא,—רופט זיך אן דער גענעראל וייכער,—וואניא,— און גייט צו צום ליגנדיגן—הער וואניא,—ער באמיט זיך וואס מער ליבשאפט איינצופליסן אין דער שטימע,—באקומסט, ווייסט וואס?

— וואס?—העשעט וואניא, און הויבט דאס קעפל אויף העכער א ביסל און קוקט צום גענעראל ארויף מיט א הונגער־בליק.

דער גענעראל קלערט א ווײלע און פלאצט ארוים: שאקאלאד! וואניא'ס הונגער־אויגן בליצן־אויף.

— א גאנץ טעוועלע?

— א האלבס! — דינגט זיך דער גענעראל.

— א גאנץ! — שפארט זיך איין וואניא.

— א גאנץ!—גיט דער גענעראל נאך, נישט אן פארדרום.

נאר וואניא'ס אויגן לעשן זיך צוריק אוים.

— גענארסט מיך?

— ניין... מיין גענעראלסקע ווארט!

— גיב פאראוים!

---

1) איך וויל נישט.

— נא! — און דער גענעראל נעמט ארויס, נישט אָן חרטה, א טעוועלע שאָקאָלאַד און דערלאַנגט וואַניאַ'ן.

וואניא גראַבט אוים דאָס רעכטע הענטל פון זאמד און כאַפּט אַן דאָס טעוועלע פון דער אויסגעצויגענער זייט.

דער גענעראל פארהאַלט די צווייטע זייט, וועלנדיג אָפּברעכן כאָטש א שטיקל.

וואניא באַמערקט דעם מאַנעווער, רייסט געשווינד אוים דאָס גאַנצע טעוועלע.

— פּרעסער! — זידלט דער גענעראַל, און איבערדרייענדיג זיך צו חברה:

— אצונד קלייבט אוים א וואַיעני סוד 1).

— דו — פּרעדסיעדאַטעל 2)! — רופט מען צום גענעראַל. נאָר וואַניאַ, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אויפגעזעצט, מיט ציטערדיגע הענטלעך אָפּגעשיילט דאָס טעוועלע פון בליצנדיגן בלייערנעם העמדל און געכאַפּט צום מויל, נעמט עס נאָכ'ן ערשטן אָפּלעקן צוריק ארוים פון מויל און צעוויינט זיך.

— וואָס ווייטער? — דרייט זיך אוים דער „גענעראל" צע־קאָכט.

— איר וועט מיך שלאָגן!

א שטילע רחמנות'דיגע פּויזע.

— גו, — רופט זיך אָן א מאַטראָס, — א ביסל שלאָגן מוז מען דאָך!

— אָבער נישט קאָפּען מיט די פים! — בעט זיך וואניא...

— גוט! — גיבן אַלע נאָך.

— נישט רייסן ביי די האָר...

— נאָר א ביסל!

— ניין, גאָרנישט. עס טוט וויי! — צעהעשעט זיך וואַניא, — און נישט שטעכן מיט שפּילקעס! — גיט ער צו.

דעמאָלט גייט צו אים נעענטער צו דער גענעראַל, און טוט א טופּ מיט'ן פום און א געשריי:

---

1) קריגס־געריכט. 2) פאָרזיצער.

— פרעם!

וואניא ווערט פארציטערט, כאפט די שאקאלאד אין מויל אריין און לעקט.

— פרעם! — זאג איך.

וואניא הויבט אן קייען פאר שרעק.

— געשווינדער!

וואניא פאלגט; א רגע, און דאס גאנצע טעוועלע פארשווינדט.

— אצונד מוזטו! — שרייט דער גענעראל און אויסדרייענדיג זיך צו דער חברה:

— קלויבט זאסיעדאטעלעס!

חוזק

(אַ שמועס)

— איר קענט חוזק'ן?
— אודאי!
— וואו געפינט מען אים?
— וואו נישט? אין גאַס, אין הייזער, אין שול, אין בית־המדרש, אָפט זיצט ער תפוס!
— אַ שיינער פאַרשוין!
— ער וועט דען שטאַרבן אויף זיין בעט?
— ווי זעט ער אויס?
— ווי חוזק! הויט און ביין; אַ הויט פון פאַרמעט מיט לאַכנדיק־וויינענדיגע וואָרצלען, האָפטן און שראַמען. אויגן האָט ער אויך משוגע'נע; זיינס אַ בליק קען קיין באַלעבאַטישער מענטש נישט אויסהאַלטן. ליפּן האָט ער פאַרברענטע, דינע, צוזאַמענגעפּרעסטע. עס דאַכט זיך, ער עפנט זיי נישט און דאָך שיטן זיך אים נאָדלען פון מויל, אַז עס שטעכט יעדן אין אַלע אברים.
— ווי אַזוי קליידט ער זיך?
— קריעה־בליעה! וואָס קלערט איר? אַ מוץ בגדים, נאָר סאַמע לעכער און חוזק שטאַרט פון אומעטום אַרויס...
— פון וואַנען לעבט ער?
— פון צרות, בויך־ציין־לעבער־און האַרץ־ווייטאָג! פון

וואָנען זאָל ער לעבן? אַז אַ מענטש איז אַ לאַ־יוצלח! ער איז אַפּילו בקי אין די קליינע אותיות, נאָר טויגן — טויג ער צו גאָרנישט. איידער מען האָט אים דערקענט, האָט מען אויף אים רחמנות געהאַט, טאַקע, אַ תּלמיד־חכם, פּאַרוואָס נישט! האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ מגיד. העלפט גאָט — שטאַרבט אַ ראש־הקהל, אַ איד אַ גביר, אַ רעדל־פירער, מאַכט ער אַזאַ הספּד, אַז דער גאַנצער עולם איז שיער נישט צעקנאַקט געוואָרן פאַר געלעכטער; די ווייבערישע שול האָט געלאַכט, איר פאַר־שטייט?! אַז אַזוי, אוים מגידות! מען מאַכט אים פאַר אַ בדחן; מאַכט זיך ווייטער אַ גביר'ישע חתונה, שוי"ן אַלף רו"ב נדן... איז ער אַזוי משמח חתן־כּלה, אַז מען ווערט צעגאַסן פאַר געוויין! און דער הספּד איז דוקא וויינענדיג, דאָס בדחנות לאַכנדיג, נאָר דאָס פּנים, די גרימאַסן ברייננגען אַרויס פון די כּלים. אַז מען שמועסט אַ לאַ יוצלח! אַ פאַרשאָלטענער מענטש!

— פאַרשאָלטן?

— אמת פאַרשאָלטן, וואו ער ווייזט זיך, קומט אַריין די קללה! ווייַן אין קעלער ווערט זויער, מילך אין שטוב — גערונען, שיינע מיידלעך און חנ'עוודיגע ווייבלעך ווערן נמאס ומאוס; פון בעלי־צדקות — שווינדלער, נישטן — פון די גרעסטע באַלע־באַטים! פון גבאַי'טעם — ר"ל, וואָס עס ווערט! למשל — מען מאַכט אַ חשבון פון צדקה־געלט, מתן־בסתר, מאיר בעל־נס, אַזוי אַ חברה, עס דאַרף זיין עודף! די פושקע האָט אַ שלאָס, די גבאים קען מען פאַר פיינע לייט, הוצאות זיינען קליינע, הכנות — די והותר. חוזק קומט אַריין — פעלט שוין דריי פערטל געלט! עס ווערט אונטער די הענט פאַרשוואונדן! וויל ער, ווייזט ער נאָך זיינע שוואַרצע קונצן און געפינט דאָס געלט ביים רב אָדער ביים גבאי אין שטיוול! אַז ער איז דאָ, גייט אַפּילו אומגעציילט געלט לאיבוד! וואו ער שטעקט אַריין די נאָז, איז אוים אמונה, אוים בטחון, אוים קרעדיט!

— ווי לאָזט מען אַזוינס אַריין אין אַ אידיש הויז?

— מען לאָזט טאַקע נישט, ער גנב'עט זיך דאָך אומעטום אַריין... וואָס קלערט איר, מען היט זיך פאַר אים ווי פאַר פייער.

דער רב אנטלויפט כמטחוי קשת, דיינים חלש'ן, באַלעבאַטים'ס בייכער טרייסלען זיך ווי אין א פיבער. די גרעסטע משכילים פאַרגעסן די צונג אין מויל, בעלי־צדקה לאָזן די אויגן אַראָפּ ווי די גרעסטע גנבים, און נשים — רחמנא־לצלן — זיינען מפּיל פאַר שרעק! אפילו בתולות...

— פון וואַנען קומט איר צו דער סחורה?

— ווייסט איין בורא עולם! וואו מען זייעט אים נישט קומט ער אַרויס! דאָ פון אונטער דער ערד, דאָ פאַלט ער אַראָפּ פון הימל, דאָ יאָגט אים אָן דער טייוול ערגעץ פון א זייט... ער אַליין ווייסט נישט, פון וואַנען ער נעמט זיך.

— און איינער אַליין?

—עלנט ווי א שטיין! קיין קרוב, קיין גואל... און עס איז קיין וואונדער נישט: קיינער וויל זיך צו אים נישט דערקענען, און ער אַליין וואָלט זיין אייגענעם טאַטן נישט דערקענט...

— א כשוף?

— א כשוף!

די רויז

(א זומער־דערציילונג)

עס גייט צו פסח, עס איז פרילינג, און אין זאקסישן גארטן וועלן זיך באלד די רויזן באווייזן.

איר האט עפעס ליב רויזן? אין אייער שמייכל ארום די ליפן דערקען איך, אז יא! אי, וואס פאר א ליכטלעך עס האבן זיך אין אייערע אויגן אנגעצונדן! לאזט נישט אראפ די ברעמען! בהן צדקי — איך וועל קיינעם נישט אויסזאגן! נאר, אז איר האט ליב, וועל איך אייך טאקע דערציילן א מעשה פון א רויז...

אמאל איז געווען א רויז.

געוואקסן האט זי אין אן עפנטלעכן (אפשר אין זאקסישן) גארטן, אויפן טראוניק, נאענט צו דער אלייע, אויף א שטעכנדיגן שטרויס.

בשעת ווען אירע שוועסטער האבן שוין לאנג אינ׳ם בליען פארגעסן, איז זי נאך יונג און גרין געווען. זי האט נאך דעמאלט אויף אנעמיע געליטן: וויייניג, ארים בלוט געהאט, און האט זיך געשעמט פאר דער וועלט צו ווייזן. זי האט זיך באהאלטן ווי אם־טיפסטן צווישן די שטעך־נאדלען.

נאר אין שטילע נעכט האט זי זיך אמאל ארויסגערוקט, אן אויג געווארפן אויף אירע שוועסטער, אויף אלע ראמאנטיש גליקלעכע בלומען, און פון זיי אויפגעהויבן דעם טרויעריגן בליק

צום בלויען, קלאָרן הימל מיט אַ שטילער, נאָר אַ וויינענדיגער פרעטענזיע צו גאָט, פאַרוואָס ער האָט אין איר **איינער** פאַרגעסן, זי **איינע** פאַרטיילט, איר **איינער** אַזאַ טרויעריגע, איינזאַמע, עלנטע יוגנט געגעבן...

דאָס פלעגט אָבער נישט לאַנג דויערן. זי פלעגט זיך גיך און באַלד פאַר עפּעס דערשרעקן, און, פאַרציטערט, זיך צוריק באַהאַלטן אין שטרויס. מיטאַמאָל דאַכט זיך איר — מען שיסט; דאָס האָבן ערגעץ, למזל טוב, עטלעכע קנאַספּן געפּלאַצט. אָט הערט זי זיפצן—דאָס גוסס'ט גאָר ערגעץ אין זאַמד אַ צעטרעטענע בלום... עס הערן זיך עטלעכע האַלד־ און נאָז־טענער — אַ פאַר־שפּעטיגטער קאָרטן־שפּילער גייט זינגענדיג אַהיים, און לאָזט זיך הערן אין גאַס.

דאָך איז זי נישט זיכער, צי זי זעט עס און הערט עס וואַכנדיג אָדער גאָר אין חלום. טייל מאָל דאַכט זיך איר, אַז איר גאַנץ לעבן איז אַ חלום... אַז זי איז גאָר אַ געוויינלעכער דאָרן, און אַ רויז נאָר אויף'ן עולם הדמיון! אַז זי וועט זיך גיך און באַלד אויפכאַפּן שפּיציג און פאַרקרימט און פול מיט ברענענדיגן, גיפטיגן זאַפט!

* *
*

מיט דער צייט איז דער רויז בעסער געוואָרן. איר דאָקטאָר איז געוועזן די וואַרימע זון און עטלעכע טראָפּן זומער־רעגן... זי איז אַלע מאָל געזינטער און פולער געוואָרן. דאָס אײדלסטע רויזן־בלוט האָט איר אָנגעהויבן צו קרייזלען אין די אָדערן, זי ווערט רויט און רויטער, מיט יעדער מינוט שיין און שענער. דערביי ווערט זי אויך מוטיגער און שטאַרקער ביי זיך!

און וואָס רויטער און געזינטער זי ווערט, הויבט זי זיך אַלץ העכער און העכער, און קוקט אַלע מאָל זיכערער און לעבעדיגער אַרוים אויף דער פרייער וועלט. דערנאָך איז געקומען די העכסטע

ציט, זי איז שוין אין גאנצן צ י י ט י ג, פול מיט ז א פ ט און שארלאך־רויט! אצונד הויבט זי זיך אויף אין גאנצן, שטרעקט ארויס דאס גאנצע קעפל הויך איבער'ן שטרויס, אום אלעם מיט אפענע אויגן צו באטראכטן, און פון אלעם באטראכט צו ווערן!

*　*
*

זי קוקט זיך אום און פארוואונדערט זיך! אלע אירע שוועסטער זיינען שוין פארשוואונדן געווארן; זי איז געבליבן איין רויז אין גארטן, איינע אליין. עס פרייט און שרעקט זי צוזאמען!... כאטש זי האט אלעם נאר ווי אין חלום געהערט און געזען, ווייסט זי דאך, וואס דאס פארשווינדן באטייט! זי ווייסט, אז אירע שוועסטער זיינען פון די שטרויסן אראפ אין דער וועלט אריין זוכן גליק. וואס דאס „גליק" אליין איז, דאס ווייסט זי נישט, נאר עפעס טרוימט איר, אז עס איז א גליק פארא־נען, אז דאס גליק וואקסט נישט אויפ'ן שטרויס, אז צוליב אים מוז מען ארויס פון דער שטעכעדיגער ארימער היים אין דער פרייער וועלט אריין, צוגעזעצט צו עמיצענ'ס א ברוסט!

זי שרעקט דאס גע'חלום'טע גליק און דאך ציט עס זי ווי א מאגנעט... זי דערמאנט זיך, אז איינמאל האט זי געהערט אזוי זיס מוזיקאליש רידן פון גליקלעך זיין און גליקלעך מאכן... מענטשן האט זי נישט איינמאל געזען און געהערט באהאלטן אין שטרויס... טייל עלנטע, טרויעריגע, פארקרימטע מענטשן... נאר טייל פריילעכע, גליקלעכע מיט רויזן אויפ'ן הארץ! און די האבן געשמייכלט, און דאס פנים האט זיי געשטראלט מיט גליק! זי וויל אויך אויסגלייכן, בלאנק מאכן א זויער־טרויעריג פנים, זי וויל אויך ליכט אנצינדן אין האלב־פארלאשענע אויגן...

זי וויל זיך אליין אפרייסן פון שטרויס און צו־קאלערן זיך צו דער אלייע, וואו מענטשן וועלן באלד אנהויבן שפאצירן... עס „פאסט" דאך נישט; זי ווייסט שוין, אז דער סדר עולם איז

נישט, רויזן זאָלן זיך אָפּרייסן אַליין... מען מוז וואַרטן... אויך אונטן וועט מען זי נישט באַמערקן! עס קען דורכגיין אַ פּאַר־טראָגענער סוחר, אַ פּראָצענטניק, וואָס לויפט נאָך זיין אָפּפּער אָדער וואָס אַנטלויפט פּאַר'ן געזעץ... אַ טרעגער מיט אַ שווערער לאַסט אויף די פּלייצעס, וואָס וועט אויף איר גאָר קיין מבין נישט זיין און נישט אָפּטרעטן פון וועג... און אונטער אַזוינע פיס וויל זי אודאי נישט שטאַרבן. זי מוז בלייבן אויפ'ן שטרויס, כאָטש אַזוי איינזאַם און טרויעריג!

— מען וועט דאָך באַלד קומען! — טרייסט זי זיך. — מיינע שוועסטער זיינען דאָך אויך נישט זיצן געבליבן!

*　*
*

עס איז אַ קלאָרער, העלער פרימאָרגן; זיי וועלן זיך באַלד באַווייזן! דער הימל איז אַזוי העל־בלוי, אַזוי צוזאָגנדיג, אַזוי שמייכלדיג, אַזוי גוט! אין אַזאַ שיינעם העלן טאָג מוז איר גליק געבאָרן ווערן, און — ווי אַ זילבערנער שטראַל פון הימל, ווי אַ ברכה פון גאָט, אַראָפּפאַלן אויף איר! זיי וועלן זיכער קומען און איינער פון זיי... איינעם פון זיי וועט זי באַגליקן!

זי הויבט זיך נאָך העכער איבער'ן שטרויס. זי גלייכט אויס און צעלייגט אירע רויטע קליידלעך, מיט חנ'עוודיגע טוי־בריליאַנטן באַשיט. זי לייגט דאָס קעפּל אַ ביסל אָן אַ זייט; אַזוי פילט זי זיך שענער און נעענטער צו דער שמאָלער אַלייע.

*　*
*

עמיץ גייט!

עס הויבן אָן ציטערן דאָס קליינע רויזן־הערצל. זי וויל זיך שוין צוריק באַהאַלטן. זי האָט חרטה... נאָר דער, וואָס קומט אָן, כאָטש ער זעט זי נאָך נישט, ציט זי שוין צו ווי אַ מאַגנעט.

א רויז איז פון נאַטור צו איידל, עס זאָל איר אַזוינס געפעלן!

* *
*

מיט א גרויען פאַראַסאָל אין דער האַנט, מיט גרויסע קאַלאָשן אויף די פיס, מיט א דיקן פּאַלעטאָט, פאַרמאַכט אויף אַלע קנעפּ, מיט א ווייס טוך פאַרבונדן די ציין, מיט א הויכן צילינדער אין דער לינקער און אין דער רעכטער האַנט א דיקן ווייַן־שטאָק, איבער וועלכן דער גאַנצער קערפּער בויגט זיך אינ׳ם גאַנג; מיט א גאָלן קאָפּ און דאָפּלטע ברילן אויף דער דאַרער, גע־גאָרבט, שפּיציג־בייניגער נאָז, קומט אָן — שלעפנדיג א פוס נאָך א פוס — אַן אַלטער „דייטש״!

די רויז האָט זיין שטילן גאַנג נישט דערהערט, און קיין צייט נישט געהאַט זיך פאַר אים צו באַהאַלטן.

ער שטעלט זיך פאַר איר אָפּ, שלעפּט צו איין פוס צום צווייטן! מאַכט צורעכט די דאָפּלטע ברילן און באַטראַכט די פרישע בריאה...

ער רונצלט דאָך די נאָז; זי איז אים נ י ש ט געפעלן.

— פּהי! — בלאָזט ער אַרויס פון צווישן די בלויע ליפּן, און דערפון ווערט א ריח און א גערויש, גליידך א פויל בלאַט וואָלט געפלויגן אין דער לופט.

— פּהי! שוין נישט פאַר מיר! צו פיל אַנטוויקלט... צו אַלט! איך דאַרף אינגער, פרישער; נאָך גרינלעך, עפּעס אַזוינס — — —

ער לייגט צו צוויי פינגער צו די ליפּן, וויל ענדיגן מיט א וואויל־יונגערישן פייף, נאָר עס קומט אַרויס קוים א צישען פון א שלאַנג — — און גייט וויטער.

— ברעך די פיס! — קען זיך די רויז נישט איינהאַלטן.

* *
*

אַט, עס קומט אָן א מענטש אין די מיטעלע יאָרן.

עס גייט אַ יונגערמאַן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן...

— אַך! ער וועט מיך נישט דערזען! — טרייסט זי זיך און שרעקט זיך צוזאַמען!

דער יונגערמאַן קומט נעענטער. זי האָט נאָך אַזאַ טרויעריג פּנים נישט געזען! אַ דינער ביטערער שמייכל בלאָנדזשעט אַרום אַ פּאָר קליינע בלאַסע ליפּן... דער יונגער שטערן איז גע־רונצלט, אויף די בלאַסע באַקן איז שוין לאַנג, אַ פּנים, קיין פרייליכער שטראַל נישט געפאַלן... זיינע אויגן זעט זי נישט, נאָר זי פילט, אַז זיי מוזן זיין בלוי און שיין ווי דער הימל, נאָר טרויעריג — ווי עס קען נאָר זיין אַ הימל אָן זון!

— און קיין איינציגע פון מיינע שוועסטער — וואונדערט זי זיך — האָט זיך פאַר אַזוינעם נישט געעפנט?

דער יונגערמאַן הויבט פּלוצלונג אויף די אויגן; זי האָט געטראָפן! דאָרט קאָן זיין אַ הימל, נאָר דערוויל איז אַ ים פון לייד! ער דערזעט זי אויך; רייבט זיך מיט דער האַנט דעם שטערן, ווי איינער וואָס דערמאָנט זיך עפּעס; זיין פּנים ווערט בלאַסער, און דער דינער ביטערער שמייכל ווערט ברייטער און ברייטער און פאַרשפּרייט זיך אַלץ העכער און העכער ביז די אויגן צו... נאָר באַלד פאַלט דערויף אַ געדיכטער שאָטן פון ווייטאָג! ער פאַרברעכט די הענט:

— אַ רויז, — ציטערן זיינע ליפּן, — אַ רויז! — ווען יענע האָט מיר „יאָ” געזאָגט, האָט זי אַ רויז געטראָגן... נאָר דאָס איינציגע צירונג האָט זי געהאַט אויף דער ברוסט, ווען זי האָט מיך אָפּגענאַרט... די אייגענע רויז!

—אַך, דאָס נארישע האַרץ! — בייזערט ער זיך אויף זיך אַליין, — ער קאָן נאָך אין איר און אין ר ו י ז ן נישט פאַר־געסן!

— מאַרש! — קאָמאַנדירט ער זיך, און רייסט זיך אַוועק מיט געוואַלד, און פאַרשווינדט אין אַן אַנדער אַלייע.

— אַך, גאָט, גאָט, — קלאָגט זיך די רויז, — וואָס מיינע שוועסטער קענען!

אָ! זי וועט עס נישט טאָן... ביז׳ן לעצטן אָטעם, ביז׳ן לעצטן הויך! אָ, ניין! אינ׳ם טרייען אָפּערן זיך איז דאָס העכסטע גליק פון א רויז!

*   *
*

עס קומען אָן צוויי עלטערע דאַמען; גייענדיג, באטראַכטן זיי אַלע שטרויסן; אַלע זיינען לער!

— זיי מוזן דערוואַקסענע זין האָבן! — טראַכט זיך די רויז.

— נאָר פאַרוואָס קומען זיי נישט אַליין? — זעט עס איר וואונדערליך אויס.

— מיר האָבן זיך פאַרשפּעטיגט, — מאַכט איין דאַמע צו דער אנדערער.

— איך זע שוין, — ענטפערט די צווייטע, — עס וועט שוין דאָס יאָר קיין רויזן נישט זיין!

די רויז וויל דאָך, מען זאָל זי באַמערקן, אָבוואָל דאָס רחמנות אויף יענעם קלינגט איר נאָך אין הערצל. זי באַ־וועגט זיך און עס געראָט איר!

— אָט, א רויז! — מאַכט איינע.

— איך זע שוין, — זאָגט די צווייטע, — „קיין מעשה נישט״ פון א רויז, נאָר איינע איז קיינע! פאַר מיינע געסט דאַרף איך וויינינגסטנס — א טאָפּ איינגעמאַכטס... נאַכט אויף נאַכט וויין און קאָרטן! דאַרף דאָס אויך נישט פעלן.

— איך — וויינינגסטנס איין עמער זאַפּט...

די אָרימע רויז דאַנקט גאָט, אז די דאַמען זיינען פאַרביי־געגאַנגען. זי שטויסט זיך אפילו נישט, ווי אזוי מען דריקט אַרויס דעם זאַפט פון רויזן, ביי וואָס פאַר א פייער עס פּרעגלען זיך קאָנפיטורן... נאָר די דאַמען אַליין זיינען איר נישט גע־פעלן; אזוינע דיקע, שמאַלציגע פּנים׳ער...

עלעגאַנט געקליידט, דער אָבערציער מיט דער העלער אונטערלאַג אויפ׳ן אַקסל, מאָדישע זעק אַלס ביינקליידער. אַן אָפענער זיאַקעט, פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ גאָלדן (אָדער אַ געגילדט) קייטל, און ענדיגט זיך נאַכלעסיג, אַראָפּפאַלנדיג מיט אַ גרויסן פערדס־קאָפּ אין אַ ראַם פון אַ קליינער פערדס־פּאָדקאָווע; איבער דער ברוסט טאַנצט אין דער לופט אַ גאָלדענע פּאַנסנעע אויף אַ דין־זילבערנע האָר; אַ יעגער־הוט, און — אַ פּנים — צו וועלכן מען האָט זיך געמוזט גוט און שאַרף צוקוקן, מען זאָל דערזען, אַז דאָס לעבן האָט שוין לאַנג דעם פרישן הויך דערפון אַראָפּ־געבלאָזן... נאָר די אויגן זיינען רויטלעך־מיד, און אַרומגעפּאַסט מיט בלויע רענדער.

די רויז באַמערקט ער באַלד, נאָר ער בלייבט אפילו נישט שטיין אַ רגע.

— פאַר אַן אַנדערער — טראַכט ער — איז אַ רויז נענוג. איך וואָלט געשיקט אַ רויז מיט דער פרישער טוי, אַ שמע־קענדיגן בילעט מיט פלאַמענדיגע ריימען אונטער אַ דורכגע־שטאָכן האַרץ... זי וויל אָבער בריליאַנטן!

* *
*

עס קומט אָן אַ בלאַסער יונגערמאַן, לאַנגע, נאָכגעלאָזטע, פּאָעטיש פאַנטאַסטיש צעשויבערטע האָר. די אויגן פאַרזענקט אין הימל, גלייך ביידע בלויע פאַרבן ווילן זיך צוזאַמענגיסן! אין מויל מיט גוט־געריימטע ליפּן — אַ זיס זומער־לידל אָן ווער־טער, און אויפ׳ן בלאַסלעכן, מיט גאָלדענע זון־שטראַלן לייכט נערוויטלטן פּנים איז אויסגעגאָסן אַ פאַרבן־פּאָעטישער חלום.

די רויז דערפילט אַ שטאָך אין האַרץ, גלייך עס האָט זי אַ פייל געטראָפן.

עס טוט איר וויי, נאָר דער וויטאָג איז אַזוי זיס, אַזוי איידל־

זים! איר ציטערט דאָס קליינע רויזן־הארץ, און צאַפּלט ווי אַ יונג פויגעלע אין שטייג, עס ווילט זיך אויסרייסן!

— אַט — דאָס איז דער — צאַפּלט עס און רייסט זיך — וואָס עס האָט זיך מיר אַזוי לאַנג גע'חלום'ט! וואָס גאָט האָט מיר געוויס באַשערט! גליק איז אויף זיין ברוסט! אַ! ער זאָל מיך נאָר זען! ער זאָל נאָר מיך זען!

און איר היים געבעט איז ווייטער געהערט געוואָרן: ער האָט זי דערזען!

ער בלייבט שטיין אַנטציקט! די בלויע אויגן ווערן אים גרעסער און די שטראַלן אין זיי — ליכטיגער און וואַרימער!

ער גייט צו און באַרירט זי זאַכט מיט די ציטערדיגע פינגער, ער לייגט צו זיינע ליפּן צו אירע איידעלע בלעטלעך... זיי טרינקען פון איר טוי... ער קושט זי...

— אָ, דו שיינע! זיסע, הימלישע רויז! — זינגט פון אים אַרויס — דו גאָטעס זיסער שמייכל! דו בעסטער שטראַל פון זיין אויג! ווי ליב האָב איך דיך! ווי דו ציסט מיך צו דיר!

ער קושט זי נאָכאַמאָל... און זיינע ליפּן דערפילן, אַז די רויז וויל זיך אָנקלעפּן אין זיי... אַז זי איז גאַנצן ציטערט און וויל זיך אָפּרייסן פון שטרויס...

און ער ציטערט אויך! נאָר אַ טרויעריגער וואָלקן ציט זיך פּלוצלונג איבער זיין פּנים. ער רוקט זיך אָפּ.

— ניין, — ציטערן זיינע ליפּן, בשעת ווען ער כאַפּט די הענט צו זיך, גלייך ער וויל זיי נישט געטרויען —

— דאָס נישט! איך וועל דיר פאַר דיין גוטס מיט קיין שלעכטס נישט צאָלן...

„צו געשווינד וואָלסטו פאַרוועלקט אין מיין נאָסער שטוב... דענערוווירט — וואָלט איך דיך נאָך באַליידיגט, און דערנאָך — מיר אין קאָפּ אַ קויל אַריינגעיאָגט..."

„אָ, ניין! בלי ווייטער, בלי! דו וועסט בלייבן די קעניגין

פון אַלע מיינע חלומות... וואו איך וועל זיין, וועל איך אַלץ שיקן מיינע זיפצן און מיין געבעט צו דיר... נאָר בליען זאָלסטו ווייטער..."

„בלי"!

און ער גייט אוועק...

*　　*
*

באַטויבט, בלייבט די רויז אויפ'ן שטרויס און באַמערקט נישט, אַז מיט דער אַליע קומט אָן אַ שכור.

ער וואַקלט זיך אַהין און אַהער, זינגט עפּעס אונטער דער נאָז און פאַלט גלייך אויפ'ן שטרויס אַרויף.

אַז די פּאָליציי האָט אים שפּעטער־צו אויפגעהויבן, האָט זיך דער שטרויס צוריק אויסגעגלייכט, נאָר די רויז איז שוין אויף אים נישט געווען.

די טויטע שטאָט

אַרומפאָרנדיג אויף דער פּראָווינץ וועגן דער אידישער סטאַטיסטיק, האָב איך אונטערוועגס געטראָפן אַמאָל אַ איד, וואָס האָט זיך געשלעפּט טריט ביי טריט אין שווערן זאַמד. דער איד זעט אויס קראַנק, קוים וואָס ער גייט. קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. איך קריג אויף אים רחמנות און נעם אים אויף, אויף דער פור. ער זיצט אויף, שטעקט מיר אָפּ „שלום עליכם״! פרעגט מיך אויס וועגן אַלערליי נייעס. איך ענטפער און פרעג צום סוף:

— און איר פון וואַנען זייט, ר׳ קרוב?

— פון דער טויטער שטאָט! — ענטפערט ער געלאַסן.

איך מיין ער שפּאַסט.

— וואו איז עס, — פרעג איך, — הינטער די הרי חושך?

— אי! — שמייכלט ער, — דוקא אין פּוילן...

— אין אונזער מדינה, אַזאַ שטאָט?

— פאַראַן! — זאָגט ער — פאַראַן! הגם די אומות העולם ווייסן נישט פון איר, און האָבן איר קיין גוי׳אישן נאָמען ביז היינט נישט געגעבן... עס איז אַ אידישע, אַן עכט אידישע שטאָט!

— וואָס רעדט איר?

— וואָס איר הערט! איר קענט אודאי געאָגראַפיע און מיינט, אַז אַלץ איז דאָרט פאַרשריבן; אַז אָסור! מיר אידן לעבן אָן געאָגראַפיע!... נישט פאַרשריבן און פון נאָענט און ווייט קומט מען צו אונז און מען פאָרט פון אונז. נאָך וואָס געאָגראַפיע?... יעדער בעל־עגלה ווייסט דעם וועג...

— איר גלויבט נישט? — פרעגט ער ווייטער.

— איך שווייג.

— און דאך איז אזוי! אונזער מרא דאתרא שרייבט זיך דורך מיט אלע גאונים פון דער וועלט! עס גייען שאלות ותשובות וועגן אלע די וויכטיגסטע זאכן... און אלץ ווערט פארזארגט... איז נאך דער צייט! נישט לאנג, למשל: האט מען מתיר געמאכט אן עגונה, וואס האט שוין לאנג אויסגעלעבט אירע יארן; נו, וואס איז? דער עיקר איז דער שכר פון פלפול, נישט די עגונה!

ער מאכט ווייטער:

— אלע „אייניקלעך" וויסן שוין לאנג פון אונזער שטעטל... קומען, ברוך השם, גאנץ אפט... פארן, ברוך השם, נישט ליידיג ארויס.

— דאס ערשטע מאל הער איך פון א טויטער שטאט!

— איז ווירקלעך א וואונדער! מוזט איר זיך א ביסל האלטן פון ווייטנס... עס איז דאך אן עכט אידישע שטאט, אן אמת'ע עיר ואם בישראל; זי האט אלץ וואס א שטאט ברויך; משוגעים אפילו, צוויי אדער דריי! און מסחר האט זי אויך א שם!

— פירט עפעס ארויס צי אריין?

— וואס? וואס זאגט איר? — פרעגט דער איד, נישט רעכט פארשטייענדיג. — סחורה, מיינט איר, ארויס און אריינ־פירן?

איך שאקל מיט'ן קאפ אויף יא.

— געוויס! — ענטפערט ער — מען פירט ארויס תפילין און רצועות, מען ברייגגט אריין אתרוגים פון קורפו און ערד פון ארץ־ישראל! אבער נישט דאס איז דער עיקר: דער עיקר איז דער האנדל אויפ'ן ארט, אין שטאט גופא, שענקען, אורחים־שטיבלעך, אלטווארג... כנהוג בישראל, ווי דער שטייגער איז...

— אן ארימע שטאט?

— וואָס הייסט רייך און וואָס הייסט אָרים? ס'איז דאָ פּרנסה! נאָר אָרימע לייט גייען אַרום אין די הייזער, אין דער היים אָדער אין סביבות... דאָס מערסט — אויפ'ן אָרט! ווער עס שטעקט אויס אַ האַנט, דעם גיט מען. אַנדערע זוכן זיך לייכטע מלאכות, אשטייגער: אַ מעקלעריי, זוכן אין די גאַסן און געפינען אַ כשר'ע מציאה... דער רבונו של עולם פאַרלאָזט נישט!... יתומים עסן טעג ביי באַלעבאַטים און לערנען אין תלמוד־תורה; פון יתומות ווערן דינסט־מיידלעך, קעכין, פאַרן אַפּ און זיינען זיך אויך מפרנס... אלמנות, גרושות און עגונות (אין דער לעצטער צייט איז פאַראַן אַ סך עגונות) זיצן פאַרשלאָפן איבער פייער־טעפּ! און פאַרדרויכט, חלומ'ט זיי, אַז עס וואַקסן שוין גרייטע זעמל אויף די בוימער... אַנדערע לעבן גאַנץ בכבוד!

— פון וואָס?

— פון וואָס? ווי דער סדר עולם איז! אַן אָרימאַן האָט בטחון, אַ סוחר שלינגט לופט, און דעם ערד־אַרבעטער, דעם סברן, מיין איך, דעם פעלט אודאי נישט...

צי מאַכט ער חוזק, דאָס אויסגעדאַרטע אידל, דער גל־עצמות, מיט'ן מאָדנע פייערל, וואָס בליצט אים אין די טיף איינגעפאַלענע אויגן? אויפ'ן שאַרף־ביינינגן פּנים, וואָס איז אַרומגעצויגן ווי מיט אַ געל שטיק פּאַרמעט, באַווייזט זיך דאָך קיין מינדסטער שמייכל... נאָר דאָס קול זיינס... עפּעס קלינגט עס מאָדנע!

— וואָס איז עס פאָרט — פרעג איך — פאַר אַ מין שטאָט?

— וואָס הייסט? אַ שטאָט ווי אַלע שטעט! פאַראַן אַ שול; אויף די ווענט, דערציילט מען, איז געווען אַמאָל אויסגע־מאָלט אַלערליי חיות, בהמות און עופות, פון פּרק שירה אַרויס... אויפ'ן בעליק ווייטער — אַלערליי כלי זמר, פון דוד המלך, עליו

השלום... איך האָב עס שוין נישט געזען, נאָר אַלטע אידן זאָגן!

— און היינט?

— היינט? שטויב און שפּינוועבס... נאָר אַ הילצערנע קייט, פון איין שטיק אויסגעשניצט, הענגט נאָך אַראָפּ פון בעליק, פאַלט זיך אַזוי בנעימות אַראָפּ, אין אַ זייט פון ארון קודש, רעכטס פון פּרוכת, וואָס איז ווייטער אַ מתנה פון פרומע נשים... ווער עס האָט געמאַכט די קייט, געדענקט מען נישט, נאָר אַ מייסטער איז עס געוועזן! אַזאַ קייט!

— אין שול — דערציילט ווייטער דער איד — דאַוונען, ווי דער שטייגער איז, סאַמע פּראָסטאַקעס — בעלי־מלאכות; אויסגענומען שניידער, וואָס האָבן אַ באַזונדערן מנין, און קצבים מיט בעלי־עגלות, וואָס האָבן זיך האַי־יאָר געדונגען אַ באַזונדער שטיבל צו דאַוונען... די שול קען קוים עברי! שיינע באַלעבאַטים, בני תורה דאַוונען אין בית־המדרש, אַ גרויס בית־המדרש... אַ סך ספרים! חסידים ווידער דאַוונען אין שטיבלעך!

— און מחלוקת פאַראַן?

— כל זמן מען לעבט! אויפ'ן קברות פאַר דאָס איז שלום... איין בית־עלמין פאַר אַלע... דאָס מרחץ מיט דער מקוה זיינען אויך בשותפות פאַר אַלע...

— וואָס נאָך פאַרמאָגט איר?

— וואָס דאַרף מען נאָך? געוועזן הכנסת אורחים, אונ־טערגעגאַנגען... אורחים קענען שלאָפן אין בית המדרש... לײדיג־ בייגאַכט... אַ הקדש האָבן מיר!

— אַ שפּיטאָל, מיינט איר?

— נישט קיין שפּיטאָל, נאָר אַ הקדש. צוויי שטובן, פריער איז עס געוועזן דעם בעדער'ס דירה, דערנאָך האָט מען געמאַכט, דער בעדער זאָל יוצא זיין מיט איין שטוב און די צווייטע זאָל זיין אַ הקדש... בסך הכל ליגן דאָרט, דאַכט זיך, דריי קראַנקע ווייבער, איינע, נעבעך, אָן אַלטע, אָפּגענומענע פיס, און ליגט איבעראַנאַנד; אַ צווייטע — הענט און פיס אָפּגענומען, און נאָך

א משוגע׳נע עגונה, דריי ווינקלען פארנעמען די בעטן, אין פערטן שטייען קוימען־אויוון! אין מיטן האבן מיר נאך א טויטן־שטיבל, טאמער טרעפט זיך!

— איר לאכט פון מיר, ר׳ קרוב, — פאל איך אים אין די רייד, — עס איז דאך ציאכנאוועס! ציאכנאוועס מיט איר מסחר, צדקות און מעשים טובים! פארוואס זאגט איר די טויטע שטאט?

— ווייל איך מיין טאקע די טויטע שטאט! איך רייד פון א שטאט, וואס באלד אין דער התחלה, ווען זי האט זיך געבויט, איז זי געהאנגען אויף א האר, און היינט, אז די האר האט זיך איבערגעריסן, הענגט זי אין דער לופט, אויף גארנישט האלט זי זיך. און ווייל זי האלט זיך אויף גארנישט און שוועבט ארום אין דער לופט, איז זי געווארן א טויטע שטאט... ווילט איר, וועל איך אייך דערציילן פארוואס און ווי אזוי.

— אדרבא... זייער אינטערעסאנט.

עס פאלט דערווייל צו די נאכט... דער הימל ווערט אין א זייט בלוטיג, פייערדיג; דארט נייט אונטער די זון. פון דער צווייטער זייט דאגעגן, פון א קלארן, לייכטן געפיל שווימט ארויס די לבנה, ווי א כלה׳ס פנים פון אונטער א ווייסן שלייער. די בלאסע שטראלן, וואס זי זייעט אויף איבער דער ערד, ציטערן און מישן זיך אוים מיט די ציטערדיגע שאטן פון דער טרויעריג שטילער נאכט...

עס ווערט אומהיימלעך.

מיר פארן אריין אין א וועלדל. דער לבנה׳ס שטראלן גנב׳ענען זיך צו אונז דורך די ציטערדיגע בלעטער...

אונטן, צווישן אראפגעפאלענע בלעטער און צווייגן, טאנצן ארום קליינע ליכט־רעדלעך, ווי זילבערנע מטבעות, עפעס א כשוף שטעקט אין דער באלייכטונג, אין שטיל־רווישנדיגן וואלד...

איך ווארף א בליק אויפ׳ן אורח, ער האט שוין, דאכט זיך,

גאָר אַן אַנדער פּנים... עס איז אַזוי טרויעריג און ערנסט; דער בליק, דאַכט זיך, איז אַזוי עֶלנד און פֿראָסט...

זאָל דאָס אַלץ אמת זיין?

האַ... איך וועל הערן!

— פון דער ערשטער רגע אָן — דערציילט דער איד, — האָט די שטאָט געהאַנגען אויף אַ האָר, ווייל מען האָט זי באַלד געשטעלט אויף אַן אָרט, וואו עס טאָר, על פּי דין, קיין אידישע שטאָט נישט זיין! ערשט, אז עס האָט זיך צענויפגעזאַמלט דאָס ערשטע מנין, האָט מען געמאַכט אַן אסיפה... עס איז געבליבן, מען זאָל זיך צורעכענען צו איינער פון די שטעט אין דער סביבה. אויף דער סמך האָט מען דערווייל געבויט אַ מקוה, אַ שול, דער־נאָך — אַ מרחץ, געקויפט נאָך אַ שטיקל ערד אויף אַ הייליג אָרט...

און, אַז מען האָט שוין אַלץ אָפּגעטאָן, האָט מען געשיקט שתדלנים, וואו אהין מען דאַרף, מען זאָל דאָס אַלץ באַשטעטיגן...

— מיט'ן קאָפּ אַראָפּ?

— וואָס גייט ביי אונז נישט אַזוי? עס קען דען אַנדערש זיין?...

— ווייס איך...

— סאַי ווי סאַי — אַ מעשה שהיה! און עס איז גאָרנישט אַזוי קרום געוועזן ווי איר מיינט...

געוועזן איז אַ איד אַן עושר, אַ גביר! דער גביר איז געוועזן, פאַרשטייט איר, ווי דער סדר עולם איז, אַ שטיקל, און אפשר אַ שטיק קרוב למלכות... אַ תקיף... האָט מען אַלץ געמאַכט אויף זיין נאָמען: זיין שול, זיין מרחץ, זיין מקוה, — אפילו זיין הייליג אָרט... פּאָליציע האָט געשוויגן; איך זאָג דאָך אייך — אַ תקיף!

אַז עס וועט קומען דאָס פּאַפּיר פון הויכן אָרט, — וועט ער איבערשרייבן אויף קהל, וועט אויפהערן דאָס לאַ־יחרץ געלט.

— און דערנאָך האָט דער גביר געזאָגט: עלי כתיב?

— ניין, מיין ליבער האַר, דעמאָלט זיינען נאָך אַזוינע גבירים

אין דער מאָדע נישט געווען... מען האָט בכלל פון „עלי כתיב" נאָך נישט געוואוסט. נאָר הערט וואָס עס קען זיך פּאַסירן, וואָס עס מאַכט זיך אַמאָל אויף דער וועלט!

נישט דער גביר, נאָר דער שתדלן האָט אָנגעמאַכט די גרויסע צרה... אויפ'ן וועג האָט ער זיך מיישב געווען, און איז אַנט־לאָפן! מיט'ן געלט, מיט די פּאַפּירן... און איבערגעלאָזט דעם פריש־געבאַקענעם קהל, אַן עגונה מיט לעבעדיגע יתומים...

— האָט מען געשיקט אַ צווייטן?

— אַזוי געשווינד? איידער מען איז געוואויר געוואָרן, אַז ער איז אַנטלאָפן, איידער וואָס, איידער ווען, איז דערווייל דער גביר געשטאָרבן און איבערגעלאָזט, צווישן אַנדערע, אַ יורש אַ יתום קטן... פאַר 21 יאָר טאָר ער דאָך נישט אָפּשרייבן!

— איילט מען זיך נישט?

— געוויס... אַז ער וועט אַלט ווערן איין און צוואַנציג יאָר, וועט מען שיקן אַ נייעם שתדלן און אפשר צוויי...

— און מען האָט עס פאַרשריבן לזכרון אין פּנקס?...

— אָט! אָט!... האָט טאַקע דער פּנקס געדענקט און דער עולם פאַרגעסן!

טייל זאָגן, אַז דער פּנקס איז פאַרברענט געוואָרן: דער גבאי האָט געהאַלטן דעם פּנקס און הבדלה געמאַכט, אונטערגעצונדן אַ ביסל בראַנפן און ואיננו...

קהל דערווייל, קיין עין הרע, וואַקסט; אידעלעך, ברוך השם, מערן זיך. עס קומען צו פון אַנדערע קהלות אויך: דער ברייננגט אַן אײדים, דער אַ שנור, מיט איין וואָרט: עס צעוואַקסט זיך. און, ווי להכעיס, דעם גביר'ס יורשים פאַלן! די אַלמנה האָט חתונה און פאָרט אָפּ, איין זון נאָכ'ן צווייטן זוכן פרנסה אין דער פרעמד... אויף שבעה ימים זיך צעלאָפן. געבליבן איז נאָר דער יתום קטן... קהל מאַכט אים אַן אַפּוטרופּס, מאַכט אים חתונה, גיט אים צו אַ געניטן שותף —

— דער מאכט אים אויס אן אויער!

— כדת משה וישראל!

און צרות האָט ער פון שותף, גרעסערע פון ווייב; א פאלשן וועקסעלע האָט ער אויך אונטערגעשריבן, מאכט ער אויך פליטה... א גרויסער באַנקראָט... היימישע, פרעמדע, עס ווערט א גע־וואַלד, א גערויש, עס שפּאַרט אָן אין סאַנד, עס קומט א קאָמאַר־ניק... געלט איז נישט געווען, מטלטלין האָט דאָס ווייב באַהאַלטן, —נעמט זיך דער קאָמאַרניק צו דער שול מיט'ן בית עלמין!

א דונער האָט אריינגעשלאָגן אין שטעטל! א דונער פון ריינעם הימל אָן א פּיצל וואָלקן, דען, פארשטייט איר, דאָס אַלץ איז געווען ביז דער לעצטער רגע בסוד סודות...

פּלוצים, גאָר פּלוצים, אויף אַמאָל איז מען געוואָר געוואָרן, אַז קהל הענגט, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אויף א האָר!

וואָס בלייבט צו טאָן? פאָרט מען צו אַדוואָקאַטן... וואָס קענען זיי ראַטן אין אַזאַ פאַל? מען זאָל צולאָזן א ליציטאַציע, דער קאָמאַרניק זאָל אַלץ פארקויפן, און קהל זאָל אָפּקויפן! ווער קאָסטן, ווער קאָסטן! קהל איז דאָך אָבער דערווייל נאָך קיין קהל נישט, מען האָט דאָך די פּאַפּירן פארלוירן אויפ'ן וועג? זאָל מען אויפשטעלן אַן אַנדערן גביר, און אויף זיין נאָמען קויפן. דער עיקר—מען זאָל נישט וואַרטן, ביז דער גביר וועט, חס ושלום, אָבקומען אָדער אַוועקקומען, רחמנא לצלן.

אין פלוג, דאַכט זיך, נישט קיין שלעכטע עצה... היזק האָבן געלט איז קהל געוואוינט... איז אָבער שוין דעמאָלט געווען נישט איין גביר, נאָר עטלעכע! שתדלנים — גאָר א מאַסע! אויף וועמען זאָל מען פארשרייבן? וועמען נעמט מען פאר א שתדלן? אַלע ווילן, אַלע קענען זיך באַליידיגן... — מאַכט מען אן אסיפה און מען קלערט... און קלערן קלערט מען אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט א מחלוקת. און ביי אונז, אַז עס מאַכט זיך א מחלוקת, היינט עס אַזוי געשווינד נישט אויף... אַמאָל דאַכט זיך—אָט,

שוין שלום, דאָס פייער זינקט איין, נאַ דיר! קומט א שלום־מאַכער און גיסט צו בוימל, פלאַקערט ווייטער אויף, און—עד היום הזה!

דער איד ווישט זיך אָפּ דעם בלאָסן שטערן און דערציילט ווייטער:

— דערווייל איז געשען א מעשה, טאַקע—מויל און אויערן אויפצושטעלן! כמעט נישט צו גלויבן...

— נאָר, — גיט ער צו מיט א שמייכל, — עס איז דאָך נאַכט און די חיה וואָס שפּאַצירט ביינאַכט אין הימל (ער ווייזט אויף דער לבנה) הייסט „אמונה"... ביינאַכט, בפרט אין אזא שטילער נאַכט, לאָזט זיך אַלץ גלויבן...

— געוויס, בין איך אים נישט ווילנדיג מודה.

— און די מעשה איז טאַקע א שרעקלעכע.

דער קאָמאָרניק האָט ארויפגעשטעלט א פוס אויפ'ן הייליגן אָרט... די מתים דערהערן, ווערן אַפּנים, בייז... עס רוקן זיך אָפּ מצבות פון קברים... די מתים קומען ארויס... איר גלויבט?

— איך בין, חס ושלום, — זאָג איך, — קיין אפּיקורס נישט; אין השארת הנפש גלויב איך... נאָר...

וואָס „נאָר", רב קרוב, וואָס „נאָר"?

— איך האָב געמיינט, אז נאָר די נשמה בלייבט... די נשמה, וואָס פליט אין הימל אריין; אָבער דער גוף, וואָס גייט אין קבר אריין, דער גולם, דער פוילט... סיי ווי סיי, אָן דער נשמה, רירט ער זיך נישט... קען נישט אויפשטיין...

— גוט געזאָגט, — לויבט מיך דער איד, — אויף מיר אזא יאָר! איך האָב, — זאָגט ער ווייטער, — הנאה, אז איר זענט א יודע ספר... דאָך, פאַרגעסן האָט איר, ר' קרוב, אָן עולם הדמיון פאַרגעסן! די נשמה, זאָגט איר, גייט אין הימל אריין... גוט... נאָר וואוהין גייט זי? איינע אין גן־עדן, די צווייטע אין גיהנום אריין... אין גן־עדן אריין גייט די נשמה פון צדיק, אין גיהנום אריין די נשמה פון רשע! דעם קומט פאַר זיין גוטס—לויתן, שור הבר, יין המשומר... און יענעם, פאַר זיין רשעות—הייסע סמאַ־

לע... עס רעדט זיך נאָר אַזוי! נאָר דאָס הייסט: שכר ועונש. פאַרוואָס קומט שכר ועונש? ווייל אַ מענטש, כל זמן ער לעבט, האָט אַ ברירה. וויל ער—טוט ער גוטס, וויל ער—טוט ער שלעכטס, און, אַזוי ווי ער בעט זיך אויס, אַזוי, הא? שלאָפט ער...

ווי איז אָבער דער דין, אַז אַ מענטש איז קיין מענטש נישט, זיין לעבן איז קיין לעבן נישט, און טוט נישט, נישט קיין גוטס, נישט קיין שלעכטס, ווייל ער קען נישט טאָן, ער האָט קיין ברירה נישט צו טאָן און פאַרשלאָפט אַ לעבן, און קומט עס איבער ווי אין אַן עולם הדמיון? וואָס קומט אַזאַ נשמה? גיהנום? פאַר־וואָס? זי האָט קיין פליג אויף דער וואַנט נישט געטויט... גע־עדן? פאַר וועלכער דרשה, זי האָט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער אריין נישט געטאָן...

— וואָס ווערט טאַקע פון אַזאַ נשמה?

— גאָרנישט! זי לעבט ווייטער אין עולם הדמיון... זי שיידט זיך נישט אָפּ פון גוף... נאָר פריער האָט זיך דעם בעל דבר גע'חלומ'ט, אַז ער לעבט, אויף דער ערד, און היינט חלומ'ט זיך אים, אַז ער לעבט, אין דער ערד!

אין אונזער שטעטל איז כמעט קיינער קיינמאָל נישט רעכט געשטאָרבן, ווייל עס האָט קיינער נישט רעכט געלעבט! נישט קיין גוטע, נישט קיין שלעכטע; קיין רשעים, קיין צדיקים... פשוט'ע שלאָף־מיצלעך אין עולם הדמיון... לייגט זיך אַזאַ שלאָף־מיצל אין קבר אריין, בלייבט עס שלאָף־מיצל נאָר אין אַן אַנדערער דירה,—ווייטער נישט...

דעריבער איז דאָס גאַנצע שטאַרבן ביי אונז אַ ריינע קאָמע־דיע! דען, אפילו ביים לעבן, לייגט עמיצן אַ פעדער אונטער דער נאָז, וועט ער זי אַוועקיאָגן? און אַן איינגעגעסענע פליג טרייבט ער אַוועק? גלאַט, מען ווערט פטור פון אַ פערטער ציצה, מען איז יוצא מיט דריי, צי מיט פיר פסול'ע, ווי ערגעץ אַ מנהג איז! אויך ווערט מען לויז פון דאגת פרנסה... אָבער ווייטער?

דער זעלבער חלום, דער אייגענער עולם הדמיון... אין אַ

סך שטעט איז אזוי... און, עס טרעפט ערגעץ, ווי ביי אונז האָט געטראָפן, אַז אַ מת קריכט אַרויס פון אַ קבר, הויבט ער גאָר נישט אָן צו געדענקען, אַז ער האָט אַמאָל וידוי געזאָגט, גע־גוסס'ט און איז געשטאָרבן... קוים פאַלן אים, ביים אויפהויבן, די שערבעלעך אַראָפּ פון די אויגן, גייט ער גלייך אין בית המדרש, אין מרחץ אַריין, צי אַהיים עסן קוליש... ער ווייסט פון גאָר־נישט!

איך ווייס נישט צי די לבנה איז שולדיג צי איך אַליין בין עפּעס געוועזן נישט ווי אַלע מאָל, — איך הער, גלויב, און פרעג נאָך:

— נו, זיינען אַלע, אַלע מתים אויפגעשטאַנען...

— ווער ווייסט? מען פירט עפּעס ביכער? אפשר זיינען געוועזן שטילע אפּיקורסים, וואָס האָבן געקלערט, אַז עס איז תחית המתים, און זיינען, להכעים, געבליבן ליגן... נאָר אַ קהל מתים, אַן עדה איז אויפגעשטאַנען! אויפגעשטאַנען און אַנטלאָפן פאַרן קאַמאַרניק אין נאָענטן וואַלד אַריין.

— פאַרוואָס אין וואַלד אַריין?

— אין שטאָט אַריין האָבן זיי נישט געקאָנט... עס איז דאָך געווען בייטאָג, און על פּי דין, טאָר מען זיך נישט ווייזן בייטאָג אין תכריכים... אַ שטאָט מיט מעוברת'ע ווייבער... זיי קענען זיך נאָך, חס ושלום, פאַרקוקן און געווינען גרייטע מתים...

— רעכט... און דער קאַמאַרניק...

— איר פרעגט אויף אַן ערל... ער האָט נישט געזען אַ וואָרט... אפשר שכור געוועזן... נאַרנישט... ער האָט זיינס געטאָן, פאַר־שריבן...

— און פאַרקויפט?

— נאָך נישט... דערווייל איז נאָך קיין קונה נישטאָ...

— און די מתים?

— אָט... די מתים!

ער רוט זיך אָפּ אַ רגע און דער־ציילט ווייטער:

— קוים איז צוגעפאַלן די נאַכט, זיינען די מתים צוריק אין שטאָט אַריין... יעדערער גייט צו זיך אַהיים, גנב'עט זיך אַריין דורך א טיר, א פענצטער, ווי דורך א קוימען... כאַפּט זיך צו צו דעם אַלמער... אַרויסגענומען מלבושים, אָנגעטאָן זיך, אָפּגעגע־נעצט, און געלייגט זיך וואו עס איז שלאָפן...

צומאָרגנס איז שוין געווען א פולע שטאָט מתים...

— און די לעבעדיגע האָבן געשוויגן?

— מען האָט עס נישט באַמערקט!... פאַרנומען געווען מיט מחלוקת... יעדן איז דער קאָפּ פאַרדרייט, אַלע פאַריאַכמערט! און צוריק געשמועסט, ווי אַזוי דערזעט מען עס א חילוק צווישן א לעבעדיגן מיט א בר מנן אָן תכריכים? עס איז נישט אַזוי לייכט!

אַז א זון האָט דעם פאָטער דערזען, האָט ער דריי מאָל אויס־געשפּיגן: פּו, פּו, פּו, „און מיר האָט זיך גע'חלומ'ט, אַז איך האָב קדיש געזאָגט, ירושה גענומען... אַלע בייזע חלומות צו מיינע שונאים'ס קעפּ!"

אַן אַלמנה דערזעט איר מאַן, וואַרפט זי אים אַריין א מתנת־יד, געגאַרט האָט ער זי, דער עכבררש... חוזק מאַכט ער! און זי, א נאַרישע אידענע, האָט אים נאָך נייע תכריכים געמאַכט!

— און אַז זי האָט דערווייל חתונה געהאַט?

— ווער חתונה געהאַט? אין מחלוקת האָט מען אונטערגעג־צונדן און פאַרברענט די שול, מיט'ן בית המדרש מיט דער חופּה... הכל כאשר לכל... דערביי זיינען כמעט אַלע געווען „פּאַדסוד"...

— און וואָס ווייטער?

— גאָרנישט... די מתים זיינען לעבעדיג געוואָרן, די לעבע־דיגע האָבן אָנגעהויבן אויסצושטאַרבן, פון ענגעניש, פון דער לופט... דער עיקר, פאַר הונגער...

— א הונגער איז געווען?

— ווי ערגעץ! ביי אונז יאָ... די מתים האָבן זיך געזעצט

אויף זייערע ערטער אין מנינים און אויף זייערע ערטער אין דער היים ביי דער שיסל אויך... מען האָט נישט געוואוסט, נאָר עס האָבן פּלוצים לעפל פאַרפעלט, — פון איין שיסל עסט מען, האָט פאַרפעלט לעפל... א באַלעבאָסטע ווייסט, אז זי האָט אַזוי פיל לעפל ווי מענטשן... קלערט זי, א גנבה! פרומע זאָגן: א כשוף... נאָר, אז מען ווערט געוואויר, אז אומעטום פעלט און אז דאָס עסן געניגט נישט, — האָט מען שוין געזאָגט: א הונגער־יאָר און מען האָט געהונגערט, און מען הונגערט נאָך...

און אין א קורצער צייט האָבן די מתים גובר געווען די לעבעדיגע... זיי זיינען היינט קהל און פירן קהל! זיי זיינען נישט פּרה ורבה, דאָס נישט, נאָר אז עמיץ שטאַרבט, גנב'ענען זיי אים אַראָפּ פון דער מטה, נעמען אַרויס פון קבר און עס נייט נאָך א מת אַרום אין שטאָט...

און וואָס פעלט זיי? זאָרגן, זאָרגן זיי נישט, פאַר'ן טויט — קיין פּחד נישט... עסן עסט מען אַבי א ברכה צו מאַכן, בענטשן צו קענען... אָבער מען דאַרף עס נישט, מען בענקט נישט דערצו, הוא הדין — טרינקען... הוא הדין וואוינען; הונדערט מתים קענען וואוינען אין איין שטוב, — מען דאַרף קיין לופט נישט!

און מען האָט קיין צער נישט! דען פון וואַנען האָט א מענטש צער, פון וויסן — יוסף דעת יוסף מכאוב, א בר מנן — זיין דאגה! ער וויל נישט וויסן און דאַרף נישט וויסן... שלעפּט זיך אַרום אין עולם הדמיון...

זיי האַלטן זיך דעריבער טאַקע פון דערווייטנס פון אַלע לעבעדיגע זאַכן... זיי האָבן קיין שאלות, קיין ספקות, קיין האַרץ־ווייטאָג, עס פוילט קיינעם קיין לעבער נישט!

— ווער מיינט איר איז ביי אונז רב? אַמאָל איז געווען א

לעבעדיגער מענטש, א טוער; היינט א בר מנן! גייט אַרום אויפ׳ן עולם הדמיון און זאָגט נאָך דעם חיי אדם ווי פון א חלום אַרויס...

— ווער זיינען די דיינים זיינע? זיינם גלייכן... האַלב פאַר־פוילטע מתים...

און די לייט פּסק׳נען שאלות פאַר לעבעדיגע ווי פאַר טויטע; אַלץ ווייסן זיי, אַלץ טוען זיי... זיי מאַכן ברכה, זיי גייען מיט מציצה, זיי בענטשן חתן־כלה...

ווער שטעלט זיך פאַר׳ן עמוד? א מת! א זקן ורגיל א מת! ער האָט א פּנים פון א מת, א קול פון א מת; עס טרעפט, א האָן ניט פּלוצים א קריי — אַנטלויפט ער אַוועק פון עמוד!

און די גבירים, די בעלי טובות, רעדל־פירער, קהל־פאַרזאָר־גער, דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג וואָס איז? טויטע, לאַנג גע־שטאָרבענע, לאַנג באַגראָבענע!

און דעריבער איז אַזאַ עפּוש אין שול, אין באָד, אין גאַס... סאַמע מתים...

— און איר, רב קרוב, איר וואָס זענט?

— איך? איך בין האַלב טויט, — ענטפערט דער איד.—

ער שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן און ווערט נעלם צווישן די בוימער...

באַנציע שווייג

דאָ! אויף דער וועלט, האָט באַנציע שווייג'ס טויט גאָר קיין איינדרוק נישט געמאַכט! פרעגט עמיצן בחדרם: ווער באַנציע איז געווען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, אויף וואָס ער איז געשטאָרבן! צי האָט אים'ם דאָס האַרץ געפּלאַצט, צי די כחות זיינען אים אויסגעגאַנגען, צי דער מאַרך־ביין האָט זיך איבערגעבראָכן אונטער א שווערער לאַסט... ווער ווייסט? אפשר איז ער גאָר פאַר הונגער געשטאָרבן!

א פערד אין טראַמוויי זאָל פאַלן, וואָלט מען זיך מער אינטערעסירט. עס וואָלטן צייטונגען געשריבן, הונדערטער מענטשן וואָלטן פון אַלע גאַסן געלאָפן און די נבלה באַקוקט; באַטראַכט אפילו דעם אָרט, וואו די מפּלה איז געווען...

נאָר דאָס פערד אין טראַמוויי וואָלט אויך די זכיה נישט געהאַט, עס זאָל זיין אַזוי פיל פערד ווי מענטשן—טויזנט מיליאָן!

באַנציע האָט שטיל געלעבט און איז שטיל געשטאָרבן! ווי א שאָטן איז ער דורך—דורך אונזער וועלט!

אויף באַנציע'ס ברית האָט מען קיין וויין נישט געטרונקען, עס האָבן קיין כוסות געקלונגען! צו בר־מצוה האָט ער קיין קלינגענדיגע דרשה נישט געזאָגט... געלעבט האָט ער ווי א גרוי קליין קערנדל זאַמד ביים ברעג פון ים. צווישן מיליאָנען זיינסגלייכן; און, אַז דער ווינט האָט'ן אויפגעהויבן און אויף דער אַנדערער זייט ים אַריבערגעיאָגט, האָט עס קיינער נישט באַמערקט!

ביים לעבן האָט די נאָסע בלאָטע קיין צייכן פון זיין פוס נישט באַהאַלטן? נאָכ׳ן טויט — האָט דער ווינט דאָס קליינע ברעטל פון זיין קבר אומגעוואָרפן; דעם קברנ׳ס ווייב האָט עס געפונען ווייט פון קבר און דערביי א טעפל קאַרטאָפל אָפּגעקאָכט... עס איז דריי טעג נאָך באָנציע׳ס טויט, פרעגט דעם קברן בחרם, וואו ער האָט׳ן געלייגט!

וואָלט באָנציע א מצבה געהאַט, וואָלט אפשר איבער הונדערט יאָר אַן אַלטערטומס־פאָרשער זי געפונען, און דער נאָמען „באָנציע שוויַיג״ וואָלט נאָך אַמאָל איבערגעקלונגען אין אונזער לופט.

א שאָטן! זיין פאָטאָגראַפיע איז נישט געבליבן ביי קיינעם אין מח, ביי קיינעם אין הארץ; עס איז פון אים קיין זכר נישט געבליבן!

„קיין קינד, קיין רינד״; עלנד געלעבט — עלנד געשטאָרבן!

ווען נישט דאָס מענטשלעכע גערודער, וואָלט אפשר עמיצער אַמאָל דערהערט ווי באָנציעס מאַרך־ביין האָט אונטער דער לאַסט געקנאַקט; וואָלט די וועלט מער צייט געהאַט, וואָלט עמיצער אפשר אַמאָל באַמערקט, אַז באָנציע (אויך א מענטש) האָט לעבע־דיגערהייט צוויי אויסגעלאָשענע אויגן און שרעקלעך איינגעפאַ־לענע באַקן; אַז אפילו ווען ער האָט גאָר שוין קיין לאַסט נישט אויף די פּלייצעס, איז אים אויך דער קאָפּ צו דער ערד געבויגן, גלייך ער וואָלט לעבעדיגערהייט זיין קבר געזוכט! וואָלטן אַזוי וויניג מענטשן ווי פערד אין טראַמוויי געוועזן, וואָלט אפשר אַמאָל עמיצער געפרעגט: וואו איז באָנציע אהינגעקומען?!

ווען מען האָט באָנציע׳ן אין שפּיטאָל אַריינגעפירט, איז זיין ווינקל אין סוטערינע נישט ליידיג געבליבן — עס האָבן דערויף צען זיינס־גלייכן געוואַרט, און צווישן זיך דעם ווינקל „אין־פּלוס״ ליציטירט; ווען מען האָט׳ן פון שפּיטאָל־בעט אין טויטן־שטיבל אַריינגעטראָגן, האָבן אויפ׳ן בעט צוואַנציג אָרימע קראַנקע געוואַרט... ווען ער איז אַרויס פון טויטן־שטיבל—האָט מען צוואַנ־ציג הרוגים פון אונטער איין איינגעפאַלן הויז געבראַכט — —

ווער ווייסט ווי לאַנג ער וועט רואיג וואוינען אין קבר? ווער ווייסט וויפיל עס וואַרטן שוין אויף דעם שטיקל פּלאַץ...

שטיל געבוירן, שטיל געלעבט, שטיל געשטאָרבן און נאָך שטיל־ער באַגראָבן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר נישט אַזוי איז געווען אויף יענער וועלט! דאָרטן האָט באַנציע'ס טויט אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט!

דער גרויסער שופר פון משיח'ס צייטן האָט געקלונגען אין אַלע זיבן הימלען: באַנציע שווייג איז נפטר געוואָרן! די גרעסטע מלאכים מיט די ברייטסטע פליגל זיינען געפלויגן און איינער האָט דעם אַנדערן איבערגעגעבן: באַנציע איז „נתבקש געוואָרן בישיבה של מעלה"! אין גן־עדן איז אַ רעש, אַ שמחה, אַ גערודער: „באַנציע שווייג! אַ שפּאַס באַנציע שווייג!!!"

יונגע מלאכים'לעך מיט בריליאַנטענע אויגעלעך, גאָלדענע דראָט־אַרבעטענע פליגעלעך און זילבערנע פּאַנטאָפעלעך זיינען באַנציע'ן אַנטקעגן געלאָפן מיט שמחה! דער גערויש פון די פליגל, דאָס קלאַפּן פון די פּאַנטאָפעלעך און דאָס פריילעכע לאַכן פון די יונגע, פרישע, רויזיגע מיילכעלעך האָט פאַרפולט אַלע הימלען און איז צוגעקומען ביז צום כסא הכבוד, און גאָט אַליין האָט אויך שוין געוואוסט, אַז באַנציע שווייג קומט!

אברהם אָבינו האָט זיך אין טויער הימל געשטעלט, די רעכטע האַנט אויסגעשטרעקט צום ברייטן „שלום עליכם" און אַ זיסער שמייכל שיינט אַזוי העל אויף זיין אַלטן פּנים!

וואָס רעדלט אַזוי אין הימל?

דאָס האָבן צוויי מלאכים אין גן־עדן אריין פאַר באַנציע'ס וועגן אַ גינגאָלדענע פאָטער־שטול אויף רעדלעך געפירט!

וואָס האָט אַזוי העל געבליצט?

דאָס האָט מען דורכגעפירט אַ גאָלדענע קרוין מיט די טייער־סטע שטיינער געזעצט! אַלץ פאַר באַנציע'ן!

— נאָך פאַר׳ן פּסק פון בית דין של מעלה? — פרעגן די צדיקים פאַרוואונדערט און נישט גאָר אָן קנאה.

— אָ! — ענטפערן די מלאכים, — דאָס וועט זיין א פּראָסטע פּוסטע פאָרמע! געגן באָנציע שוויינ וועט אפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען! די „דיעלע״ וועט דויערן פינף מינוט!

— איך שפּילט זיך מיט באָנציע שוויינ? —

אז די מלאכים׳לעך האָבן באָנציע׳ן געכאַפּט אין דער לופט און אָפּגעשפּילט אים א זמר; אז אברהם אָבינו האָט אים ווי אן אלטן קאַמעראַד די האַנט געשאָקלט; אז ער האָט געהערט, אז זיין שטול איז גרייט אין גן־עדן; אז אויף זיין קאָפּ וואַרט א קרוין; אז אין בית־דין של מעלה וועט מען איבער אים קיין וואָרט נישט רעדן — האָט באָנציע, גליך ווי אויף יענער וועלט, געשוויגן פאַר שרעק! עס איז אים דאָס האַרץ אנטגאַנגען! ער איז זיכער, אז דאָס מוז זיין א חלום, אָדער א פּראָסטער טעות!

ער איז צו ביידע געוואוינט! נישט איינמאָל האָט אים אויף יענער וועלט גע׳חלום׳ט, אז ער קלייבט געלט אויף דער פּאָדלאָגע, גאַנצע אוצרות ליגן... און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך נאָך א גרעי־סערער קבצן ווי נעכטן... נישט איינמאָל האָט אים עמיץ דורך א טעות צוגעשמייכלט, א גוט וואָרט געזאָגט און איבערגעדרייט זיך און אויסגעשפּיגן...

— מיין מזל, — טראַכט ער, — איז שוין אזוי!

און ער האָט מורא די אויגן אויפצוהויבן, דער חלום זאָל נישט פאַרשווינדן; ער זאָל זיך נישט אויפכאַפּן ערגעץ אין א הייל צווישן שלאַנגען און עקדישן! ער האָט מורא פון מויל א קלאַנג ארויסצולאָזן, מיט א גליד א ריר צו טאָן — מען זאָל אים נישט דערקענען און אוועקשליידערן אויף כף־הקל...

ער ציטערט און הערט נישט די מלאכים׳ס קאָמפּלימענטן, זעט

נישט זייער טאַנצן אַרום אים. ער ענטפערט נישט אברהם אָבינו אויפ'ן הערצלעכן „שלום עליכם", און — געפירט צום בית־דין של מעלה—זאָגט ער אים קיין „גוט־מאָרגן" נישט...

אויסער זיך איז ער פֿאַר שרעק!

און זיין שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, אַז ער האָט, נישט וועלנדיג, דערזען די פּאָדלאָגע פון בית־דין של מעלה. סאַמע אַלעבאַסטער מיט בריליאַנטן! „אויף אַזאַ פּאָדלאָגע שטייען מיינע פיס!" — ער ווערט אין גאַנצן פאַרשטאַרט! „ווער ווייסט וועלכן גביר, וועלכן רב, וועלכן צדיק מען מיינט... ער וועט קומען—וועט זיין מיין פינצטערער סוף!"

פֿאַר שרעק האָט ער אפילו נישט געהערט ווי דער פרעזעס האָט בפירוש אויסגערופן: „די דיעלע פון באָנציע שוויַיג!" און, דערלאַנגענדיג דעם מליץ יושר די אַקטן, געזאָגט: „לעז, נאָר בקיצור!"

מיט באָנציע'ן דרייט זיך דער גאַנצער סאַלאָן. עס רוישט אים אין די אויערן. אינ'ם גערויש הערט ער דאָך אַלע מאָל שאַר־פער און שאַרפער דעם מלאך־מליץ'ס זיס קול ווי אַ פידל:

— זיין נאָמען—הערט ער—האָט אים געפּאַסט ווי צו'ן אַ שלאַנק לייב אַ קלייד פון אַן אַרטיסט אַ שניידער'ס האַנט.

— וואָס רעדט ער? — פרעגט זיך באָנציע, און ער הערט ווי אַן אומגעדולד האַקט אים איבער און זאָגט:

— נאָר אָן משלים!

— ער האָט זיך קיינמאָל — הויבט ווייטער אָן דער מליץ יושר — אויף קיינעם נישט געקלאָגט, נישט אויף גאָט, נישט אויף לייט; אין זיין אויג האָט קיינמאָל נישט אויפגעפלאַמט קיין פונק פון האַס, ער האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהויבן מיט אַ פּרעטענזיע צום הימל.

באַנציע פאַרשטייט ווייטער נישט א וואָרט, און דאָס האַרטע קול שלאָגט ווייטער איבער:

— אַן רעטאָריק!

— איוב האָט נישט אויסגעהאַלטן, ער איז אומגליקלעכער געווען — —

— פאַקטן, טרוקענע פאַקטן! — רופט נאָך אומגעדולדיגער דער פּרעזעס.

— צו אַכט טאָג האָט מען אים מל געווען —

— נאָר אָן רעאַליזם!

— א מוהל א פושער האָט דאָס בלוט נישט פאַרהאַלטן—

— ווייטער!

— ער האָט אַלץ געשוויגן (פירט ווייטער דער מליץ יושר) אפילו ווען די מוטער איז אים געשטאָרבן און ער האָט צו דרייצן יאָר א שטיף־מאַמע באַקומען... א שטיף־מאַמע א שלאַנג, א מרשעת...

— מיינט מען דאָך אפשר פאַרט מיך?—טראַכט באַנציע—

— אָן אינסינואַציעס (מלשינות) אויף דריטע פערזאָנען, — בייזערט זיך דער פּרעזעס.

— זי פלעגט אים קאַרגן דעם ביסן... אייערנעכטיג פאַר־שימלט ברויט... האָר־פלאַקס פאַר פלייש... און זי האָט קאַווע מיט שמעטענע געטרונקען—

— צו דער זאַך!—שרייט דער פּרעזעס.

— זי האָט אים פאַר דאָס קיין נעגל נישט געקאַרגט און זיין ברוין־און־בלוי לייב פלעגט אַרויסקוקן דורך אַלע לעכער פון זיינע פאַרשימלט־צעריסענע קליידער... ווינטער אין די גרעסטע פרעסט האָט ער איר באָרוועס אויפ'ן הויף האָלץ געהאַקט, און די הענט זיינען צו יונג און צו שוואַך געווען, די קלעצלעך צו

דיק, די האַק צו שטומפּיג... נישט איינמאָל האָט ער זיך די האַנט פון די געלענקן אויסגעריסן, נישט איינמאָל האָט ער זיך די פּיס אָפּגעפרוירן, נאָר געשוויגן האָט ער, אפילו זיך פאַר'ן פאָטער—

— פאַר'ן שכור! — לאַכט אריין דער קטיגור, און באַנציע'ן ווערט קאַלט אין אַלע אברים—

— נישט געקלאָגט, — ענדיגט דער מליץ יושר דעם זאַץ.

— און שטענדיג עלנד, — פירט ער ווייטער, — קיין חבר, קיין תלמוד תורה, קיין חדר... קיין גאַנץ בגד... קיין פרייע מינוט—

— פאַקטן!—רופט ווייטער דער פרעזעס.

— ער האָט געשוויגן אפילו שפּעטער, ווען דער פאָטער האָט'ן, שכור'ערהייט אמאָל אָנגעכאַפּט ביי די האָר און אין מיטן א שנייענדיגער ווינטער־נאַכט ארויסגעוואָרפן פון שטוב! ער האָט זיך שטיל אויפגעהויבן פון שניי און איז אַנטלאָפן וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן...

אויפ'ן גאַנצן וועג האָט ער געשוויגן... ביים גרעסטן הונגער האָט ער נאָר מיט די אויגן געבעטלט!

ערשט אין א שווינדלדיגער, נאַסער פרילינג־נאַכט, איז ער אין א גרויסער שטאָט אריינגעקומען; ער איז אריין ווי א טראָפּן אין א ים און דאָך האָט ער די איינענע נאַכט אין אַרעסט פאַר־בראַכט... ער האָט געשוויגן, נישט געפרעגט פאַר וואָס, פאַר ווען? ער איז ארויס און די שווערסטע אַרבעט געזוכט! נאָר ער האָט געשוויגן!

שווערער פאַר דער אַרבעט איז געוועזן זי צו געפינען—ער האָט געשוויגן!

באָדנדיג זיך אין קאַלטן שוויים, צוזאַמענגעדריקט אונטער דער שווערסטער לאַסט, ביים גרעסטן קראַמף אין ליידיגן מאָגן — האָט ער געשוויגן!

באַשפּריצט פון פרעמדער בלאָטע, באַשפּיגן פון פרעמדע מייַ־לער, געיאָגט פון טראָטוארן מיט דער שווערסטער לאַסט אַראָפּ

אין גאסן צווישן דראזשקעס, קארעטן און טראמוייס, קוקנדיג יעדע מינוט דעם טויט אין די אויגן אריין — האט ער געשוויגן!

ער האט קיינמאל נישט איבערגערעכנט וויפיל פוד לאסט עס קומט אוים אויף א גראשן, וויפיל מאל ער איז געפאלן ביי יעדן גאנג פאר א דרייער, וויפיל מאל ער האט שיר נישט די נשמה אויסגעשפיגן, מאנענדיג זיין פארדינסט; ער האט נישט גערעכנט, נישט זיין, נישט יענעמס מזל, נאר געשוויגן!

זיין אייגן פארדינסט האט ער אויך נישט הויך געמאנט! ווי א בעטלער האט ער זיך ביי דער טיר געשטעלט, און אין די אויגן האט זיך א הינטישע בקשה געמאלט! „קום שפעטער" — און ער איז פארשוואונדן שטיל ווי א שאטן, כדי שפעטער נאך שטילער אויסצובעטלען זיין פארדינסט!

ער האט אפילו געשוויגן, ווען מען פלעגט אים אפרייסן פון זיין פארדינסט אדער אריינווארפן א פאלשע מטבע!..

ער האט אליץ געשוויגן...

— מיינט מען דאך טאקע מיך! — טרייסט זיך באנציע.

— איינמאל, — פירט ווייטער דער מליץ יושר נאך א טרונק־וואסער, — איז אין זיין לעבן אן ענדערונג געשעען... עס איז דורכגעפלויגן א קאטש אויף גומענע רעדער מיט צעפלאשעטע פערד... דער שמייסער איז שוין לאנג פון ווייטנס געלעגן מיט א צעשפאלטענעם קאפ אויפ'ן ברוק... פון די דערשראקענע פערד'ס מיילער שפריצט דער שוים, פון אונטער די פאדקאוועס יאגן זיך פונקען, די אויגן בלישטשען ווי ברענענדיגע שטורקאצן אין א פינצטערער נאכט — און אין קאטש זיצט נישט טויט נישט לעבעדיג א מענטש!

און באנציע האט די פערד פארהאלטן!

און דער גערעטעוועטער איז געוועזן א איד א בעל צדקה און האט באנציע'ן די טובה נישט פארגעסן!

ער האָט אים דעם גע'הרג'עטנ'ס בייטש איבערגעגעבן; באָנ־ציע איז א שמייסער געוואָרן! נאָך מער — ער האָט אים חתונה געמאַכט. נאָך מער — ער האָט אים אפילו מיט א קינד פאַר־זאָרגט —

און באָנציע האָט אַלץ געשוויגן!

— מיך מיינט מען, מיך! — באַפעסטיגט זיך באָנציע אין דער דעה, און האָט דאָך נישט די העזה אַן אויג צו וואַרפן אויפ'ן „בית־דין של מעלה"...

ער הערט זיך ווייטער איין צום מלאך מליץ:

— ער האָט געשוויגן אפילו ווען זיין בעל טובה האָט אין קורצן באַנקראָטירט און אים זיין לוין נישט באַצאָלט...

ער האָט געשוויגן אפילו ווען דאָס ווייב איז פון אים אַנט־לאָפן און איבערגעלאָזט אים א קינד פון דער ברוסט...

ער האָט געשוויגן אפילו מיט פופצן יאָר שפּעטער, ווען דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן און געגוג שטאַרק געוועזן — באָנציע'ן אַרויסגעוואָרפן פון שטוב...

— מיך מיינט מען, מיך! — פרייט זיך באָנציע.

— ער האָט אפילו געשוויגן — הויבט אָן ווייכער און טרויע־ריגער דער מלאך מליץ — ווען דער איינענער בעל טובה האָט זיך מיט אַלע אויסגעגליכט, נאָר אים קיין גראָשן שכירות נישט צוריקגעגעבן — און אפילו דעמאָלט, ווען ער איז באָנציע'ן (ווייטער פאָרנדיג אויף א קאָטש מיט גומענע רעדער) און פערד ווי לייבן) איבערגעפאָרן...

ער האָט אַלץ געשוויגן! ער האָט אפילו דער פאָליציי נישט געזאָגט, ווער עס האָט אים צורעכט געמאַכט...

ער האָט געשוויגן אפילו אין שפּיטאָל, וואו מען מעג שוין שרייען!

ער האָט געשוויגן אפילו ווען דער דאָקטאָר האָט אָן פופצן

קאָפּיקעס נישט געוואָלט צוגיין צו זיין בעט, און דער וועכטער, אָן פינף קאָפּיקעס—טוישן אים די וועש!

ער האָט געשוויגן ביים גוסס'ן—ער האָט געשוויגן ביים שטאַרבן...

קיין וואָרט געגן גאָט, קיין וואָרט געגן לייט!
— דיקסי!

באָנציע הויבט אָן ווייטער צו ציטערן אויפ'ן גאַנצן לייב. ער ווייסט אז נאָכ'ן מליץ יושר גייט דער קטיגור! ווער ווייסט וואָס דער וועט זאָגן! באָנציע אַליין האָט זיין לעבן נישט געדענקט. נאָך אויף יענער וועלט האָט ער יעדע מינוט די פריערדיגע פאַר־געסן... דער מלאך מליץ האָט אים אַלץ דערמאָנט... ווער ווייסט וואָס דער קטיגור וועט אים דערמאָנען!

— רבותי! — הויבט אָן א שאַרף־שטעכעדיג־בריענדיג קול— נאָר ער האַקט אָפּ—

— רבותי,—הויבט ער נאָך אמאָל אָן, נאָר ווייכער און האַקט ווייטער אָפּ.

ענדלעך הערט זיך, פון דעם אייגענעם האַלז אַרויס, כמעט א ווייך קול:

— רבותי! — ער האָט געשוויגן! וועל איך אויך שווייגן!

עס ווערט שטיל — און פון פאָרנט הערט זיך א נייע ווייכע ציטערדיגע שטימע:

— באָנציע, מיין קינד באָנציע!—רופט אים ווי א האַרפע.. —מיין הארציג קינד באָנציע!

אין באָנציע'ן צעוויינט זיך דאָס האַרץ... ער וואָלט שוין אַצינד די אויגן געעפנט, נאָר זיי זיינען פאַרפינצטערט פון טרע־רען... עס איז אים אַזוי זיס־וויינענדיג קיינמאָל נישט געוועזן... „מיין קינד", „מיין באָנציע" — זייט די מוטער איז געשטאָרבן,

האט ער אזא קול און אזוינע ווערטער נישט געהערט—

— מיין קינד !—פירט ווייטער דער אב־בית־דין—דו האסט אלץ געליטן און געשוויגן! עס איז נישטא קיין גאנץ גליד, קיין גאנץ ביינדל אין דיין ליב אן א וואונד, אן א בלוטיג ארט, עס איז נישטא קיין איין באהאלטן ארט אין דיין נשמה, וואו עס זאל נישט בלוטן... און דו האסט אלץ געשוויגן...

דארט האט מען זיך נישט פארשטאנען דערויף! דו אליין האסט גאר אפשר נישט געוואוסט, אז דו קענסט שרייען און, אז פון דיין געשריי קענען יריחו׳ס מויערן ציטערן און איינפאלן? דו אליין האסט פון דיין פארשלאפענעם כוח נישט געוואוסט...

אויף יענער וועלט האט מען דיין שוויגן נישט באלוינט, נאר דארט איז דער עולם השקר, דא אויפ׳ן עולם אמת, וועסטו דיין לוין באקומען!

דיך וועט דאס בית־דין של מעלה נישט משפט׳ן, דיר וועט עס נישט פסק׳נען.

דיר וועט עס קיין חלק נישט אוים־ און נישט אפטיילן: נעם דיר וואס דו ווילסט! אלעס איז דיין!

באנציע הויבט דאס ערשטע מאל די אויגן אויף! ער ווערט ווי פארבלענדעט פון דער ליכט פון אלע זייטן! אלעס בלאנקט, אלעס בלישטשעט, פון אלעס יאגן שטראלן: פון די ווענט, פון די כלים, פון די מלאכים, פון די דיינים! סאמע ענגלען!

ער לאזט די מידע אויגן אראפ!

— טאקע?—פרעגט ער מסופק און פארשעמט.

— זיכער!—ענטפערט פעסט דער אב־בית־דין!—זיכער, זאג איך דיר, אז אלעס איז דיין. אלעס אין הימל געהערט צו דיר! קלייב און נעם וואס דו ווילסט, דו נעמסט נאר ביי דיר אליין!

— טאקע ?—פרעגט באַנציע נאָכאַמאָל, נאָר שוין מיט א זיכערן קול.

— טאקע ! טאקע ! טאקע ! — ענטפערט מען אים אויף זיכער פון אַלע זייטן.

— נו, אויב אזוי,—שמייכלט באַנציע, — וויל איך טאקע אַלע טאָג אין דער פרי, א הייסע בולקע מיט פרישע פוטער !

דיינים און מלאכים האָבן אראָפּגעלאָזט די קעפּ פארשעמט ; דער קטיגור האָט זיך צעלאכט.

דאָס שטריימל

זיין בין איך אַ קירזשנער, נאָר דער עיקר—אַ שטריימל־מאַכער. אמת איז, אַז דאָס רוב פּרנסה האָב איך פון פויערשע סיערמינגעס און טרעגער־פּעלצלעך.

עס פאַלט אויך אַמאָל אַריין לייב־מילנער מיט'ן שאָפּן־פּעלץ...

אמת איז, אַז אַ שטריימל טרעפט זיך זעלטן, זייער זעלטן; דען—ווער טראָגט היינט אַ שטריימל? אַ רב! און אַ שטריימל לעבט אים שטענדיג איבער...

אויך איז אמת, אַז ווען עס טרעפט זיך שוין אַ שטריימל, מאַך איך עס ערשט אומזיסט, אָדער האַלב אומזיסט, לכל הפּחות—לייג איך מיין אַרבעט צו. דאָס אַלעס בין איך מודה, און דאָך בין איך דער עיקר אַ שטריימל־מאַכער, ווייל אַ שטריימל האָב איך ליב צו מאַכן!

אַז עס קומט מיר אין די הענט אַריין, איז „אחרי בלותי"—פיל איך ערשט וואָס איך בין און וואָס איך קאָן!

פון וואָס דען—זאָגט אַליין—זאָל איך הנאה האָבן?

איך פלעג אַמאָל נחת האָבן פון פויערשע סיערמינגעס...

ערשטנס: פאַרוואָס נישט?

צווייטנס: האָב איך מיר געטראַכט: „דאָס פויערל גיט אונז ברויט, ער אַרבעט זומער אַזוי שווער און ביטער, און איך קען אים נישט שיצן פאַר דער זון, וועל איך כאָטש ווינטער, ווען ער רוט, אים אָפּהיטן פון קעלט!"

און דריטנס האָב איך געהאַט אַ פיין לידעלע דערצו!

א יונגער מאן בין איך געווען, א קול האב איך געהאט ווי א גלאק, און איך פלעג גיין און זינגען:

שטעך נאדל, שטעך,
א לעדער ווי א בלעך,
א פוטער ווי א בארשט!
ס'מאכט זיך א סערמיננע פיין
ס'וועט דעם פויערל ווארעם זיין...
מרים־לעב, מיך דארשט!"

און אזוי ווייטער! נאך עטלעכע סטראפן... און דאס גאנצע לידל, פארשטייט זיך, איז נאר געמאכט געווארן פאר'ן „מאמר המוסגר'ס" וועגן, עס זאל אויסקומען דער—„מרים־לעב, מיך דארשט!"

ווייל, איר מוזט וויסן, אז די היינטיגע אשה־צנועה מרת מרים דבשה, איז דעמאלט נאך קיין גבאי'טע נישט געווען; זי האט מיך נישט גערופן ווי היינט „בערל קאלבאס", נאר „בערעלע", און איך פלעג זי רופן „מרים־לעב!" און עס איז, בעונותינו הרבים, געווען א גרויס ליבשאפט צווישן אונז, און קוים האט זי דער־הערט דעם „מאמר המוסגר" — אז מיך דארשט, האט זי מיר באלד דערלאנגט א ביסל ווינשל־שנאפס! שנאפס האט א גרויסע פעולה אויפ'ן כוח הדם, און איך פלעג זי טאקע תוך כדי דבור אנכאפן ביים קלייד, דערלאנגען א ברענענדיגן קוש אין די רויטע קירשן אריין... און דאפלט דערפרישט, נעמען זיך צוריק צו דער סיערמיננע!

היינט—אוים קירשן!

איך היים „בערל קאלבאס", זי „מרים דבשה"...

אויך בין איך געוואויר געווארן, אז ערד איז דא ווייניג, פויע־רים—א סך... מען זאגט: צופיל... אז די „איבעריגע" פויערים לײדן הונגער; אז אפילו פון זעקס מארג ערד קען מען אויך נישט לעבן. אז ווינטער, דעריבער, רוט דאס פויערל נישט.

עס גייט ערשט א „זוואזקע!"

א שיינע רו האָט ער עס ווינטער! גאַנצע טעג און נעכט פירט ער ווייץ אין לייבל'ס מיל אריין!

וואָס קלערט איר? איך קען א סך נחת האָבן, אז מיין סיער־מינגע, מיין פראַצע, ווערט א גאַנצן ווינטער אויסגעווייקט, נאָכ־קריכנדיג א פאָר פגירה'שע פערד, וואָס שלעפּן לייבל מילנער'ס תבואה פאַר 13 גראָשן פער זאַק, פאַר 5 מייל וועגס!

פיש! און וואָס האָב איך פאַר א נחת פון א טרעגער־פעלצל?

א גאַנצן ווינטער טראָגט עס זעק מיט מעל אין לייבל מיל־נער'ס מיל אריין און א גאַנצן זומער ליגט עס פאַרזעצט אין שענק פאַר ח"י גראָשן.

אלול־צייט, אז מען ברענגט עס מיר אויפצוריכטן, ווער איך נאָך שכור פון ריח פון שלעכטן בראָנפן!

און אז לייבל מילנער'ס שאָפּן־פעלץ, בכבודו ובעצמו, פאַלט מיר אין די הענט אריין, ווי מיינט איר, האָב איך נחת דערפון?

עס איז טאַקע א שאָפּן־פעלץ, עס איז טאַקע א כבוד, מען האָט טאַקע דערפאַר דרך־ארץ אין שטעטל; נאָר מיר קומט דערפון קיין גוטס נישט ארויס.

איך האָב א מיאוס'ע טבע געקראָגן: איבער וואָס איך זע, האָב איך ליב צו קלערן: פון וואַנען עס קומט? פאַרוואָס עס איז אזוי? צי קען נישט אַנדערש זיין? און אזוי ווי איך קריג לייבל מילנער'ס פעלץ אין דער האַנט אריין, הויב איך אָן צו קלערן:

רבונו של עולם! נאָך וואָס האָסטו באַשאַפן אזוי פיל מינים פעלצן? פאַרוואָס האָט איינער א שאָפּן־פעלץ, דער צווייטער א טרעגער־פעלצל און דער דריטער א סיערמינגע און א פערטער גאָרנישט?

און קוים הויב איך אָן קלערן, פאַרטראַכט איך מיך, די נאָדל בלייבט שטיין, און האשה־צנועה מרת מרים תחיה וואַרפט מיר וואָס עס קומט איר אונטער האַנט, אין קאָפּ אריין...

זי וויל גלייך מיט אַלע, אַז „בערל קאַלבאַס" זאָל ווייניגער קלערן און מער אַרבעטן...

נאָר וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך מוז קלערן! אַז איך ווייס פאַרט, אַז לייבל מילנער לאָזט זיך נישט פריער איבערשטרייכן דעם שאָפן־פעלץ, ביז ער רייסט נישט אָפּ אַ גראָשן פון זאַק דער סיערמינגע, און דעם אייגענעם גראָשן פאַר פּוד דעם פעלצל...

נו, זאָל איך פון דעם נחת האָבן?

אַ, איך האָב שיר נישט פאַרגעסן!

אַ וואָך פאַר סליחות האָט זיך מיר שיר נישט געמאַכט אַ נייע מאָדנע אַרבעט... וואָס ווייבער קענען! עס קומט אַריין פריידל די גבאי'טע מיט שרעקלעך גרויסע האַנדשו אויף די הענט —איך קוק מיך צו, עס איז אַ פּאָר פּויערשע שטיוול—איך האָב געמיינט, אַז איך פלאַץ פאַר געלעכטער.

— גוט מאָרגן! — מאַכט זי צו מיר, מיט אַך זיס־אָפּגעריסן קול'כל,—גוט מאָרגן, בערעלע!

זי איז מיין ווייב'ס חבר'טע, און איז זיך נוהג, פּונקט ווי די גאַנצע שטאָט, און רופט מיך „בערל קאַלבאַס"; היינט: בערעלע! און אַזוי זיס — איינגעמאַכטס דערפון צו פרעגלען! פאַרשטיי איך שוין, אַז זי דאַרף עפּעס צו מיר...

איך קלער, אַז זי האָט די פּויערשע שטיוול פון אַ וואָגן „אַראָפּ־געצויגן" (עס איז דאָך נישט ערגער פאַר קליין־געלט פון—צדקה־פּושקע) און וויל ביי מיר די סחורה באַהאַלטן! — פרעג איך זי שטרענג:

— וואָס ווילט איר?

— באַלד מיט'ן „ירגזון",—ענטפערט זי נאָך זיסער, האָניג רינט איר פון אַלטן מויל אַרויס, — באַלד „וואָס ווילט איר?" און וואו איז דער „גוט יאָר?"

— זאָל זיין „גוט יאָר", נאָר אַן עק—

— וואָס איילסטו זיך, בערעלע, — שמייכלט זי נאָך זיסער—

אַט, בין איך געקומען דיך פרעגן, אויב דו האָסט נישט עטלעכע שטיקלעך פוטער—

— און וואָס איז אז כ'האָב ?

— וואָלט איך דיר אָנגעשלאָגן אן עסק—מאַכט זי.

— נו ? ארויס דערמיט ! רעדט !

— דו זאָלסט זיין א גוטער „בערעלע" וואָלסטו מיר אויס־געבעט אַט די שטיוול מיט שטיקלעך פוטער ! איך וואָלט געהאַט אין וואָס צו גיין צו סליחות, און דו וואָלסט דיר גאָר וואָלוול א מצוה געקויפט !

איר פארשטייט א מסחר ? א „וואָלוועלע מצוה !"

— איר ווייסט דאָך, — זאָג איך איר, — אז בערל קאַלבאַס איז נישט קיין בעל־עסקז אויף מצוות !

—נאָר וואָס ? פון אן אָרימער אידענע וועסטו געלט נעמען ?

— נו, נישט קיין געלט ! איך וועל אייך עס טאָן פאַר גאָר א קליינינקייט : איך וועל אייך אויסבעטן די שטיוול, און איר וועט נאָר מיר דערציילן אייערע חטאת נעורים...

וויל זי נישט, האָב איך זי אַפּגעשיקט צו אן איינבינדער !

בעט איך נישט קיין שטיוול אוים ! עס איז מיר אזוי אויך נמאס ומאוס פאַר'ן לעבן ! איר לאַכט ? און דאָך, אז איך האָב נישט קיין שטריימל, איז מיר אַלעס נמאת ומאוס ! וואָר'ן וואָס ? אויף וואָס ארבעט איך ? אַלץ דעם שטיק חומר אָנצולייגן ! און מיט וואָס ? מיט ברויט און מיט קאַרטאָפל, ברויט אָן קאַרטאָפל און גאַנץ אָפט נאָך מיט קאַרטאָפל אָן ברויט, כדאי ?

גלויבט מיר, אז א מענטש ארבעט פופציג יאָר און עסט פופציג יאָר טאָג־טעגלעך קאַרטאָפל, מוז אים נמאס ומאוס ווערן דאָס לעבן ! מוז אים דאָך אַמאָל איינפאַלן — זיך, אָדער לייבל מיל־נער, א מעשה צו טאָן ! און אויב איך עס ווייטער רואיג מיינע

קאַרטאָפל, און אַרבעט ווייטער, האָב איך עס נאָר דעם שטריימל צו פאַרדאַנקען!

אַז איך קריג אַ שטריימל אין דער האַנט אַריין, ווערט מיר אויפגעפרישט דאָס בלוט אין די אָדערן! ווייס איך נאָך וואָס איך לעב!

— — — — — — — — — — —

מאַכנדיג דאָס שטריימל, פיל איך, אַז איך האַלט אַ פויגל אין דער האַנט, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דער פויגל אַרויספליען הויך, הויך, קוים מיט׳ן אויג צו דערזען!

און איך וועל שטיין און קוקן און קוועלן: דאָס איז מיין פויגל, איך האָב׳ן געמאַכט, איך האָב׳ן אַרויסגעשלאָגן אין דער הויך!

אין שטאָט, ברוך השם, האָב איך קיין דעה נישט, צו קיין אסיפה רופט מען מיך נישט, אַליין גיין, בין איך קיין שניידער נישט, איך קום נישט כמעט אַרויס אין גאַס אַריין! איך האָב קיין שטאָט נישט, נישט אין שול, נישט אין בית המדרש, נישט ביי אַ מנין! איך האָב אויף גאָר נישט, אין ערגעץ נישט צו שאַפן... אין דער היים איז מרת מרים די רייטערקע! איידער איך פרואוו עפענען דאָס מויל צו רעדן אַ וואָרט, באַהאָגלט זי מיך שוין מיט קללות! זי ווייסט שוין וואָס איך וויל זאָגן, וואָס „בערל קאַלבאָס" מיינט, און עס קאָכט!

נו, וואָס בין איך? אַ גאָר־נישט! און דאָך, לאָז איך אַמאָל אַרויס אַ שטריימל אויף קהל — בויגט זיך קהל אין דרייען!

איך זיץ אין דער היים און שוויג, און מיין שטריימל שאָקלט זיך אויבן־אָן אויף אַ חתונה, אויף אַ ברית, אויף אַ סעודת מצוה... עס הוידעט זיך איבער׳ן גאַנצן עולם ביי דער קלפי, ביי אַ דין־תורה!

און אַז איך דערמאָן מיך אין דער גדולה וואַקסט מיר טאַקע דאָס האַרץ...

* * *

קענגאיבער מיר וואוינט א שמוקלער... איך בין אים אָסור נישט מקנא!

זאָל זיינער אן עפּאָלעט, אָדער א שליפע, זאָגן אויף איין אָקס „טרפה!" און אויפ'ן צווייטן „כשר!" אדרבא לאָמיר זען! און אז מיין שטריימל זאָגט אויף פיר אָקסן דורכאנאנד: „טרפה!" ווערט דער קצב אויסגעריסן, די העקער־יונגען באהאלטן די ציין אין בייטל, דאָס גאנצע שטעטל האָט נייע „ניין־טעג", א גאנצע סאָטניע קאָזאקן קריגט פאר זעקס גראָשן א פונט פלייש, און פאר־פאַלן! עס רעדט קיינער נישט א וואָרט!

אָט, דאָס הייסט א גבורה!

איך געדענק דען נישט? פאראיאָרן איז געווען א מגירה אויף שאָף.

עפּעס, זאָגט מען, מאכן די שעפּעלעך אזוינע מאָדנע הקפות, ביז זיי פארדרייען די קעפּלעך און פאלן אנידער טויט! איך בין נישט געוועזן דערביי; „הקפות" איז „הקפות", נאָר מן הסתם האָט שוין יענקל קצב געהאט וואָלוול שאָפן־פלייש!

דער וועטערינאר איז געקומען און געזאָגט: טרפה! מען הערט אים ווי די קאץ!

ער האָט אראָפּגעבראכט פירערליי עפּאָלעטן, א פאר שליפעס! מען האָט זיי אלע אוועקגע'גנב'עט דאָס פלייש פון אונטער די הענט, און נאָך אויפ'ן דריטן טאָג האָט דאָס גאנצע שטעטל גע־האט וואָלוול כשר פלייש אויף וועטשערע!

ביי מיין שטריימל גנב'עט מען נישט! עס דאַרף קיין שליפעס, קיין עפּאָלעטן נישט, ער אליין רירט זיך אויך נישט פון אָרט! און כל זמן מיין שטריימל זאָגט נישט: עס! עפענט זיך אין שטעטל קיין מויל נישט אויף!

איר מיינט אפשר, אַז די גבורה שטעקט אין דעם, וואָס איז אונטערן שטריימל? אסור חזיר!

איר ווייסט אפשר נישט, וואָס דאָרונטער איז?

איך, ב"ה ווייס!

די בריאה איז, ב"ה, פריער אין נאָך א קלענער שטעטל א מלמד געוועזן, און מיין טאַטע עליו השלום, איידער ער האָט געזען, אַז עס וועט שוין פון מיר קיין לייט נישט זיין, האָט ער מיך אַהין געשיקט צו דער בריאה לערנען! עס איז געוועזן רחמנא לצלן א שלים־מזל, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט! א זעלטע־נער מלמד!

די באַלעבאַטים האָבן געזען, אַז ער קען זיך נישט אויף קיין „צורת מטבע", האָבן זיי אים באַלד אָפּגעריסן א העלפט שכירות, און די צווייטע העלפט געצאָלט מיט אָפּגעריבענע צווייערס פאַר דרייערס, אָדער מיט בלעכענע פערציגערס; די רביצין האָט געזען, אַז זי וועט מיט אים מיט גוטן נישט אַרויס, פלעגט זי אים טאָג־טעגלעך דאָס בערדל אויסצופּן!

און איר האָט איר נישט וואָס פאַראיבל צו האָבן!

ערשטנס האָט געפעלט פרנסה; צווייטנס האָט א אידענע ליב צו צופּן; דריטנס, האָט ער שוין אַזאַ בערדל געהאַט, וואָס האָט זיך געבעטן, כמעט גע'חלש'ט, מען זאָל עס צופּן! עס האָט אַזוי באַשיינפּערלעך געבעטן, אַז מיר תלמידים האָבן זיך אויך נישט געקענט איינהאַלטן. און אַלע מאָל האָט זיך אַן אַנדערער געמוזט אַראָפּלאָזן אונטער'ן טיש, צוכאַפּן זיך צום רבינ'ס בערדל און אויסרייסן א האָר!

נו, זאָגט אַליין! קען אין אַזאַ בריאה שטעקן א גבורה?

אפשר מיינט איר, ער איז מיט דער צייט אַנדערש געוואָרן? אמת, פאַר דחקות איז אים דאָס ערשטע ווייב געשטאָרבן, נו שעין! די אייגענע קליינע, פאַרלאָשענע, מיט אייטער פאַרגאָסענע, בטלנ'ישע, שטענדיג דערשראָקענע אויגן!...

אמת, פאַר דחקת איז אים דאָס ערשטע ווייב געשטאָרבן, נו וואָס איז? מאי נפקא מינה? צופּט אים די צווייטע דאָס בערדל!

וויבאלד עס בעט זיך, עס חלש'ט, מען זאָל עס צופּן, אַז מען קען עס נישט אָפּזאָגן! און איך אַליין, ווען איך זע עס, קומט מיר אויך דאָס וואסער אין מויל אריין, א צופּ צו טאָן!

נאָר, וואָס דען איז געשען? נישט מער נאָר וואָס איך האָב אים א שטריימל געמאכט!...

איך בין מודה ומתודה, אַז נישט מיין עצה איז עס געוועזן! מיר וואָלט עס גאָר נישט איינגעפאלן!

קהל האָט באַשטעלט און איך האָב געמאכט; נאָר קוים איז דאָס אייגענע קהל געוואויר געוואָרן, אַז דאָס שטריימל, וואָס זיי האָבן ביי מיר באַשטעלט, וואָס איך אָרימער „בערל קאָלבאָס" האָט געמאכט, קומט צופאָרן און איז שוין א וויאָרסט אונטער דער שטאָט, איז עס אַרויסגעלאָפן מיט א שמחה, מיט א גדולה! קינד־און־קייט איז אַרויסגעלאָפן, קראַנקע זיינען פון די בעטן אַרויס! מען האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און גאַנץ קהל האָט זיך אויף איינמאָל געוואָלט איינשפּאַנען און שלעפּן מיין שטריימל; גאָט ווייסט, וואָס פאַר א מחלוקת עס וואָלט דערפון אַרויס! וואָס פאַר פּעטש, וואָס פאַר א מסירות... ווען נישט וואָס א חכם האָט אַן עצה געגעבן: מען זאָל מאַכן א ליציטאַציע!

און לייבל מילנער האָט געגעבן ח"י מאָל ח"י זהובים, און ער איז געוועזן דאָס ערשטע פערד!

נו, שמעקט נישט א גבורה אין מיין שטריימל?

* * *

מיין אשה צנועה רופט מיך (אחוץ בערל קאָלבאָס) נאָך בעל תאוה'ניק, עזות־מחוצפ'ניק, נבול־פּה'ניק, כל בו'ניק, און וואָס דאָס וואַסער ברענגט איר אין מויל אריין...

עס איז אמת, א מענטש איז קיין חזיר נישט! איך האָב הנאה געהאַט פון א גלייך ווערטל; איך האָב אמאָל ליב לייבל מילנער, אין די אויגן און אונטער די אויגן, אריינצוזעצן א שפּילקע.

איך,—וואָס וועל איך דאָ לייקענען?—די דינסט־מיידלעך וואָס נעמען וואַסער געגנאַיבער אין הויף ביים פּלומפּ, זיינען ח"ו קיין כהנים און דוכענען נישט, האָב איך ליב א קוק צו טאָן...

נאָר, גלויבט מיר, אז נישט דאָס דערהאַלט מיך ביים לעבן!

מיך דערהאַלט ביים לעבן איין זאַך: איך ווייס, אז איך לאָז איינמאָל אין א יובל אַרויס אן עבודה זרה'לע אויף קהל, און דער גאַנצער קהל בוקט זיך צואיר, צו מיין „מעשי ידי"!

איך ווייס, אַז ווען מיין אשה צנועה וואַרפט מיר די שליסעלעך איבער'ן טיש, אַז דאָס האָט זי מיין שטריימל אַזוי געהייסן! מיך הערט זי ווי די קאַץ, אָבער מיין שטריימל מוז זי פאָלגן!

ווען זי קומט אַהיים ערב שבת ויום טוב פון יאַטקע אָן פליש, און שילט דעם קצב — ווייס איך, אַז דער קצב איז א מכה שול־דיג, אַז מיין שטריימל לאָזט זי היינט קיין קוגל נישט מאַכן!

איך ווייס, אַז ווען זי נעמט נאָך גאָר א גוטן טאָפּ און וואַרפט אים אַרויס אין גאַס אַריין, אַז דאָס האָט נישט זי, נאָר מיין שטריימל דעם טאָפּ אַרויסגעוואָרפן! אַז ווען זי נעמט און קנייפּט אויס פון ראַשטשינע א שטיק טייג און וואַרפט עס אין פייער אַריין, און הויבט אויף די הענט און פאַרגלאָצט די אויגן צום באַלקן, ווייס איך גאַנץ גוט, אַז דער באַלקן הויבט דערפון גאָר נישט אָן צו וויסן, — אַז דאָס האָט גאָר מיין שטריימל דאָס שטיקל טייג פאַרברענט!

* * *

און דערביי ווייס איך, אַז מיין אשה צנועה איז נישט קיין בת יחידה ביי קהל, און קהל איז נישט קיין בן יחיד ביי גאָט; אַז קהל האָט א סך אַזוינע נשים צדקניות, און גאָט ב"ה, האָט א סך,

א סך אזוינע קהל'ס, און אז מיין שטריימל האָט איבער אַלע מי־ליאָנען מיליאָסן נשים צדקניות צו שאַפן!

מיליאָנען שליסל וועלן געוואָרפן, מיליאָנען ווייבער מאַכן נישט קיין קוגל, מיליאָנען טעפּ פלאַצן אויף די שטיינער אין גאַס, און פון דעם חלה־נעמען וואָלט איך מיך אונטערגענומען מפרנס צו זיין א פּאָלק אביונים!

און ווער טוט דאָס אַלעס? אַלץ מעשי ידי! אַלץ מיין שטריימל!

* * *

וויטער דער שמוקלער! אָט זיצט ער געגנאיבער דעם פענצ־טער; זיין פּנים גלאַנצט, גלייך מען וואָלט עס מיט שמאַלץ באַ־שמירט.

וואָס גלאַנצט עס? וואָס פינקלען אים די לויפנדיגע אוי־געלעך?

ער האָט אָנגעדרייט א פּאָר גאָלדענע שליפעס!

ערשטנס, ווייסן מיר וואָס גאָלד און וואָס מישורא איז! און צווייטנס, ווייס איך, אַז א פּאָר שליפעס מוזן צען מאָל מער זעל־נער האָבן אונטער זיך אַלס לייבל'ס שאַפּנפעלץ — סיעדמינגעס און טרעגער־פעלצלעך! און היינט זאָל פּרוואוון די גרעסטע גאָל־דענע שליפע ארויסגעבן א פּריקאַז: „צען אָקסן זאָלסטו קוילען און א האַלבן קאָכן!"; „קרענק זאָלסטו קייען, פּירעדליי געפּעס האָבן און די מילץ עסן אויף דער לינקער זייט טעלער!"; „פון יעדן בּיסן זאָלסטו וואַרפן א שטיק אין פייער צי אין וואַסער אריין!" אָדער: „יעדער חתן מוז מיר פּריער ווייזן זיין כּלה, און יעדע כּלה איר חתן!", „מיט מיר—אַלעס, אפילו צעזעצטער־הייט, אָן מיר—נישט א לעק!"

די גרעסטע גענעראַלסקע שליפע וועט גאָר די פאַנטאַזיע, די העזה דערצו נישט האָבן! און ווען יאָ, וואָלט זי געמוזט פאַר־

זייען מיט נייע זעלנער די גאַנצע מדינה: ביי יעדן בעט אַנידער־שטעלן כאָטש א פּאָר קאָזאַקן, איינער זאָל היטן דעם צווייטן, און ביידע—דאָס בעט!

און וויפיל וואָלט דערביי נאָך גנבות געשען, וויפיל קאָנטראַ־באַנד! וויפיל וואָלט מען אָפּגענאַרט! רבונו של עולם, ווי פאַר־מאַגט מען דאָס!

און מיין שטריימל טוט דאָס אַלעס, און שטיל און פיין, אָן נאַהייקעס, אָן קאָזאַקן!

איך זיץ מיר גאַנץ שטיל אין שטוב און וויים, אַז אָן מיין שטריימל'ס דערלויבעניש וועט זיך קיין משה'לע צו קיין חנה'לע נישט צורירן, קיין אויג נישט וואַרפן!

חס ושלום!

און פאַרקערט, אַז מיין שטריימל הענגט אָן אַזא משה'לע'ן אָדער א חנה'לען א לונג־און־לעבער אויף דער נאָז, איז—צום טויט! קענסטו פון איר נישט אַנדערש פּטור ווערן סיידן מיט'ן לעבן צוזאַמען! און ווילסטו אַזוי לאַנג נישט וואַרטן, מוזטו קומען בעטן, חלש'ן פאַר'ן אייגענעם שטריימל: שטריימעלע ראַטעווע! שטריימעלע עפן מיר אויף די קייטן! לאָז מיך אַרויס פון תפיסה!

*   *   *

אין עק גאַס איז דאָ א שענק.

זינט מיין אשה צנועה איז א גבאי'טע געוואָרן, און ניסט מיר אויף וויינשל קיין שנאַפּס נישט אויף, כאַפּ איך מיך דאָרט אַמאָל אריין, דאָס האַרץ צו דערכאַפּן! בפרט אין א תענית... על כל פנים בין איך דאָך נישט מחויב פאַסטן; עס איז דאָך פאָרט מיין אייגן שטריימל.

דעם שענקער קען איך שוין פון לאַנג... ער לעבט אויך נישט פון מצוות און מעשים טובים... נאָר נישט אין דעם בין איך אַצינד אויסן...

צווי טעכטער האָט ער געהאַט! צווי שוועסטער פון איין טאַטע־מאַמע! וואָס זאָג איך, א צווילינג! ווי איך בין א איד.—

עס איז דען מעגלעך געוועזן איינע פון דער צווייטער צו אונ־טערשיידן? און א חנ'עוודיגער צווילינג, א ברכה צו מאַכן!

פּנימ'לעך — ווי שמחת־תורה־עפּעלעך פון א פּאַן אַראָפּ! באַשמעקט — ווי בשמים־שטעקעלעך; אויפגעוואַקסן ווי לולב'ן, און צווי פּאָר אויגן, זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַז איינע וואַרפט א בליק, דאַכט זיך — א בריליאַנט האָט געבליצט. און אָרענט־לעכע קינדער! אין שענק און דאָך ווייט פון שענק!

אין אָרון קודש אַליין וואָלט מען זיי נישט בעסער און ערלע־כער דערצויגן!

* * *

אין שענק געבוירן און דאָס זיינען מלכות געוועזן! עס האָט קיין איינציגער שכור פאַר זיי קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט... קיין סטראַזשניק, קיין אַקציזניק! עס זאָל געוועזן דער גרעסטער מאַן אריינקומען, וואָלט ער אויך, דאַכט זיך, די העזה נישט גע־האַט, איינער א קניפּ צו געבן אין בעקל נישט מיט די הענט, נישט מיט'ן אויג, נישט אפילו אין געדאַנק! איך האָב שיר, שיר נישט געזאָגט: אַז אין זיי שטעקט מער גבורה ווי אין מיין שטריימל! און איך וואָלט א גראָבן טעות געהאַט!

דאָס שטריימל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז שטאַרקער, טויזנט מאָל שטאַרקער פון זיי!

* * *

א צווילינג! איינע אָן דער אַנדערער האָט זיך נישט געוויזן, אַז איינער האָט עפּעס ווי געטאָן, האָט די צווייטע דעם איינענעם

שמערץ געפילט... און דאָך — ווי געשווינד האָבן זיך זייערע וועגן צעשיידט...

דאָס אייגענע געטאָן, קוים עטוואָס אַנדערש, און דאָך!...

ביידע האָבן זיך פּלוצלונג פאַרענדערט: טייל מאָל זיינען זיי פרייליכער, טייל מאָל טרויעריגער און פאַרטראַכטער געווען ווי פריער! — איך קען אייך נישט אויסמאָלן, וואָס מיט זיי איז געשען. די רעכטע ווערטער ליגן מיר אויף דער צונג, נאָר איך קען זיי נישט אַראָפּשאַרן... אַ מענטש האָט נישט געלערנט... נאָר אין זיי איז עפּעס טיפער, פעסטער און צוגלייך טרויעריגער און זיסער געוואָרן...

און מען האָט געוואוסט, ווער עס איז שולדיג דערינען! מען האָט געטייט מיט די פינגער אויף צוויי משה'לעך, וואָס האָבן ביידע חנה'לעך נאָך שענער, נאָך בעסער, נאָך חנ'עוודיגער, נאָך עפּעס העכער געמאַכט!...

עס, עפּעס האָב איך אין אַנדער לשון באַקומען, עס פּאַסט גאָר נישט פאַר אַ קירזשנער! אַ טרער האָט זיך מיר אין די אויגן פאַרדרייט: נישט פאַר מיינע יאָרן.

מיין אשה צנועה וועט ווייטער זאָגן: בעל־תאוה'ניק...

איך וועל אייך שוין לאַנג נישט ברייען:

ביידע שוועסטער האָבן דאָס אייגענע געטאָן, כהויה דאָס אייגענע, נישט אומזיסט זיינען זיי דאָך אַ צווילינג געווען!

ביידע האָבן משה'לעך באַקומען, און ביידע האָבן געמוזט אין אַ קורצער צייט אַרום, אַריינזעצן קלינעס אין די קליידעלעך!

שעמט אייך נישט, דער סדר עולם איז אַזוי; גאָט'ס ווילן איז עס, וואָס איז די בושה?

און דאָך ווי אַנדערש איז ביי יעדערער געשען!

איין שוועסטער האָט געטראָגן פראַנק און פריי: פאַר גאָט

אין שול, פאר ליט אין גאס, פאר׳ן סטראזשניק, אקציזניק און אלע געסט אין שענק!

די אייגענע שוועסטער האט זיך דערנאך אין דער ווייט פון די שכורים, אין א שטילער שטוב, אין א ווארעמער שטוב, און אין א ווייס בעט אריינגעלייגט:

מען האט די פענצטער פארהאנגען, די גאס מיט שטרוי אויס־געלייגט, עס איז א באבע געקומען; מען האט נאך א דאקטאר געשיקט... דערנאך איז א שמחה געוועזן... און ווי הייסט א שמחה!

און עס האט אנגעהויבן וואקסן א ניי קליין משה׳לע — לתורה, לחופה ולמעשים טובים! און, אז זי האט געזען ווי גוט עס איז, שיט זי שוין יאר ביי יאר קליינע משה׳לעך, און איז א באלעבאסטע עד היום הזה...

אבער די צווייטע האט געטראגן בסוד סודות, ווייען געקראגן אין א קעלער, דאס קינד האט אפגענומען א שווארצע קאץ...

איר קליין משה׳לע ליגט שוין לאנג ערגעץ אונטער א צוים, מער וועט שוין קיין משה׳לעך ביי איר נישט זיין! און איין גאט ווייסט, וואו זי אליין איז אהינגעקומען! — זי איז אוועק!

מען זאגט אז זי דינט ערגעץ אויף דער ווייטער וועלט, אז זי לעקט אפ פון פרעמדע טעלער... אנדערע זאגן, אז זי לעבט שוין נישט מער...

א שלעכטן סוף געהאט!

און דער גאנצער חילוק איז געוועזן, וואס דאס ערשטע איז געשען אויפ׳ן שול־הויף, אויפ׳ן אלטן בערגל מיסט, אונטער א ברודיג שטיק וואלענציינ מיט באזילבערטע אותיות... נאר מיט׳ן שטריימל, — און דאס צווייטע איז געשען ערגעץ אין א זינגענדיגן וואלד אויף פרישן גראז מיט פרישע בלומען, אונטער גאט׳ס בלויען הימל, אויסגעזייט מיט זיינע שטערן, נאר—אנ׳ם שטריימל.

עס העלפן נישט קיין שמעקעדיגע בלומען, קיין זינגענדיגער וואַלד, נישט גאָט'ס הימל, נישט זיינע שטערן, נישט גאָט אַליין! —

נישט אין זיי אַלע שטעקט די גבורה; אין שטריימל שטעקט זי! נישט אין פּאַגאַנעס, נישט אין שליפּעס, נישט אין טויזנט מאָל שענערע חנה'לעך, נאָר אַליין אין שטריימל. אין דעם שטריי־מעל, וואָס איך „בערל קאַלבאַס" מאַך.

און דאָס נאָר דערהאַלט מיךביים נאַרישן לעבן פון קאַרטאָפל.

הורמוז און אחרימון

לויט דעם פערסישן גלויבן, עקזיסטירן צוויי געטער: איינער הורמוז (להבדיל אונזער יצר טוב) א גוטער גאָט, כאָטש צו א יאונג צוליינן. ער באשאפט נאָר—ליכט, בארעמהערציגקייט, פארשטאַנד און נאָך אַנדערע גוטע זאכן צום מענטשלעכן געברויך.

דער צווייטער אחרימון (אונזער יצר הרע נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין!), א שלעכטער גאָט, וואָס האָט ליב פינצטערניש, ווי א מוילוואָרף אָדער א פלעדערמויז, און אכזר ווי א טאָרקוועמאדאָ און א גוטער פריינט פון נאראָנים, וואָס טאַנצן אויף הינטער־פיס־לעך. מיט איין וואָרט — פאר אזא גאָט, זאָל גאָט שומר ומציל זיין.

איר פארשטייט אליין, אז ווען נישט אהרימון, וואָלט די וועלט געווען א גן־עדן: מענטשן וואָלטן געלעבט, ווי ברידער פון איין צווילינג, און אפילו מאן און ווייב וואָלטן זיך קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געוואונטשן; מענטשן וואָלטן ארומגעלאָפן אין די גאסן און געזוכט, נישט קיין געשעפטן, נישט קיין שווינדל צו מאכן, נאָר טאָקע מצוות און מעשים טובים. מען וואָלט גערופן: „ווער איז נאַקעט, וועל'מיר אים קליידן; ווער איז הונגעריג, וועל'־מיר אים שפייזן; ווער האָט דורשט — וואסער, וויין, קאָניאַק... וואָס איינער וויל! גאַנצע פעסער כרמל!

אויפ'ן היידעלבערגער ביר־פאס, וואָלט געשטאַנען אויפגעשרי־בען „כל דכפין ייתי ויכול", להבדיל, ווי אין אונזער הגדה.

און די ווייבער וואָלטן נישט געטראָגן אויף די קעפּ קיין פליגל פון עקסטרא דערויף געשאָסענע פייגל! עס וואָלט גאָר געוועזן א פראַגע, צי מען מעג שמייסן — — — אין באָד!

און פאַרקערט, — וואָלט געוועזן נאָר איין אַחרימון, וואָלט די וועלט געוועזן א גיהנום, וואָס וואָלט ארומגעשוואומען ווי א שיף אויף א ים פון מענטשן־בלוט און וואָלט פאַרשפּרייט א ריח פון געבּרענט, געבּראָטן און גערויכט מענטשן־פלייש אין אַלע זיבן הימלען.

און אויב די וועלט איז נישט קיין גן־עדן און נישט קיין גיהנום, אויב פון צייט צו צייט לעשן זיך אוים די אויטאָדאַפעען, עס פאַרשטומט דער קלאַנג פון קייטן און די האַרמאַטן ברילן נישט אָן אויפהער; אויב נישט אַלע וועג־ווייזער אויף די טראַקטן זיינען תּליות, און עס מאַכט זיך אַמאָל אן אסיפה אין האַאַג, וואו מען רעדט וועגן שלום; אויב עס עקזיסטירט אין איין צייט תּפיסות און שפּיטעלער, חברות פון צער בעלי חיים און אַנטיסעמיטן, וועלט־קאָנגרעסן און שאָוויניזם; אויב די בורן שיקן איבער די ענגלענדער א גראַטולאַציאָן צום נייעם יאָר מיט א פּודינג (א מין ענגלישער קוגל) אין א קאַרטעטש,—איז עס דעריבער, ווייל הורמוז און אַחרימון עקזיסטירן ביידע אין איין צייט, און איינער קליצעט דעם צווייטן דאָס וואַסער און שפּייט אים אין דער קאַשע אריין.

דאָס אַלץ ווייס איך, נישט אַזוי פון אַלטע פּערסישע ביכער אין פאַרשיידענע איבערזעצונגען, ווי פון מיינס א באַקאַנטנ׳ס מויל, פון אן אַלטן פּערסער, וואָס וואוינט ווי־זאָ־ווי אין איין הויז מיט מיר: מיט וועלכן איך האָב צופעליג זיך באַקענט און מיר האַלטן זיך פון דעמאָלט אָן צוזאַמען, ווי צוויי לאַנג־נעזיגע, וואָס קענען גלייך נישט ליידן, ווי הינט בילן... און מיר פּלוידערן גאַנץ אָפט...

ווען איך טרעף מיך מיט׳ן פּערס, באַגריסן מיר זיך גאַנץ האַרצליך.

— וואָס מאַכט אייער אַלטער? — פרעגט ער מיט א שמייכל און איך ענטפער מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן:

— דערוויַיל, שטיל! און הורמוז וואָס מאַכט?

— ער וועט אויספירן, — איז זיכער דער פערס, — ער מוז אויספירן! און דער אַלטער אָפּטימיסט שנייצט זיך הויך און מיט א זיכערקייט די נאָז, און ווישט זיך איבער דאָס גאַנצע פּנים מיט א רויט פּולאַרן טיך, וואָס וואָלט גענוג געווען הורמוז'ן פאַר א פאָן.

איינמאָל דאָך איז ער נישט זיכער געווען.

— ווער ווייסט, — זאָגט ער, — ווער ווייסט! אחרימון איז ביטרע, זייער ביטרע! פּיפּיג, ווי עס קען נאָר זיין!... כל זמן אחרימון האָט געפירט אָן אָפענעם קריג מיט הורמוז'ן, בין איך זיכער געווען, אז עס מוז קומען אמאָל הורמוז'עס אייביג־לאַנגער טאָג, נאָך וועלכן עס וועט קיין נאַכט שוין מער נישט זיין! איך האָב אָבער באַמערקט — — —

— וואָס האָסטו באַמערקט?

מיר זעצן זיך אויף א באַנק, (עס איז זומער און אין א גאָרטן געווען) און דער אַלטער פערס זיפצט.

— איך האָב באַמערקט, — זאָגט ער, — אז אחרימון האָט זיין טאַקטיק פאַרטוישט און איז ווירקלעך שוין געפערלעך גע־וואָרן... ער שווינדלט! ער פאַרשטעלט זיך! ער מאַכט זיך פאַר הורמוז'ן אונטערטעניג, האָניג גיסט זיך אים פון מויל, און נאַרט אים אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס... הורמוז, דער גוטער, לאָזט זיך נאַרן...

— איז עס מעגלעך?

— הער, — מאַכט דער פערס, — איך וועל דיר א פּאָר ביי־שפּילן געבן פון זיין טאַקטיק:

אָט, למשל, פאַרצייטנס, אז הורמוז האָט געוואָלט דער וועלט א גרויס פאַרגעניגן מאַכן, אן איבערראַשונג, און באַשאַפן א זעלטן־שיינע פרוי, פלעגט קומען אחרימון און, להכעיס, אַנרירן זי מיט דער אומריינער האַנט ביים שטערן, ביי א באַק, און גע־נוג: — דער שיינקייט וואַקסט שוין דערפון ארויס א האָרן, א קרעץ... נאָר וואָס העלפט עס אים? הורמוז דערזעט עס באַלד, שיקט א שטראַל פון זיין גענאָד, דער האָרן פאַלט אראָפּ, דער

קרעץ פאַרהיילט זיך, און די שיינהייט ווערט נאָך שענער, נאָך ערהאַבענער... היינט טוט ער אַנדערש: ער טוט, גלייך ער איז צופרידן און גליקלעך מיט אַלעס, וואָס הורמוז טוט!

ער כאַפּט אויף זיך אַ פראַק און אַ צילינדער, באַווייזט זיך פאַר דער פרוי און זאָגט מיט אַ זיסן שמייכל: מאַדאַם (אָדער פריילין!) איך גראַטוליר אייך מיט מיין הער הורמוז'עס געוואַד! איך זיינט עס ווערט... די גאַנצע שטערבלעכע וועלט דאַרף קניען פאַר אייער אומשטערבלעכער שיינקייט!

און שוין! פון דער שיינהייט ווערט אַ קאָקעטקע, אַ קאַלטע האַרץ־פרעסערין...

הורמוז, למשל, כאַפּט זיך אַמאָל אויף און דערזעט, ווי אַן אָרימאַן אַרבעט שווער און האָט קיין פרנסה נישט. אַ גוט האַרץ האָט ער, געלט און אוצר פעלט נישט, כאַפּט ער עטלעכע קאָפּיקעס אין אַ זעקל און וואַרפט אַראָפּ דעם אָרימאַן...

פריער פלעגט אַחרימון שיקן גזלנים אָדער גנבים, אָדער אַ שרפה, אַוועקצונעמען דעם גוטן גאָט'ס מתנהביים אָרימאַן. עס האָט אָבער נישט געווירקט: הורמוז הויבט אָן געבן און געבן, און וויל ער, שטעלט ער גאָר דאָס מזל ביים אָרימאַנ'ס טיר, און דער ווערט רייך און גליקלעך!

היינט טוט אַחרימון אַנדערש.

אַחרימון האָט געגעבן אַן אָרימאַן עטלעכע קאָפּיקעס, זייער גוט! ער קריגט זיך נישט מיט'ן עלטערן ברודער! פאַרקערט, ער לערנט זיך נאָך אָפּ פון אים, ער וויל אויך אַ גוטער ווערן! און ער וואַרפט צו דעם אָרימאַן נאָך אַ פעקל — און סאַמע גאָלדענע רענדלעך!

פון אָרימאַן ווערט אַ גביר, דער זאַק מיט גאָלד וואַקסט, און, וואָס מער ער וואַקסט, מער מאַגנעט ווערט ער, מער ציט ער צו צו זיך צו! און דער געמאַכטער גביר צווישן סאַמע אָרימע לייט, קען נישט זיין גליקלעך! ער קען אפילו נישט רואיג שלאָפן... די אָרימע לייט אַרום שלאָפן אודאי נישט!...

הורמוז וויל עמיצן געבן א גוטע זאך, למשל — גבורה, א הארץ פון א לייב! — אזוינער קומט צונויף יעדעס פאלק, יעדער צייט! —

פארצייטנס פלעגט אחרימון וועלן אזוינעם אומברענגען, קווי־לען — פלעגט ער אים אנשיקן גאנצע מחנות מיט רוחות און שדים, זיי זאלן אים כאפן און עס זאל פון אים קיין זכר נישט בלייבן. נאר הורמוז פלעגט נישט לאזן: געגן די מחנות פון שדים און רוחות שיקט ער מחנות מלאכים, זיי פאריאגן די שדים מיט די רוחות צוריק אין גיהנום אריין און דער העלד בלייבט העלד...

היינט פירט זיך אחרימון אנדערש —

הורמוז גיט גבורה, אחרימון דערלייגט נאך אביסל און פון אונזער באשענקטן פון הורמוז ווערט אן אוואנטורניק, א פרא־אדם, ווייל עס שפארט אים די קראפט, דער איבערשפאנטער כוח, און אויפ׳ן ארט פון נוצן, ברענגט ער דעם גרעסטן שאדן!...

די זון גייט אונטער און דאס איז די העכסטע צייט אהיים צו גיין פאר׳ן פערם. ער געזעגנט זיך:

— נאך דאס, — זאגט ער אויפשטייענדיג, — וויל איך דיר זאגן: א מענטש דארף עסן, הנאה האבן פון עסן, באשאפט אים הורמוז א דארם — א קישקע; מען דארף זי נויטיג האבן, אן איר איז נישט צו לעבן! וואס טוט אחרימון? ער וועט דאך ביי א מענטש די קישקע נישט אויסשניידן — גיט ער צו א בלינדע קישקע, נאך א שטיקל! און דאס שטיקל איז שוין א געפערלעכע זאך, דערפון קרענקט מען שוין!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פערם איז אוועקגעגאנגען, און איך האב געקלערט: צי איז ער נישט גערעכט?

הורמוז, אדער דער יצר טוב, גיט אונז אריין א געפיל צו ליבן אונזערע נאענטע, אונזער פאלק, אונזער ארים פאלק, פאר וועלכן מיר ווילן ארבעטן און אפערן זיך; וואס טוט אחרימון אדער

דער יצר הרע? ער דערלייגט נאָך א ביסל געפיל, עס ווערט פון נאַציאָנאַליזם — שאָוויניזם, פון רייכן געפיל אַן עקלהאַפטער שאַרלאַטאַנען־פאַנאַטיזם, וואָס וואָרעמט נישט און לייכט נישט, נאָר ברענט אין דער פינצטער און קען אונז אַליין פאַרברענען!...

און אָרימער פאַרוואָגלטער נע־ונד׳ניק זוכט זיך א דאָך איבער׳ן קאָפּ, א רואיג שטיקל אָרט, וואו זיך אַנידערצוליינגן, וואו די ביינער אויסצורוען, אום אויפצושטיין מיט אַלע גלייך, צו דער נייער אַר־בעט, — אַלע פאַר אַלע!... דעם געדאַנק האָט אים איינגעפלאַנצט הורמוז... וואָס טוט אַחרימון? ער מאַכט פון דאָך, פון רו־בעט, אַן אייבינגן, הויכן צוועק, אַן אידעאַל, און מיר...

מיר האָבן זיך צוריקגערוקט אויף א הונדערט און צוואַנציג יאָר!

און עס איז ווירקלעך א שאָד די צייט!

דער וכוח

אין קראַשינסקי'ס גאָרטן. צוויי יונגע לייט. ביידע רעדן אידיש. נאָר איינער ליטוויש — דער צווייטער פויליש־אידיש. דער ערשטער פרעגט, דער צווייטער ענטפערט.

— נו, איר זיינט נאָך אַלץ נישט קיין ציוניסט?

— ניין.

— אַנטי?

— חלילה, פאַרוואָס אַנטי? מורא האָבן פאַר דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ"?

— וואָס דען?

— איך וויים צו ווייניג!

— דהיינו?

— אָט... איך פלעג אמאָל ערנסט דאַווענען... און דאָס דאַווענען איז—ירושלים און ירושלים! ארץ ישראל און ארץ ישראל!

וויים איך אָבער נישט, צי האָט מען ירושלים און ארץ ישראל דעריבער נישט פאַרגעסן ווייל מען דאַוונט אַזוי פיל; צי מען האָט נאָר דעריבער נישט אויפגעהערט צו דאַווענען—ווייל מען קען אָן ירושלים און ארץ ישראל נישט פאַרגעסן?!

אין חדר פלעג איך לערנען: „ארץ זבת חלב ודבש" — א לאַנד — האָט מיר דער מלמד געטייטשט — וואָס פליסט מיט האָניג און מיט מילך — האָניג און מילך האָט א קינד ליב דאָס

לעבן! ווײַס איך? אפשר האָב איך מיך דעריבער דערפרייט, אַז איך האָב געהערט פון חבת ציון?

איך געדענק מיך גאַנץ גוט אײַנגלווײַז... די שפּעטערע צײַטן באַמי איך מיך צו פאַרגעסן... קיין גרויסע האָפענונגען אויף שפּעטער האָט מען אויך נישט... און, אַז עס ווערט נישט גוט אויפ׳ן האַרץ, אַנטלויפט די נשמה צו די קינדער־יאָרן, ווי אַ טויב אין טויבענשלאַג אַריין... איך ווייס נישט, אויב אַלע טוען אַזוי, איך טו עס, און עס העלפט אַמאָל און פאַרטרײַבט די מרה־שחורה... געדענק איך, ווי אַלע מײַנע חברים פלעגן מיט שמחה וששון נאָכלויפן דער פּאַלקאָוואָי מוזיק. בכלל דעם מיליטער. אין וואַרשע זעט מען עס זעלטענער, איז עס מער אינטערעסאַנט— קינדער לויפן... מען קען זיך נישט זאַט אָנקוקן, ווי עס בליצט דורך די „שטיקעס" פון די ביקסן; זאַט אָנהערן די שטאַרקע, פעסטע מעשענע קולות, וואָס גייען ווי אײַננעמען אַ וועלט. איך איינער, געדענק איך, פלעג מיך נישט פרייען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ווען עמיץ באַפאַלט מיך, מײַן טאַטע־מאַמע, מײַנע ברידער און שוועסטער, וועט דאָס חיל נישט זען, נישט הערן, און ווייטער מאַרשירן, און ווייטער שפּילן, און ווייטער גיין אײַננעמען די וועלט... און דערבײַ פלעגן מיר זיך באַווײַזן טרערן אין די אויגן... פשוט פאַר קנאה: וואו איז מײַן מיליטער, מײַן מוזיק? אַז יענער האָט...

איך פלעג, מיט פאַרמאַכטע אויגן און אַ צערודערטער נשמה, אויסהערן מעשיות פון משיח׳ס צײַטן. דער „רבי" אין חדר פלעגט דערציילן, די באָבע אין דער היים, צי אין בית־המדרש— עלטערע אינגלעך. ווי ליב האָב איך געהאַט דעם „מלך המשיח"! מיט אַלעם גוטן און טײַערן האָב איך אים באַקליידט און באַהאָנגען! בײַ אַ רײַכער מומען (זי איז שוין אויפ׳ן עולם־האמת) האָב איך אָפּגעריסן די פּערל פון האַלז. ביים גענעראַל, וואָס האָט געוואוינט געגנאיבער — די ווייסע פעדערן פון איבער׳ן קאַסקע... ביים כהן־גדול — דעם חושן ואפוד צוגענומען! איך ווייס? נאַקעט און באָרוועס וואָלט איך אַ וועלט געלאָזט! אָבער נישט שטענדיג. טייל מאָל האָט מיך מער גענומען משיח בן יוסף, וואָס

דאַרף אָנקומען, געה'רג'עט ווערן... און איך האָב אויפגעהויבן די אויגן צום הימל: פאַר וואָס? פאַר ווען? און נאָך וואָס זאָל איינפאַלן די אייזערנע בריק? און איך פלעג טראַכטן: ביי יציאת מצרים האָט ער די מלאכים נישט געלאָזט זינגען: מעשי ידי — זאָגט ער — טובעים בים... און לעתיד לבא... אזוי אַן רחמנות? וואָס זיינען זיי ערגער פאַר די מצרים?

— קינדער־געדאַנקען!

— ערלעכער ווי מענטשן־געדאַנקען, און אמת'ער אויך! דאָס זיינען די גאָלדענע פעדים, פון וועלכע עס שטיקט זיך ערשט אוים א נשמה פון א מענטש, א פרישע ריינע נשמה...

נאָך געדענק איך: אין דער מערת המכפלה, געקויפט ביי די בני חת, וואָס האָבן מיט גוטע ריידעלעך אויסגעשווינדלט ארבע מאות שקל כסף... אין דער מערת המכפלה זיצט אברהם אָבינו, אנגעלענט מיט'ן קאָפּ אויף דער מוטער שרה'ס שוים... די הגדה דערציילט אזוי... און איך זע בחוש, ווי די מוטער שרה, מיט א קעפּל ווי ביי א ציטער־נאָדל, זיצט און פירט מיט לאַנגע, נאַר דינע און דורכזיכטיגע פינגער, צווישן אברהם אָבינו'ס זילבערנע לאָקן... אזוי זיצן זיי און ביידע האָבן פאַרמאַכטע אויגן, און עפענען די אויגן וועלן זיי ערשט ביים שופר של משיח, ווען די טערקישע וואַרטע וועט פאַרשטיינערט ווערן פאַר שרעק...

און עס פלעגט מיך ציען צו דער מערת המכפלה... צום זיידן, צו דער באָבע'ן...

נאָר אויך נישט שטענדיג!

טייל מאָל פלעגט מיך וואונדערן: פאַרוואָס טראָגט עס אברהם אבינו האָר א חוץ באָרד און פאות?

טייל מאָל פלעג איך גאָר זיין פון הגר'ס צד, און וועלן דער מוטער שרה'ן אָפּטאָן א שפיצל! און איך פאַנטאַזיר הויך צווישן די חברים: איך וועל מיך אויסלערנען טערקיש, אנטלויפן קיין ארץ ישראל, שטעלן מיך דאָרט פאַר א זעלנער, און אז עס וועט מיר אָנקומען צו שטיין אויף דער וואַכט פאַר דער מערת המכפלה, וועל איך ביינאַכט, אז קיינער וועט נישט זען, שטילערהייט אוועק־

שטעלן דעם ביקס, אַריינבאַפּן זיך אין דער הייל, אויף די נעגל צוגיין און געבן דער מוטער שרה אין נעזל אַריין — — —

נאָר אַרויסזאָגן „אַ שנעל", האָב איך די העזה נישט געהאַט.

— בעסער אַ שמעק טאַבאַק! — האָט דאָך עמיץ אונטער־געכאַפּט...

— קונדסים!

— גוטע צייטן געווען!... און וואָס נאָך האָב איך געוואוסט פון ארץ ישראל?

צו כותל מערבי, האָב איך געהערט, קומט מען צוזאַמען מארבע פנות העולם וויינען. די וואַנט איז גליטשיג פון טרערן...

און איך האָב געגלוסט צו דער כותל מערבי... דאָרט אַ תשעה־באב! צווישן אַ עולם מארבע פנות העולם וואַרפן בע־רעלעך!

טייל מאָל איז מיר בעסער געפעלן די אילומינאַציע אויף ר' שמעון בן יוחאי'ס קבר! ווייבער וואַרפן פון די אַקסל אַראָפּ די טייערסטע פאַרשיידנפאַרביגע טערקישע שאַלן, טונקען איין אין פעטער שמן־זית און צינדן אָן! — — אַ חוץ אַזוי הבדלות, ליכט און קאָלירטע פּאַפּירענע לאַמטערן! אַ!

נאָך. ביי אונז אויפ'ן הויף — מיר האָבן דעמאָלט אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס געוואוינט — האָט געוואוינט אויך אַ שוחט, אברהם מאַניס האָט ער געהייסן, אַ שם־דבר איז ער געווען דער אברהם מאַניס. ווען ער פלעגט מיך טרעפן, פלעגט ער מיך קנייפּן אין בעקל; איך בין אַ שטיקל עלוי געווען און ער — אַן אַלטער מתמיד! דעם נאָמער אברהם מאַניס, געדענק איך. נאָר פאַר־שטעלן קען איך מיר אים שוין נישט. פאַרמאַך איך די אויגן, זע איך נישט מער, ווי אַ ווייסע, לאַנגע, זייער לאַנגע באָרד; זי איז געווען די לענגסטע אויף דער פראַנציסקאַנער גאַס, די לענג־סטע אין גרויסן מנין. טייל מאָל זע איך נאָך אַ רויטן האַלדז־און־נאַקן פון הינטן, מיט אַ שטיק באַוואַקסן האַרץ פון פאָרנט — ער איינער פלעגט נאָך טראָגן אַן אָפּן העמד מיט נאַכגעלאָזטע

בענדלעך... מער זע איך שוין נישט... אָט דער אברהם מאַניס איז מיט דער צייט שוואַך געוואָרן אויף די אויגן, אוועגעלייגט דעם חלף און געקליבן זיך קיין ארץ ישראל—.

אין מנין איז געווען א רעש. לומדים האָבן געקלערט, צי מעג מען אויסמיידן משיח׳ן, מען האָט אויפגעמישט הונדערטער גמרות און ספרים, אהין און אהער, — מען האָט זיך צעשוויצט, צעטאַמפּערט... נאָר אזוינע וכוחים פלעגן זיין ווען אן על חטא ביום כפור שחל להיות בשבת, און פלעגן אזוי לאַנג דויערן, ביז אן אַלטער מנין־איד האָט זיך אויפגעשטעלט און פאַר׳ן עולם עדות געזאָגט, ווי אזוי מען האָט זיך נוהג געווען פאַראיאָרן! און אזוי איז געבליבן דאָ אויך! דער מנהג איז, אז ווער עס וויל פאַרשפּאָרן גלגול מחילות, פאָרט קיין ארץ ישראל...

צווישן אונז אינגלעך איז אויך געווען אן אנדער מין וכוח... מען האָט זיך אָנגעשמעקט מיט השכלה... איינער פון מיינע חברים האָט געלאַכט: „וואו מען מעג ווערן יעדנעראַל דאָרט איז ארץ ישראל״ — יאָ! אים פלעגט זיך שטענדיג חלומ׳ען א רייטפערד מיט עפּאָלעטן!

און אין דער היים ביים וואַרעמעס האָט מען געקלערט: ווי אזוי וועט אברהם מאַניס, דער אַלטער בטלן, מיט די האַלב־בלינדע אויגן, טרעפן קיין ארץ ישראל? די מאַמע פרעגט: ווי אַרום פאָרט מען קיין ארץ ישראל... דער טאַטע זאָגט: מן הסתם איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל... און וואו ליגט קאָנסטאַנטינאָפּאָל? ווייט, ווייט! און מען האָט געשפּונען א מאָדנע געאָגראַפיע איבער טאָל און בערג, נאָר די אַלטע מירל האָט זי איבערגעריסן. די אַלטע מירל איז געווען אונזער דינסט און האָט געזאָגט, אַריינבריינגענדיג דאָס ציבעלע־פלייש, אז אויפ׳ן הויף זאָגט מען אויף זיכער, אז „ראָני״ די אברהם־מאַניס׳יכע פאָרט מיט... „ראָני״ וועט טרעפן, זאָגט די מאַמע. אַלע זיינען מודה, אז „ראָני״ וועט אויפ׳ן פייער נישט פאַרברענט ווערן!

דעם נאָמען „ראָני” געדענק איך דורך אברהם־מאַנים׳עס א גלייך ווערטל. אַז ער פלעגט פון שעכט־הויז אהיים קומען שפּעט, פלעגט ער אָנקלאַפּן: קומי רוני בלילה!

און ליב האָט זיך דאָס אַלטע פּאָר פּאָלק געהאַט. נאָך ווי ליב!

אברהם־מאַנים איז אונזער בעל־תקיעה געוועזן — —

און דאָס אָנטאָן פלעגן זיי, אפּנים, האַלטן אויף איין בענקל... און איינמאָל ראש השנה איז אברהם מאַנים געקומען צו די תקיעות אין ראָני׳ס א העמד במקום א קיטל! און האָט נאָך געשמייכלט: „נישקשה אַזאַ טעות, ראָני איז א צדקת!” נאָר פאָרשטעלן ראָני׳ן קען איך מיר אויך נישט; איך געדענק נאָר: א קליינע, א פריילעכע, א דורכזיכטיג פּאַפּירן נעזל מיט א קול פון א פייגעלע. נאָר „ראָני איז א לייט, מיט איר וועט ער זיך שוין דורכשלאָגן!”

נעגן וואָס דערצייל איך עס?

יאָ... ראָני איז צוריק געקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

זי איז קראַנק געוואָרן פאַר בענקעניש און פלוצים פּחד באַקומען פאַר׳ן ים... אברהם מאַנים איז ווייטער געפאָרן...

ראָני האָט אים פאַרלאָזט!

אַז זי האָט צוריקוועגס דערזען די ווייקסעל, האָט זי געוויינט פאַר פרייד! און גאָס האָט זי ממש געטאַנצט — דערנאָך איז זי געלאָפן אויפ׳ן בית־עולם אַרוים און געפּאַטשט אין די הענטלעך: מיינע ליבע קברים, מיינע טייערע קברים!... און עליה השלום, דער באָבען מיינער, האָט זי מיט גרויס נחת און מיט טרערן אין די אויגן דערציילט, אַז, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען. וואָס זי האָט זוכה געווען מיט אירע אייגענע הענט אָנצורירן די שיף, וואָס איז אַוועקגעשוואומען גלייך קיין ארץ ישראל...

זי האָט אָנגערירט די וואַנט פון שיף און די האַנט געקושט, ווי ביי א מזוזה!

— ווייבערישע זאַכן!

— ניין, דו ביזט צו טרוקן, דו פארשטייסט עס נישט! א ווייבערישע צי א מענישע, נאָר א האַלבע נשמה דאָ, א האַלבע דאָרטן...

— מען רעדט דאָך אָבער נישט פון אַלטע אידן און אידענעס, וואָס אנטלויפן פאַר גלגול מחילות... נישט פון שטאַרבן, פון לעבן רעדט מען!

— איך ווייס? דאָס איז געווען גירסא דינקותא... חדר־זאַכן... און היינט וואָס ווייס איך? וואָס גיבן מיר די „בלע־טער"?

איך לייען, וואָס עס לאָזט זיך לייענען... איך אַליין אויף פּאָליטיק פארשטיי מיך נישט... נאָר אַזוי, וואָס הערט זיך דאָרט?

איינער זאָגט: יק"א און ראָטשילד הרג'נען די קאָלאָניעס מיט זייערע שווערע פליגל, וואָס זיי האָבן איבער זיי פאַרשפּרייט... דאָס אַפּוטרופּסות איז סם המות! עס וואָלט שוין לאַנג דאָרט פּתום ורעמסס — טפו! ווי דאָס גלות האָט זיך איינגעגעסן, איך מיין „איש תחת גפנו" געווען, און ווי ווייטער שטייט... קומט א צווייטער און זאָגט: ניין, דער חסרון איז, וואָס מען וויל איבער נאַכט מאַכן פון א סוחר א פּויער... אומגעלערנט מאַכן... אן אָג־ראָנאָם - שולע דאַרף מען. עפנט אן אַגראָנאָם - שולע וועט זיין ששון ושמחה . . . קומט דערנאָך א דריי־טער, א כתוב השלישי און זאָגט: וואָס ווילט איר? פּויגל־מילך? עס גייט על צד היותר טוב! א מחיה! און באותו הרגע, ווי איך לייען עס, קומט אריין אן אָרימאַן... ווער ביזטו? א געוועזענער קאָלאָניסט אין ארץ ישראל...

ער האָט דעם „חלב ודבש", אפּנים, נישט פאַרדייעט!

זיי שווייגן א ווײַלע, און דער ליטוויש־רעדער זאָגט:

— עס האָט זיך געמאַכט א נייע חברה צו שטודירן, אויס־צופאָרשן ארץ ישראל...

— באַ! וואָלט געווען אַ עסק... קלאָרע דבורים!...

דען נאָך אַמאָל דאָס זעלבע: אויף פּאָליטיק פארשטיי איך מיך נישט... אדיע!

— אדיע!

שמאַי ראַטמאַן

איך קענט שמאַי ראַטמאַן? געוויס!

נעכטן, שטעלט אייך פאָר, טרעף איך אים אין גאַס.

— שמאַי! — רוף איך. ער הערט נישט. איך מאַך מיט דער האַנט, ער זעט נישט! ווי א גולם שטייט ער. מיט אָפענע, שטאַרע אויגן; איך כאַפּ אים אָן ביים אַקסל:

— גאָט איז מיט דיר, שמאַי!

ער כאַפּט זיך אויף, ווי פון שלאָף.

— א נייע אידייע! —שמייכלט ער.

א וואונדערלעכע זאַך די נייע אידייען! ווי דאָס ווערט געבאָרן!

א מענטש, ווי אלע מענטשן: א פאַריאַגטער, וואָס דאַרף, און גאַנץ אָפט, אַלערליי געלטער — פּרנסה־געלט, דירה־געלט, מלמד־און לערער־געלט, חוץ אַנדערע געלטער, — אַזאַ מענטש פאַלט פלוצים אַוועק אין מיטן גאַס — א גולם! אַן אָפן מויל, אָפענע אויערן — און ער הערט נישט, ער זעט נישט און פילט נישט!

וואָס איז? עפּעס אין מוח, אין א פינצטער באַהאַלטן ווינקעלע, שפּינט זיך און וועבט זיך א נייע אידייע.

און זי וועבט זיך און שפּינט זיך אָן זיין ווילן, אָן זיין וויסן, און, מערסטנטיילס, נישט פאַר זיין טובה וועגן...

איך קען א סך, א סך מענטשן, וואָס אידייען האָבן זיי אױ־בערגעפירט...

ראובן האָט געקלערט און געקלערט ביז ער איז געפאַלן אויף א נייער המצאה, און איז אַריין מיט אייגן־ און פרעמד־געלט...

שמעון האָט זיך איינמאָל פּאַרטראַכט — פּאַרטראַכטערהייט האָט ער זיך עפּעס אַרויסגעכאַפּט, און פון דעמאָלט אָן, יאָגט מען אים און מען פּלאָגט אים פון אַלע זייטן, מען וואַרפט אים נאָך שטיינער אין גאַס...

לוי איז גאָר אַראָפּ פון זינען, און ווען נישט דאָס ווייב זיינס, וואָס לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ, וואָלט ער שוין לאַנג געהאַנגען ערגעץ אויף א בוידעם.

יהודה, כאָטש קיינער טשעפּעט אים נישט, לויפט, צייט ער איז געפאַלן אויף עפּעס א וואונדערלעכער אידייע, אַרום ווי משוגע אין די גאַסן, און שרייט „געוואַלד!"...

און זבולן, דעם מוזט איר אויך קענען, זינט ער איז אויפ'ן קאָפּ געפאַלן, געפעלט אים נישט דאָס ווייב, קען ער נישט זיינע אייגענע קינדער, עסט ער נישט און טרינקט נישט, און גייט קריעה־בליעה — און וואָס וויל ער? גייט פרעגט אים!

און פונדעסטוועגן, האָב איך א שרעקלעכן חשק צו נייע אי־דייען! ווער ווייסט? צווישן איבערגעדראָשן שטרוי קען זיך דאָך אַמאָל געפינען א קערנדל ווייץ, און צווישן מיליאַרדן נייע אידייען, קען זיך דאָך געפינען איין אמת'ע אידייע.

און געפינט זי זיך, ווער קען איבעררעכענען דעם שאָדן, אָדער דאָס גוטס, וואָס א נייע אידייע קען ברענגען מיט זיך?

עס קען זיין א בליץ, וואָס וועט אויף אָרט און שטעל פאַר־שווינדן... עטלעכע שאָק בלינדע הינער וועלן גאָר נישט וויסן פון אים און לייקענען שטיין און ביין, און עס קען זיין א דונער! און א דונער איז שוין נישט קיין קלייניגקייט; ער קען אַריינ־שלאָגן אין זאַמד פון סטעפּ און אויסדרייען נאָר א גלעזערן רערל, אַריין אין ים און אויסגיין ווי א ליכט; ער קען אָבער אויך אַריינ־שלאָגן אין א הויז, און אָנמאַכן — גאָט ווייסט וואָס פאַר א

שרפה... איידער עס קומט די פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע, קאָן פון א שטאָט נישט בלייבן א שטיין אויף א שטיין...

גאָט מיין איינציגער! א נייע אידייע קען דאָך נאָר ענטפערן אויף די אַלע ביטערע פראַגן, וואָס פרעסן אונז אויס דעם מוח פון די קעפּ; אויף די אַלע רעטענישן, וואָס דרייען אונז, ווי די עגבער, אין די געהירן—ווער ווייסט!

און דער, דער שטייט פאַר מיר און שמייכלט: א נייע אידייע!

איך כאַפּ אים אָן ביי א לאַץ:

— זאָג!

— דאָ, אין מיטן גאַס?

איך דאַנק גאָט, וואָס מיר זיינען נישט ווייט פון א קאָנדי־טעריי...

:: :: ::

נאָך עטלעכע שלוק טיי, ווייס איך שוין אין וואָס עס גייט.

די וועלט וועט זיך נישט איבערקערן, אויך וועט זי נישט פאַרברענט ווערן, עס וועט אפילו קיין שטורעם־ווינט נישט זיין, וואָס זאָל דעם שטויב פון די גאַסן יאָגן אין די אויגן אריין...

שמאַי ראַטמאַן וויל נאָר מאַכן א נייע חברה!

אייגנטלעך—אויך גוט!

— פאַרשרייב מיך!

— שוין?! — וואונדערט ער זיך, — דו ווייסט נאָך נישט וועגן וואָס עס גייט!

— אַלץ איינס! — זאָג איך. — מיר דאַרפן נייע חברות; שלעכטע, גוטע, נאַרישע, קלוגע, אַבי חברות, אַבי עס זאָל נישט זיין טויט, זאָל זיך רודערן... און אַצינד זאָג וואָס דו ווילסט!

— איך וויל, — זאָגט ער, — גרינדן א חברה דענקער!

— דענקער?

— יאָ, איינפאַך, דענקער...

— נאָך וואָס?

— הער... נאָר, איך מוז האָבן א גאַנצע פאַררעדע.

— נאָך בעסער! פאַררעדן האָב איך ליב ווי דאָס לעבן, וויניגסטנס — מער אַלס די ביכער... די פאַררעדע איז זעלטע־נער געווען...

— דו מאַכסט חוזק, — באַליידיגט זיך ראַטמאַן.

—און דו האָסט מורא פאַר לצנות? דו, א מענטש פון נייע אידייען? דו דאַרפסט דאָך זיין גרייט אויף שטיינער, אויף פוים־טען, אויף פייער און וואַסער...

— דאָס אַלץ, — ענטפערט ראַטמאַן, — שאַדט נישט! דאָס זיינען, געוויינלעך, נאָר די הייוון, אויף וועלכע אידייען וואַקסן! נאָר חוזק מאַכן, דאָס שטעכן מיט נאָדלען, דאָס קען א מענטש, כאָטש ער איז גרייט צו אויטאָ־דאַ־פעען, איבערשרעקן...

— איז נישט, נו! איך שוויג שוין, דערציי־ל!

און ראַטמאַן דערציילט.

:: :: ::

באַמערקט האָט ער, ראַטמאַן, אַז אַלץ האָבן מיר ליב, נאָר נישט צו קלערן.

— ווי הייסט?

— גאַנץ איינפאַך. מיר זיינען פויל, שרעקלעך פויל! אַזוי צו ליגן אויף דעם פרישן גראָז און יאָגן די וואָלקן אין הימל...

—אָדער, — האָב איך אים איבער, — זיצן און עסן און טרינקען.

— עט! — מאַכט ראַטמאַן. — עסן און טרינקען האָט מען וואָס א מאָל וויניגער, מען איז יוצא מיט א „יהי רצון", — גלייך מען וואָלט געגעסן, גלייך מען וואָלט געטרונקען, נאָר וואָלקן אין הימל פעלן נישט, און אַלע מעגן קוקן.

ליגן מיר טאַקע און קוקן... טייל שטודירן מכלומרשט אסט־

ראַנאַמיע און ציילן די שטערן: איינס, צוויי, דריי... ווי ווייט איינער קען!

מאַכט זיך אַ שטורעם, שפּרינגען מיר אויף די פיס, — דעמאָלט זיינען מיר גרייט—צו אַנטלויפן!...

וואוהין?

וואו דו ווילסט! רעכטס, לינקס, ווייטער אָדער צוריק, נאָר עמיצער זאָל זיין דער וועג־ווייזער, דער ערשטער לויפער, דער טריק (באָק)!

מיר קענען גיין, מיר קענען, אפילו מיט די געשוואָלענע פיס, לויפן, אַלצאיינס וואוהין, נאָר צוויי זאַכן: ערשטנס זאָל זיין אַ טריק, און צווייטנס זאָל ער זיך נישט אָפּשטעלן און נישט פרעגן אונז אַליין: וואוהין? קלערן האָבן מיר פיינט, טראַכטן איז סם!

אין יעדן אומגליק, אין יעדער שלעכטער צייט, קוקן מיר זיך אום, צי וועט זיך באַווייזן אַ זייל, פון פייער צי פון וואָלקן, נאָר אַ זייל, וואָס זאָל זיך פאַר אונז רוקן און ווייזן דעם וועג.

קומט אַ משה, לאָזן מיר שטיין די טעפּ מיט פליייש, מיט די ציבעלעס אין מצרים און גייען אים נאָך אין מדבר אריין; אין מיטן וועג ווילן מיר מאַכן אַן אַנדערן ראש און—צוריק קיין גשן!...

משה פאַרזאַמט זיך אויפ׳ן באַרג סיני, אונזערע ווייבער האָבן צירונג,—אהער! וועט זיין אַ גאָלדן קאַלב!

אַ שלוק טיי און ראַטמאַן רעדט ווייטער.

:: :: ::

מען זאָגט, אַז צייטן בייטן זיך, נישט וואָר? דער אייגענער האָס צום קלערן, צום טראַכטן, צום מישב זיין; מיר זיינען פויל ווי מיר זיינען אַמאָל געוועזן.

מיר האָבן ליב דעם שקר, נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז אויסגעקעמט, אויסגעפּוצט און שמעקט פון פּערפומעס, נאָר ווייל ער זיך זיכער, און זאָגט אַלץ אויף זיכער, גלייך ער וואָלט דערביי געוועזן. אַ מזבח פאַר גאָט? — וואויל, קוילען מיר קעלבער!

פאַר'ן מולך — נאָך בעסער! קינדער צום פאַרברענען פעלן נישט,

—נאָר זאָגט בפירוש, וואָס איר ווילט, קלערט נישט און הייסט נישט קלערן!

אמת וואָלטן מיר אויך אויסגעהאַלטן, נאַטירלעך זאָל ער פריער זיך אָפּשניידן די נעגל און נישט אויסדראַפּען, רעדנדיג, די אויגן; זאָל ער נישט אַרומגיין נאַקעט און באָרוועס אין די גאַסן, חבר'ן זיך מיט די שניידער־ און שוסטער־יונגען... נאָך עפּעס: אין וואָס וואַוינען מיר? אין שטרויענע, הילצערנע און ווען אפילו שטיי־נערנע, נאָר אין אַלטע אויסגעטריקנטע הייזער — זאָל ער נישט אַרומגיין מיט'ן פלאַקער פייער אין דער בלויזער האַנט... א קליין־ליכטל אין א גרויסן לאַמטערן איז זיכערער... קאָלירטע גלעזער— שענער און בעסער! נישט דער אמת איז געפעדלעך! צי די ערד דרייט זיך אַרום דער זון צי פאַרקערט, איז דעם רב מיט דער רביצין אַלץ איינס, נאָר ווי מען האָט געזאָגט, אַזוי זאָל זיין! נאָך וואָס גאָר קלערן אָגדערש!

די פראַגן, די רעטענישן, דאָס קאָפּ־ברעכן, דאָס האָט רב און קהל פיינט...

— וואָס האָסטו זיך געכאַפּט אָן רב און קהל?

— און ווער איז בעסער? יעדער מענטש, אפילו דער שענ־סטער און דער בעסטער, לאָזט זיך איבער א שטיק אָרט אין מוח, א שטיק „קדשי קדשים"; אהין לאָזט ער קיינעם און זיך אַליין נישט צו, דאָרט טאָר מען נישט אָקערן, נישט זייען, נישט רירן דעם אַלטן ווילדן דאָרן, וואָס צעוואַקסט זיך, ווי אויף הייוון...

שלעכטע צייטן... ווייבער עמאַנציפּירן זיך, און ווילן די אוי־רינגלעך אויף גאָלדענע קעלבער נישט געבן: די נביאים זיינען איינס ביי איינס געשטאָרבן, — דעם פראָפעסאָר פאַלב גערעדט איין מאָל אויף הונדערט מאָל; מלאכים באַווייזן זיך נישט; זינט די באַרשט האָט אַרויסגעיאָגט פון דעם שטוב דעם בעזים, האָבן די כשוף־מאַכערינס נישט אויף וואָס צו רייטן. גורל־וואַרפן איז אויס מאָדע, עס פּאַסט פאַר א יונגן באַקפיש צו רייסן בלעטלעך פון בעז: יאָ ליב, נישט ליב! אָדער פאַר א שילער, ער זאָל דאָס

זעלבע טאָן אויף די קנעפּ פון מונדיר, נאָר דאָס זיינען ליבע־זאַכן און פּאַר יונגע לייט... עלטערע מענטשן, און למשל, ביי געזעל־שאַפטס־פראַגן, גייט עס שוין נישט!

וואָס זשע טוט מען? צולייגן קאָפּ גלוסט זיך דאָך נישט, האָבן מיר דערפונרן נייע כשופ'ן, נייע גורלות...

כללים, הייסט עס, דעוויזן, קלינגענדיגע ווערטער!

וואָס איר ווילט, אַבי נישט קלערן!

יעדער כלל, יעדער דעוויז, יעדעס קלינגענדיג וואָרט איז אַ שטיקל מאַגנעט, וואָס ציט צו נשמות ווי שטויב!

דער שטויב פון נשמה'לעך, וואָס האַלטן זיך אָן איין מאַגנעט, איז אַ „רעדל", אַ חברה, אַ פּאַרטיי!

אַ גוטע זאַך איז דער דעוויז, און ווי נוצלעך איז אַ קלינגענ־דיג וואָרט! מען האָט דיר אויסגעהאַקט אַ שויב, און דאָס גע־שריי פון הונגעריגע וועלף רייסט זיך דיר אין שטוב אַריין און לאָזט נישט שלאָפן, — כאַפּ אָן „איזם", אַ קלינגענדיגן „איזם" און פאַרשטעק דאָס לאָך, וועסטו ווייטער רואיג שלאָפן!

עס איז דיר אַ ווערימל מיט אַ קופּערן פּיסקל אַריין אין אויער, פון אויער האָט ער זיך אַריינגעגנב'עט אין די געהירן, און דלובעט, און דלובעט צום משוגע ווערן, כאַפּ אַ דעוויז, און הויב אָן שרייען, למשל:

די וואַכט אם רהיין, די וואַכט אם רהיין!

זינגען איז נאָך בעסער! דו מעגסט אפילו קיין דייטש נישט זיין; שריי. זינג — דאָס ווערימל וועט איינשלאָפן...

האָסט וויניג קאַנווע אין קאָפּ, דיר אויסצושטריקן אַ גאַנצן סיסטעם, — אַ קלייניגקייט! מאַך גרויסע לעכער און פאַרשטאָפּ זיי מיט דעוויזן, מיט קלינגענדיגע ווערטער און דו ביזט אַ גאַנצער פילאָזאָף, און דו פאַרשטייסט הימל און ערד, דיין אייגן לעבן— אודאי!...

— וואָס זשע ווילסטו?

— איך וויל, — זאָגט ראַטמאַן, — מענטשן זאָלן זיך נישט אויסרייסן די געזונטע אויגן און אַריינזעצן אויף זייער אָרט קאָ־לירטע גלעזעלעך! מענטשן זאָלן זיך נישט פאַרשטופּן האַרץ און

געהירן מיט קלינגענדיגע ווערטער און ווערטלעך; איך וויל— מענטשן זאָלן קלערן!

— און דיין נייע אידייע?

— מיין נייע אידייע איז טאַקע צו גרינדן א חברה אָן „איד־מען”, אָן גלעזלעך... א חברה פון מענטשן, וואָס זאָלן זיך נישט שעמען, אַרומצוגיין אין גאַס מיט פראַגע־צייכן אויף די שטערן; וואָס זאָלן נישט איינרעדן, נישט זיך, נישט יענעם, אַז זיי מוזן אַלץ ווּיסן, אַז זיי ווייסן אַלץ... אַז זיי קענען היילן קרענק...

— וואָס וועט די חברה טאָן?

— קלערן וועט זי, שטודירן, אַלץ וועט זי וועלן ווּיסן, אַלץ דערגרונטעווען...

א חברה־מאַן, אַז ער הערט א קלינגענדיג וואָרט, פרעגט ער זיך און יענעם: פון וואָס באַשטייט ער? וואו שטעקט דער כשוף? מיט וואָס ציט ער צו?

און אויב ער זעט, אַז עס איז א פאַרבלענדעניש, אַן איינגע־רעדטע זאַך, שטעלט ער זיך אָפּ און באַווייזט רעכטס און לינקס, אַז עס איז א שקר!

ראַטמאַן דערהיצט זיך:

— יעדער חברה־מאַן איז מחויב צו ראַנגלען זיך געגן יעדן שווינדל, געגן יעדן חלום, געגן יעדעם פוסטע וואָרט...

— און אויף דעם אָרט פון חלומות און פוסטע ווערטער?—

— וועט די חברה געבן נייע אידייען...

:: :: ::

מיט איין וואָרט: ראַטמאַן וויל פאַרלייגן א פאַבריק פון נייע אידייען...

דאָס ווייסט איין גאָט!

יעדע פאַבריק דאַרף האָבן רוי מאַטעריאַל, — וואו וועט ער עס נעמען?

און בשעת איך הער זיינע רייד, דאַכט זיך מיר, אַז איך זע א וואונדערלעך בילד אין דער לופט

א ווילד ברויזנדער ים — א שיף איז אין געפאַר, איין פאַליע וואַרפט זי צו דער צווייטער; נישט ווייט זיינען ריפן און פעלזן, זי קען זיך לייכט אָנשלאָגן און צעשמעטערט ווערן; און דער הימל ווערט וואָס א מאָל פינצטערער, די לעצטע שטערן פאַר־שווינדן, די מענטשן זעען איינער דעם צווייטן נאָר ביים בליץ... און נאָך יעדן בליץ—גייט א דונער...

און נישט נאָר די שיפסלייט ווילן רעטן די שיף,—אַלע רייזנדע אַרבעטן מיט... קופּקעלעך דערשראָקענע מענטשן, דערשראָקענע און דענערווירטע; אין מיטן יעדן קופּקעלע רעגירט אַן אַנדערער, הייסט טאָן עפּעס אַנדערש, און דער עולם פאָלגט און אַרבעט מיט די לעצטע קרעפטן... און ווערט דער עולם מיד, שרייט מען פון דער מיט אַרויס עטלעכע הויכע, קלינגענדיגע, הייסע ווערטער, און דער עולם דערהיצט זיך, באַקומט א נייעם כוח, און אַרבעט ווייטער און ווייטער...

נאָר אָט רייסט זיך אַפּ איינער:—

— מען טוט אָן פאַרשטאַנד, אָן וויסן, מען טוט נאָך דורך קלינגענדיגע הויכע ווערטער — „איזמען”, און „איזמען”—

— קלערן דאַרף מען!

און ער בויגט אַוועק דעם קאָפּ אָן א זייט, די שיף קנאַקט, דער דונער שלאָגט און שלאָגט, מענטשן אַרבעטן מיט'ן לעצטן אָטעם און ער—ער קלערט...

וועגן געשיכטע

א ביטערע הומאָרעסקע

א באַקאַנטער איד זעצט זיך לעבן מיר אויף א באַנק אין קראַ־שינסקי'ס גאָרטן און פרעגט מיך, וואָס איך בין אזוי טרויעריג.

— גרעץ איז געשטאָרבן!—ענטפער איך אים.

— ברוך־דין־אמת!—מאַכט דער איד—א היגער?

— — — — — — — — — — — — — — — —

די פראַגע, וואָס 90 פראָצענט אידן וואָלטן געפרעגט אויף זיין אָרט, איז די מאָס, ווי טיף עס איז דער תהום, אין וועלכן מיר זיינען אריינגעפאַלן! וועמען קען נישט דאָס אידישע וואָרשע? ווער וואוינט נישט אין דער נאַלעווקע'ס מוח, ווער ליגט נישט אויף דער וואָלאָווער צונג? פון וועמען רעדט אַלץ נישט דער אריס־טאָקראַטישער גרזיבאָוו?

וואָרשע זאָל קלינגען דאַרף מען נישט דוקא פאַרשפּילן ווייב און קינד אין דערדע, אָדער ארויסקריכן אויפ'ן אויאזדאָוער קלאָץ... עס איז גענוג, א דראָזשקאַרסקע פערד צו זיין, און פאַלן איבער די שינעס פון טראַמוויי...

דאָך איז ווייניג א גרעץ צו זיין, די געשיכטע פון אידישן פאָלק צו שרייבן!

און אַז מיין שכן ווערט פון מיר געוואויר, וואָס גרעץ האָט געשריבן, מאַכט ער ערשט:

— אַ! היסטאָריע! און מיט אַזא קול, גלייך ער וואָלט באַוואונדערט עמיצן, וואָס האָט אויפגעגעסן 12 האַרטע אייער מיטאַמאָל.

און, אַז איך שפּרינג שיר פון דער הויט אַרויס, פרעגט ער גאַנץ נאַאיוו:

— און וואָס האָט מען פון דער היסטאָריע?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— איר זענט אַ איד? — פרעג איך.

— דאַכט זיך! — שמייכלט ער, ווי איינער רעדט: אַ ביסל מער פאַר דיר!

— איר האָט עפּעס ליב אידן?

— ווי דען! פיינט האָב איך?!

— איר ווייסט, אַז אַלכּסנדר מוקדון האָט געטראָפן אויף זיין וועג פון סאַמע נצחונות אַ גאַנצע מדינה מיט סאַמע ווייבער?

— אַ שאלה דאָס איז! עס איז דאָך, — דאַכט זיך, — אין עין־יעקב, און אפשר האָט עס מיר דער רבי אין חדר דערציילט.

— איר ווייסט, ווען מלכות בית־דוד און מלכות־ישראל האָבן זיך צעטיילט? ווען פון אַן אידיש פאָלק איז צוויי געוואָרן?...

— ווען? וואָס טויג מיר צו וויסן ווען?... די מעשה שטייט אין פּסוק.

— און וואו איז אַהינגעקומען מלכות ישראל?

— מלכות ישראל — האָבן מיר אַ קיימא־לן — איז אויף יענער זייט סמבטיון...

— און וואו זיינען אַהינגעקומען די אידן, וועלכע מען האָט אַרויסגעטריבן פון שפּאַניע?

— זיי זיינען זיך צעלאָפן...

— און די, וואָס מען האָט אַרויסגעטריבן צוויי מאָל פון פראַנקרייך?

— וואו זאָלן זיי זיין! אַ ביסל איז אודאי ערגעץ אוועק, און די רעשט האָט זיך צוריק אַריינגעגנב'עט. אַ שאלה דאָס איז!

— איר ווייסט, וואָס אידן האָבן געליטן, און ליידן ביז היינט אין פּרס, רומעניען...?

— אין פּרס, ווייס איך נישט; וועגן רומעניען דערציילט מען אַלע מאָל אין שול, פון הצפירה אַרויס; האָר און נעגל שטעלען זיך קאַפּויר!

— און פון „קרייץ־צוגן" ווייסט איר עפּעס?

— פרעגט מיך עפּעס גרינגערס!

— איר קענט נישט קיין דייטש?

— דייטש איז עס? ! מילא, — פעלט מיר א וואָרט?

— און „נושאי־הצלב"?

— וואָס איז דאָס פאַר א לשון?

— לשון־קודש! איר ווייסט גאָר נישט, אַז דורך די נושאי־הצלב, אָדער קרייץ־צוגן, זיינען טויזנטער אידן גע'הרג'עט, גאַנצע קהלות חרוב ונחרב געוואָרן....

— איר מיינט אודאי שנת ת"ח, כמעלניצקי'ס צייטן!

— פון אידן אין מאַראָקאָ, ווייסט איר עפּעס?

— אין מאַראָקאָ? ניין נישט געהערט!

— און געוואָלט וויסן וואָלט איר?

— באַ! וויסן! און וואָס איז דאָרט; אַנדערע מאָדע צרות? עס גייט אויף אַן אַנדערן אופן? גלויבט מיר, — אומעטום איין וועלט... איך דאַנק גאָט אַז כ'פאַרגעס דערין. (פויזע. און נאָך א זיפץ) — און זאָגט נאָר, איר לייענט דאָך א צייטונג, וואָס הערט זיך בעסער נייעס?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— ניין, — זאָג איך צו מיין שכן, — איר האָט אידן נישט ליב.

— א והא־ראיה? איך גיב קיין געלט נישט? כ'האָב נישט! די דייטשן האָבן—גיבן זיי!

— נישט דאָס מיין איך.

זעט איר, די טבע איז פון א בשר ודם, אַז ער וויל וויסן אַלץ וואָס רירט נאָר אָן זיינס א גוטן פריינט, א קרוב. אַז איר טרעפט, למשל, א קרוב, וועלכן איר האָט שוין עטלעכע יאָר נישט געזען,

ווערט איר נישט מיר אויסצופרעגן: ווי עס איז אים איבער דער צייט געגאַנגען, וואָס ער האָט איבערגעלעבט; איר פרעגט וואָס זיין ווייב, זיינע קינדער מאַכן. איז עמיץ פון הויזגעזינד קראַנק געוועזן, ווילט איר וויסן אויף וואָס, צי האָט ער גרויסע יסורים געהאַט, ווי לאַנג עס האָט געדויערט, וועלכער דאָקטאָר, צי וועלכער זנאַכאַר עס האָט געהאָלפן; אויב א דאָקטאָר — צי איז דאָס פלעשעלע געוועזן א רויטס אָדער א גרינס, און אפשר נאָר א ווייס... אויב א זנאַכאַר — צי האָט ער נאָר געזאָגט אָדער נאָך איינגעוויקלט אין רויך... און נישט דוקא ביי אַזוינע וויכטיגע זאַכן... אַז איר דערזעט אויף אייערם א באַקאַנטן א ניי מלבוש, ווילט איר וויסן, ווי טייער ער האָט געצאָלט אַן אַרשין, וויפיל שניידער־געלט; איר הויבט נאָך אויף די פאָלע, צי מען האָט אים נישט גענאַרט אויפ'ן אונטערשלאַג...

— אמת, — שמייכלט דער איד. דאָס קען איך נישט לייקענען.

— יאָ, — פאַל איך אַריין אין נצחון: — און, אַז איר האָט ברידער, — זאָג איך, — אויף דער גאַנצער וועלט, ווילט איר גאָר נישט וויסן וואָס מיט זיי טוט זיך! און, אַז אייערע ברידער ליידן שוין טויזנטער יאָרן, אינטערעסירט אייך נישט צו וויסן, וואָס אין דער גאַנצער צייט איז מיט זיי געשען.

— און פון דאַנען, — זאָג איך ווייטער — איז געדרונגען, אַז „עם כל ישראל אחיהם" פון ראש־חודש־בענטשן, זאָגט איר מיט דער אייגענער כונה ווי „לשנה הבאה בירושלים"...

— און אַז איך פיל פאַרט, אַז איך האָב ליב אידן!

— האָט איר א טעות.

— גלאַט געזאָגט...

— איך וועל אייך אויסווייזן, נאָר ענטפערט מיר ערלעך אויף עטלעכע שאלות.

— נו!

— איר האָט ליב אייערע קרובים?

— נישט אַלע.

— פאַרוואָס נישט אַלע?

— ווייס איך, וואָס איר פרעגט! און אַז מיינס אַ קרוב מאַכט זיך לעבן מיר אַ מסחר, פונקט אַזוינעם ווי איך האָב, גלייך עס פעלט מסחרים אויף דער וועלט, קריכט מיר אין וועג אַריין, רייסט מיר אַרויס דעם קונה פון געוועלב, דעם ביסן פון מויל,—זאָל איך אים קיין שונא נישט זיין?... אָדער, אַז איך האָב—פון ווייב'ס צד — אַ קרוב אַ שכור, אָדער אַ מחלל שבת בפרהסיא, — זאָל איך זיי ליב האָבן?!

— און אַ חוץ זיי?

— אַ חוץ זיי — יאָ! אַלע קרובים, וועלכע איך קען!

— און די. וועלכע איר קענט נישט?

— ווייס איך נישט! איך האָב, למשל, אַ לייבלעך שוועס־טערקינד אין אַמעריקע, איך האָב'ן קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען!...

— האָט איר אים טאַקע... ליב איך אים אונטער.

— פיינט נישט, נאָר ליב אויך נישט. אַז איך קען אים מיר גאָר נישט פאָרשטעלן! האָב ליב אַ לאָך פון אַ בייגל אַז איך קען אים נישט!

— און אידן בכלל קענט איר?

מיין „איד" האָט זיך דערפילט ווי אַ מויז אין פאַל, וואָס וואַרפט זיך: אַט אַהין, אַט אַהער.

— פאַרפאַלן, — זאָג איך, — איר האָט נישט ליב דעם כלל אידן, ווייל פון כלל אידן האָט איר גאָר קיין באַגריף נישט! אַ לאָך פון אַ בייגל! (פויזע).

— מיט וואָס,—פרעג איך,—האַנדלט אַ איד?

— מיט שפייז, — ענטפערט ער פינצטערלעך.

— איר לעבט שוין אויף דער וועלט אַ איר 50?

— 45! — פאַרבעסערט ער.

— זאָל זיין 45; אין אייער לעבן האָט איר דערקענט אַ ביסל נעענטער אַ 200 אידן... פון זיי וואַרפט איר האַלב אין וואַסער אַריין, — די, וואָס זיינען נישט פרום, די, וואָס זאָגן הודו פאַר

ברוך־שאמר אָדער פאַרקערט... ווער שמועסט די וואָס דאַוונען גאָרנישט... אַפּיקורסים! — אין פייער אַריין... פון דער רעשט נעמט איר נאָך א שפּאָר ביסל און וואַרפט אויף דער וואַנט: מיט איינעם האָט איר א פּראָצעס, דער צווייטער א קאָנקורענט—קריכט אין דער לעבער, דער דריטער האָט אויף אייך א ווערטל געזאָגט. דעם פערטן זענט איר געלט שולדיג, דעם פינפטנ'ס ווייב האָט זיך מיט אייער פלונית'טע געקריגט... די רעשט, וויפיל עס בלייבט דאָרט, האָט איר פיליכט ליב...

ער פאַרטראַכט זיך, קלערט נאָך און איך שמיד דאָס אייזן אין דער היץ:

— ליב האָבן הייסט קענען! ליב האָבן דעם כלל ישראל, הייסט: זיין צוגעבונדן, נישט צו א 20—30 אידן, נאָר צו דער גאַנצער לענג פון אלע דורות, און צום גאַנצן היינטיגן דור, וואָס איז צעשפּרייט און צעזייט... א פאָלק איז ווי א קאָנוס...

— וואָס איז דאָס ווייטער?

— זאָל זיין ווי א הוטל־צוקער: אויבן—אברהם אבינו! וואָס אַראָפּ גייט אלץ ברייטער און ברייטער... אונזער הוטל־צוקער... איז אייגנטלעך נישט קיין ריכטיגע קאָנוס: אין מיטן האָבן די מייז אויסגעביסן, וואַסער אויסגענעצט... וואָס נידעריגער, שפּאַלט זיך און צעפלייסט זיך אלץ מער די פיגור... צווישן אונזערע פאַרשיידענע טיילן שווימען דורך וואַסערן, ציען זיך סטעפּן, פאַרשפּרייטן זיך לענדער... — ליב האָבן אידן הייסט: ליב האָבן די גאַנצע פאָרם! ליב האָבן הייסט: אלץ קענען, אלץ ווי סן, אלץ האָבן אין האַרץ, אין געהירן, אין בלוט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מען קען נישט זאָגן, — מאַכט מיין שכן א פּאָר מינוט שפּעטער,—אינטערעסאַנט איז עס!

— עס איז, — זאָג איך אים, — מער אלס אינטערעסאַנט, עס איז א נויטיגע זאַך. עס איז איינס פון די יסודות, וואָס דאָס גאַנצע אידנטום, דאָס גאַנצע „הוטל צוקער" שטייט דערויף...

זעט איר, מיר זיינען דאָך אן אלט פאָלק, און דאָך זיינען,

אין דעם פאַך, אַנדערע פעלקער פיל קליגער פאַר אונז. און נישט נאָר די אייראָפּייאישע פעלקער, וואָס שרייבן, לעזן און לערנען היסטאָריע; נישט נאָר די רוימער, די גריכן, די אַלטע געבילדעטע פעלקער, וואָס האָבן געהיט זייער געשיכטע ווי אן אויג אין קאָפּ; נישט נאָר אפילו מצרים, פרס־ומדי, וועלכע האָבן זייער היסטאָריע געקריצט אויף שטיינער, אויף ווענט, אויף פּיראַמידן, נאָר אפילו די אמת ווילדע, גאַנץ ווילדע פעלקער, האָבן אויך פאַרשטאַנען וואָס היסטאָריע איז.

די ווילדע שטאַמען אין אפריקע און אַמעריקע, גייען נאָך אַרום נאַקעט, ווי אָדם וחוה אין גן־עדן; טראָגן, פאַר שיינקייט וועגן, מעשענע רעדלעך אין דער נאָז, פראָש־שיסעלעך אין די אויבער־שטע אָדער אונטערשטע ליפּן, לעדערנע בראַסלעטן אויף די פיס, הערנער אָדער געפליגל־פעדערן אויף די קעפּ! זייער נאַקעט לייב איז אויסטאַטואירט מיט אַלערליי פאַרביגע פיגורן, באַשמירטע מיט פעטס. און אפילו די ווילדע מענטשן, ווייסן שוין אויך, אַז היס־טאָריע איז נויטיג! און, ווייל די מענער זיינען אייביג פאַרנומען מיט קריג, פיש־כאַפּן און יאַגד, מוזן די ווייבער געדענקען אַלץ וואָס דער שטאַם האָט איבערגעלעבט און דערציילן עס ביי יעדער געלעגנהייט —

— אפשר איז עס טאַקע מנהג עכו"ם?

— און די תורה פון וואָס הויבט זיך אָן, נישט פון געשיכטע?

— אויף דעם שטעלט זיך טאַקע רש"י!...

:: :: ::

— און צו וואָס דאַרף מען זי פאָרט די געשיכטע?

— איר האָט עפּעס קינדערלעך?—ענטפער איך מיט א פראַגע.

— ווי גאָט האָט געבאָטן!

— ווער איז — איך בעט אייך — קליגער, איר אָדער אייער קינד, וואָס גייט ערשט אויף דער וועלט אַרויס?

ער ווערט ערנסט.

— די אייער זאָגן שטענדיג, אַז זיי זיינען קליגער פאַר די הינער...

— אָבער די הינער וואָס זאָגן? צי וועט איר געטרויען א אינגל פון 6—7 יאָר אייער פארמעגן, אייערע געשעפטן?...

— אודאי נישט! משוגע בין איך?

— פאַרוואָס נישט?

— איך וואָלט מיר באַלד געדאַרפט א טאָרבע קויפן.

— וואָס איז, א זעקס־יעריג אינגל קען קיין געשעפט נישט פירן?

— מן הסתם נישט! וואָס, פּראַקטיקע האָט ער?

— און דעריבער אפנים, גיט מען דעם פּאָר פאָלק נישט אזוי געשווינד און נישט אויף אַמאָל אַרויס דעם נדן, ווייל צום האַנד־לען דאַרף מען האָבן פּראַקטיקע און דער יונגער מאַן איז ערשט פון אונטער׳ן אויוון אַפּער!

— אודאי אזוי!

— מען זוכט פאַר אזוינעם א יועץ, אַן עלטערן שותף.

— מן הסתם! איר מיינט, אַז ביי פּראָסטע אידן איז שוין גאָר קיין שכל נישטאָ?

— חס ושלום! איך מיין גאָר נישט! נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך, אָבער מיט דער צייט, ווערט אוים קינדער לייט?

— אָודאי! אַז מען זעט א וועלט, מען קריגט פּראַקטיקע, מען ווערט געוואויר, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז, לערנט מען זיך אוים.

— זעט איר, א פילאָסאָף האָט געזאָגט, אַז דער נעכטיגער טאָג איז דעם הייַנטיגנ׳ס לערער.

— אויף דעם דאַרף מען א פילאָסאָף? א חדר אינגל וויים דאָס פּראַקטיקע! — די וועלט (זיפצט ער אָפּ) איז א טייערער לערער!

— צו פּראַקטיקע, דאַכט זיך, מוז מען האָבן זכרון?

— אודאי —

—און ווען איינער, חס ושלום, ווערט קראַנק, למשל, אויף א טיפוס, און פאַרגעסט אַלץ?

— איז טאַקע שלעכט! מוז מען אָנהויבן פון אלף־בית... דאָס אייגענע האָט דאָך ר׳ ששת׳ן געטראָפן.

— און ווי איז, אַז איינער, רחמנא לצלן, האָט גאָר קיין זכרון נישט, ער איז געבוירן געוואָרן גאָר אָן זכרון ?

— עס טרעפט זיך דען ?

— למשל !

— איז אודאי ביטער ווי גאַל ; אַזוינער קען זיך גאָר נישט אויסלערנען, קען קיין מאָל נישט קליגער ווערן... אפילו ביי משותלח'ם יאָרן... אָן זכרון איז אָן פּראַקטיקע.

— און א אינגל פון 6 יאָר מיט א זכרון קען זיין קליגער פאַר אים ?

— אודאי !

— זעט איר ! איין זאַך אָבער מוזט איר נאָך פאַרשטיין, אַז נישט נאָר א מענטש, נאָר אויך א פאָלק דאַרף האָבן א זכרון ! און א פאָלקס־זכרון איז די היסטאָריע ! אָן היסטאָריע — ווי א מענטש אָן א זכרון — קען קיין פאָלק נישט קליגער, נישט בעסער ווערן. פון וואַנען זאָל דאָס פאָלק נעמען „פּראַקטיקע״, אין דער שלעכטער צייט — עצות און בטחון, אַז יעדער דור מיט זיינע צרות און נחת, חסרונות און מעלות, ווערן — „אָפּגעשניטן און אוועקגעלייגט״, אַז וואָס אַריין אין גרוב איז אַרויס פון קאָפּ !

— ווירקלעך, — זאָגט ער, — אין א שלעכטער צייט, פאַרלירן מיר די קעפּ, עפּעס ווערט פון אונז ווי א סטאַדע שאָף ; ווער עס וויל און „נעמט זיך הערנער״, ווערט דער טריק ; דער שליח צבור !

— — — — — — — — — — — — — — — —

— פאָלגט מיך, קויפט אייך גרעץ...

— און געלט ?—

— בין איך געבליבן אָן תשובה —

ביי די פרעש צו גאַסט

קליין איז דאָס געמויזעכץ, קלענער פאַר מאַנטע קאַרלאָ, עט־לעכע מנינים פרעש אינגאַנצן, און איך האָב עס ליב. דאַכט זיך וואָס? קוואַ און קוואַ? און קוואַ איז וואַסער, דערצו נאָך — אומריין וואַסער. עס דאַכט זיך אָבער נאָר אַזוי. הערט אייך גוט איין צום קוואַ וועט איר געוואויר ווערן שאַטירונגען, מאָדולירונ־גען, הונדערטער קוואַ־וואַריאַנטן; עס צעשפּריצט זיך, ווי פונקען פון אונטער׳ן האַמער, אויף טויזנטער באַדייטונגען.

פאַראַן קוואַ — פּלעביסציט! דער גאַנצער זומפּ, אָן אונטער־שייד פון גלויבן, נאַציע, געשלעכט און אַפילו עלטער. ווערן קלוג געבוירן די פרעש! פאַראַן קוואַ — מאַרסעליעזע: פרעש גייען אויף אַ באַסטיליע, פאַלן ווי די פליגן... פאַראַן אַ תשעה־באב׳ער און אַ יום־כּפּור־דיגער קוואַ... און אַ שווערער קוואַ, נאָך ציבע־לעס, קאַשע, קוגל, פליישׁ, עס גרעבצט: „רבקה, קום רבקה...״ און אַ קוואַ פראַנק, פראַנק, לייכטזיניג־קנאַקנדיג: „מאַרגאַריטאַ, פאַר־וואָס האָסטו מיך נישט ליב?״ הייסט עס. — און אַ קוואַ צום הימל אַרויף, צום בורא עולם, אַ שבח און אַ דאַנק פאַר׳ן היימיש־ליב־וואַרעם פאָטערלאַנד, לעבן זאָל עס! עס איז דען צום אויס־רעכענען...

און דאָס קליינע פאָטערלאַנד פון פרעש, מיט דער אָפיציעלער קוואַ־שפּראַך און קוואַ־מוזיק, ציט מיך גאַנץ אָפט צו זיך. דער־הויפּט זומער פאַרנאַכט... אין שטאָט ווערט מען דערשטיקט... דערשלאָגן פון גאַסן־גערוך, מיט שוויים און שלעכטע פּאַרפומע־געמישט: דער בלענד פון שילדן, שווי־פּענצטער און ברענענדיגע

זינד־ און הונגער־ברענענדיגע אויגן, פאַרטויבט פון רעדער און שפּיל־קאַסטן — —

איר ווייסט, וואָס שפּיל־קאַסטן זיינען? איר מעגט וויסן, און זאָגן וועל איך אייך: שאַרמאַנקעס, קאַטערינקעס, אָדער ווי מען רופט זיי... ניגונים זיינען אריינגע'כשופ'ט אין זיי: פון „מאַר־גאַריטאַ, פאַרוואָס ווילסטו מיך נישט קושן", ביז „לא אבדה תקותנו"!... און א שפּאַלט האָט דער קאַסטן, פון א קופּערנעם צענער די גרויס, וואַרפט אריין און — וואָס דו ווילסט!...

אנטלויף איך. קוים לאַבנדיג צום געמויזעכץ...

זעץ מיך אויף דעם ראַנד פון קליינעם פּאַטערלאַנד...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שיין זיינען די פרעש. סאַמעטן, גלאַט־גרין־גלאַנצנדיג די הויט. דער עיקר אָבער זיינען די דריי מעלות, וואָס עס האָט דער פראָש:

1) זיי ווערן אין הייבעלעך געבוירן; שוין אזא מזל.

2) טוישן אַלע פיר וואָכן די הויט; ברויכן קיין ווייסע וועש. און — גאָט'ס גנאָד!

3) די באַוועגלעכקייט פון דער אונטערשטער ברעם ביי פרעש!

געשיט אַן עוולה אין זומפּ — אין פּאַטערלאַנד, א ציִ אַרויף די אונטערשטע ברעם; בעסער ווי א שלאָף־מיץ איבער די אויערן; נישט געזען, גאָר נישט!

. . . .

און א באַקאַנטע האָב איך אין זומפּ, זייער אַן אינטערע־סאַנטע. שיין — ווי נאָר אַ פראָש קען זיין און דערצו — קלוג! אחיתופל אמאָל, ביסמאַרק ערשט ניט לאַנג — סטאָליפּין היינט, קיין פאַרגלייך.

— אַלץ — זאָגט זי — איז זומפּ.

קהלת האָט געזאָגט: אַלץ איז נאַריש; זי — אַלץ איז בלאָטע. אַלע לעבן אין בלאָטע. ציען חיונה פון בלאָטע — געמויזעכטס...

— און די פיש? — פרעג איך אמאָל.

— טריב וואַסער! — מער אָדער ווייניגער קויט...

— זי האָט — זאָגט זי — דאָרט אויך מחותנים.

— און פויגל?

זי האָט אפילו קיין ישוב נישט; גליך דער שכל ליגט איר אויפ'ן שפּיץ צונג:

— לעבן אין דער לופט? און וואָס איז לופט? גיס אין מרחץ וואַסער אויף די שטיינער, ווערט פּאַרע — לופט... שטעל זומער אַ שיסל וואַסער אויפ'ן פענצטער ווערט לופט...

געלערנט פיזיק?

— און די סאַלאַמאַנדרא?

פאַרגלייסט זי שוין די אויגעלעך:

— ערשטנס — זאָגט זי — איז אפשר איר נאַטור אַזוי, צווייטנס — זיך צוגעוואוינט, און דריטנס — איז עס אין גאַנצן אַ לעגענדע...

און טרילערט צו: קוואַ—קוואַ—קוואַ! וואָס האָט גע־הייסן אויף אונזער לשון:

— בלאָטע, בלאָטע, בלאָטע!

. . . .

— מאַדאַם פּראָש, — זאָג איך איר אַמאָל, — איך וויל דיר דערציילן אַ מעשה'לע.

— דערצייל!

און אַ געטלעך־פּאַר'כשופ'טער שמייכל צעלייגט זיך איבער'ן גרין־גלאַנצנדיג־סאַמעטן פּנים'ל.

— און אויב — גיט זי צו — עס וועט נישט זיין צו נעפּלדיג־מאָדערן, וועל איך עס איבערדערציילן צום דרוקן דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון זומפּ־הויפישן מאָניטאָר.

— איך ווייס נישט... עס וועט, דאַכט זיך, שמעקן מיט קבלה...

זי פאַרקרימט זיך, ווי נאָך אַ לעק ציטרין, און מאַכט רע־זיגנירט:

— נו...

— אַ מעשה מיט אַ מיידל אַ קאַליקע...
נאָך אַ פּאַרקרים.

— אָבער אַ זעלטענע קאַליקע. זי קען די אונטערשטע ברעם נישט אַראָפּלאָזן, פאַרשטעלט איר אַ האַלב אויג...

— נו?

— זעט זי נישט וואָס עס טוט זיך נידעריגער פאַר'ן אויג. קען, אויף קיין פאַל, נישט קוקן אַראָפּ. די אויגן זיינען שטענדיג, פון געבוירנהייט אָן, באַוועגט אַרויף, נאָר איר דער הויך אַרויף...

— או — פע! — כאַפּט זיך די דאַמע אַרויס, — אַזוינע מוז דאָך האַלטן אין איין פאַלן... זעט דאָך נישט, וואָס אונטער די פיס טוט זיך.

— עבען... און עס איז זי זייער שווער געווען אויסצולערנען גיין... וואַקלט זיך, פאַלט, ווי איר זאָגט. ערגער איז אָבער געווען דערמיט, וואָס זי האָט מיט דער צייט אויפגעהערט צו זען און צו דערקענען איר אינגער הויז־געזינד, שוועסטערלעך און ברידערלעך...

— אַ סך געווען?

— נישט געציילט... שפּעטער, אַז זי וואַקסט אויף, זעט זי שוין נישט די עלטערע, אפילו נישט פאָטער און מוטער...

— ע! — רופט אויס די דאַמע און אינ'ם „קוואַ" — קלינגט עטוואָס שרעק, עטוואָס באַדויערן און דראָען...

— און די עלטערן, און אַלע קרובים אַרום זיינען בייז: „האַלט זיך גרויס און פאַרשייט", זאָגן זיי, „זי וויל אונז נישט זען!"

— האָט מען זי ביינאַכט, אין דער שטיל — דערוואָרגן?

— ניין. מען האָט געפּרואוווט זי שיקן אין שול אַריין. דעם לערער וועט זי דאָך זען! אַ הויכער, זיצט אויף אַ קאַטעדרע!

— און זי האָט אים געזען?

— אַ קורצע צייט. דערנאָך — נישט אַ האָר; גראָד גאַלקעפּיג געווען אויך... האָט ער איר געגעבן איבער די הענט.

האָט זי געשריגן, האָט ער זי ארויסגעטריבן, איז זי אַנטלאָפן —

— אהיים ?

— זי האָט מורא געהאַט, מען זאָל זי ביינאַכט, אין דער שטיל, נישט ווערגן — אין דער וועלט אריין!

אונטער דער שטאָט האָט זי אין דער לופט פויגעלעך דער־זען... אַ מאַסע...

— פויגעלעך, פויגעלעך, נעמט מיך מיט.

זיי האָבן קיין צייט נישט. און קענען אפילו נישט ענטפערן. פליען צו די נעסטן צו די קינדערטאָרינס אין די נעסטן, פול ווערים־לעך אין מויל... פליען זיי אוועק שטילשווייגנדיג... קומט אַן צו פליען אַן אָדלער...

— אזוי ?

אַן אָדלער מאַכט שטענדיג אַן איינדרוק, אַ לופטיגער רינאַלדאָ־רינאַלדיני...

— אָדלער, אָדלער, נעם מיך מיט!

— אויך קיין צייט נישט געהאַט? אויך צו דער נעסט?

— ניין. דער אָדלער איז אויך עפּעס עלנט געווען... איינער אליין אויף אַ הויכן, מיט אַ וואָלקן ארומגעגארטלטן פעלז — האָט ער געוואוינט...

— פון יענער הויך — זאָגט ער איר — זעען אויס די אַלע, וואָס גייען דאָ, אויף פיר צי אויף צוויי, ווי מילבן...

— איך האָב פיינט מילבן — זאָגט דאָס קאַליקע־מיידל.

— נעם איך דיך מיט! זאָגט דער אָדלער, און ער טוט עס...

— און ס'איז געוואָרן אַ לעבן! און איינס פון צווייטן פארהוילט נישט, באַהאַלט נישט, האָט קיין סודות נישט — אַ זיס לעבן?

— נישט שטענדיג...

כל זמן דער אָדלער פליט און רעדלט איבער איר קאָפּ זעט זי אים... ליבט זי אים... דאַרף ער פרנסה —

— לאָזט ער זיך אראָפּ? אויבן נישט פאַראַן?

— עבען... פארלירט זי אים פון די אויגן — —

א שטאַט־זייגער שלאָגט פּלוצלונג: אכט.

— פּאַרדאָן, — בעט מיך איבער די דאַמע אין מיט מעשה־לע. זי האָט א קאָנצערט אויף אָרימע לייט אין זומפּ, שטייט ביי די אַפּישן און „ציור" — זי איז שוין דרינען...

און איך לאָז מיך צוריק, מיד, פאַרדראָסן און זויער אין שטאָט, אין שטוב אריין, וואַרף מיך אויפ'ן בעט. עס שלאָפט זיך יאָ, עס שלאָפט זיך נישט. און בילדער, אָן מיין ווילן, אָן מיין וויסן כמעט, שלאָגן, יאָגן זיך, רייסן זיך, — ווייסט איין גאָט, ווי אזוי... שוויס, פּערפּומעס, זינד־און הונגער־אויגן, געמוי־זעכטס... שפּיל־קאַסטן און ס'ווילט זיך אזוי אנטלויפן פון דעם אַלעם —

— וואו אהין?

איך ווייס נישט, ווער עס פרעגט, נאָר א שטימע הער איך.

— ווען עס איז שלעכט אויף איין אָרט, גייט איבער אויף א צווייט אָרט... פון קאַלטן צפון צו די ריוויערע, פון ישוב צום סטעפּ, פון טריקעניש צום וואַסער; וועמען עס איז אָבער ענג, קאַלט און שלעכט אין דער צייט, קען זיך אין קיין אנדערער בעסערער נישט איבערטראָגן...

— פאַרוואָס נישט פאָרן אין דער צייט? שריי איך אויס. פאָרן נישט היסטאָריקער צוריק ביז אָדם וחוה אָן די גאַרטלען אין גן־עדן? פאָרן נישט נביאים פאָרווערטס ביז צום שיינעם אינגל, וואָס פאַשעט מיט א רויזן־שטענגל א ציג און א וואָלף צוזאַמען!

— איך וויל!

און מיין ווילן — געשוט.

א מאָדנע קאָנסטרוקציע: נישט שיף, נישט קאַרעטע, נישט לופט־באַלאָן און אַלץ צוזאַמען, און עמיץ זיצט פון פאָרנט מיט א האַנט אויף א קנעפּל.

— ווער ביזטו? — שריי איך אויס דערשראָקן.

— קומשער אויפ'ן וואָגן פון דער צייט —

— פאַר! אַן־אַוואַן! און איך שפּרינג אַרויף —

— קוואַ! הערט זיך אַ לײדנס־אויסגעשריי. מאַדאַם פּראַש פּאַרט מיט, איך האָב זי שיר נישט דערהדיקט. מיר פאָרן, כ׳פאַרגעס זי אפילו איבערצובעטן! דעם אָטעם פאַרכאַפּט עס...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווייסט איין גאָט, וואָס פאַר אַ צייט!

מען נעמט שוין נישט קיין ברויט פון דער ערד, אויס פּויערן, אויס פּריצים. די ערד געהער נישט צו קיינעם, און די ערד־פּסיכאָלאָגיע איז פאַרשוואונדן געוואָרן. אויס פּאָטער־לענדער. פון גרינס, דער עיקר פון דערנער, מאַכן כעמיקער ברויט, דער־הויפּט פון דערנער. מיר קאָנקורירן מיט די אייזלען, נעמעזים: אַמאָל האָבן אייזלען געגעסן און מיר — געהונגערט. און נישט נאָר ברויט, כעמיקער גיבן פיש און פלייש. קיין איינציק טיער ווערט צוליב אונזער מאָגן נישט געקוילעט, און צוליב דעם מאָגן נישט אויפגעהאַלטן. די וואָס האָבן געפּאָלגט דאַרווין און ספּענ־סער זיינען געוואָרן מענטשן, כסדר: נעגערן, ציגיינער, אידן, פּאָליאַקן דערנאָך גאַנצע מענטשן; אַנדערע זיינען ערגעץ פאַר־שוואונדן געוואָרן. אין מאַנכע מוזעאומס געפינען זיך משונה׳נע ביינער: מען זאָגט פון חיות... און מיר עסן נישט, נאָר טרינ־קען. אין פּאַריז ווערט שוין זאָגאַר נישט געטרונקען, נאָר גע־ראָכן. מען שמעקט פון אַ פלעשעלע דעם טעם פון פיש, פון פלייש, פון וואָס מען וויל... שפּייז גייט דורך דער נאָז. די ענגלענדער טראָגן אונטער דער נאָז צווישןביידע העלפטן וואָנסן געצוך־עקסטראַקט פלעשעלעך; שטענדיג אָפענע, און זיינען שטענדיג זאַט... אויב עס עקזיסטירט נאָך אַ מויל, איז עס נאָר צום ריידן... חופה וקדושין, סעפּאַראַציע און גטין האָבן אויפ־געהערט. נישט דער מאַן שפּייזט דאָס ווייב, ווי אינ׳ם צוואַנ־

ציגסטן, און נישט דאָס ווייב — דעם מאַן, ווי אינ׳ם פֿינף־און־צוואַנציגסטן יאָרהונדערט. יעדערער באַקומט על חשבון הכלל אַ פּלעשעלע און ער שמעקט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— און וואו זענ׳מיר אַצונד?

— די צייט איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן, האָט נאָך דעריבער קיין נאָמען נישט.

— אַז זי וועט געבוירן ווערן, — זאָגט מאַדאַם פּראָש, — וועל איך זיין קוואַטערין...

— קען זיין! — באַשטייט דער קוטשער.

איך קוק אַראָפּ: פֿולע טייכן אַרום?

און עפּעס הער איך געשרייען:

— איז נישטאָ קיין הונגעריגע צו זעטן? קיין לעבצנדיגע צו דערפֿרישן? קראַנקע צו היילן?

און אַנדערע:

— ווייסט איר נישט פֿון אונטערדריקטע מענטשן, לענדער, פֿעלקער, רעליגיאָנען — צום באַפֿרייען?

נישטאָ!

אַלע קלוג — קיינער וויל נישט אונטערדריקן, ווייסנדיג, אַז די אונטערדריקטע שטאַרקן זיך און די אונטערדריקער פֿאַרגייען פֿאַר — וואוילטאָג... און וואו נעמט מען קראַנקע, אַז עס איז איינגעפֿירט געוואָרן מיעטשניקאָוו׳ס סיסטעם, און קיין איינציג גליד שטאַרבט נישט אָפּ פֿאַר דער צייט. נאָר אַלע גייען אויס אין איין מאָס, אין איין צייט, אַלץ לעשט זיך אויס צוזאַמען און איינער טויט נישט דעם צווייטן... קיינער שלעפּט נישט מיט זיך קיין טויט אָדער רויט גליד... און די נשמה מיט׳ן גוף גייען אויך אויס מיט איין מאָל, ווי פֿלאַם און בוימל אין אַ לאָמפּ. נישט פֿאַראַן קיין גופים אָן נשמה און נישט פֿאַרקערט. און דעריבער אויך: קיין ווילן אָן דער מעגלעכקייט אויסצופֿירן און קיין מעגלעכקייט אָן ווילן. פֿאַלשע אַפּעטיטן, פֿלירט, צווישן טאָג־און־יאַכט חלומות — פֿאַרשוואונדן! וכוחים האָבן גאָר אין גאַנצן אויפֿגעהערט. אַלע האָבן די זעלבע אינטערעסן, און אַז דער

טעלעפאָן קלינגט, וועמען גלוסט זיך אויפצוהויבן? מען זיצט און מען גענעצט...

אַ לאַנד, אַ וועלט־קרענק דאָס גענעצן. „שלום־עליכם" איז אַראָפּגעקומען און געלעזן — מען גענעצט!

— אַמאָל — זיפצט אַן אַלטער און גענעצט — פלעגן לייבן, בערן באַפאַלן — אַזוי דערציילט מען.

— און הייַנט?

— עלעקטריש אויסגעשאָסן! אַלע שעדלעכע טיערע...

— און די אָדלער? — פרעג איך.

— ביז צו איינעם.

— ביי איינעם איז געווען אַ מיידל, צי אַ ווייבל אַ קאַליקע מיט האַרטע אונטערשטע ברעמען...

— קען זיין — אין דער היסטאָריע ווערט דערמאָנט, אַז דער לעצטער אָדלער איז אַרומגעפלויגן אַרום ביינער פון אַ מענטש... אַ זכר צי אַ נקבה, ווייסט מען נישט און (ער גענעצט) אַלץ איינס...

— און עס איז שוין — גענעצט ער — קיין ערד־ציטערניש נישט געווען...

— טרייב, קוטשער, טרייב!

— — — — — — — — — — — — — — — —

— אַ יריד?

— ווי האָט איר אין אַזאַ צייט — האַנדל?

— טרייבן זיך רוחות אַרום?

— פון רוחות שוין לאַנג קיין זכר נישט!... אפילו קיין קיילעכדיגע טישלעך צום קלאַפּן.

ווילן מיר אַראָפּ זען. איבערלאָזן דאָס קנעפּל ביי מאַדאַם פּראָש אין דער האַנט?

— דאָס נישט. די צייט פאַר פרעמדע איז עס נאָך נ י ש ט... מען וועט אייך צערייסן. קוקט בעסער פון דער הויך.

ער דערלאַנגט מיר אַ פאַרגרעסער־גלאָז:

עס ווימלט דער מאַרק!

וואָס אין אַזאַ צייט קען זיך טרעפן?

אַז עס איז אין פראַנקרייך אַרויס די גזירה געגן די גלחים, האָט זיך אַ גלח, פאַר האַרץ־קלעמעניש, אָנגעזאָפּט מיט שאַרט־רעס, און ערגעץ אין וויין־קעלער איינגעשלאָפן. פון פראַנקרייך איז אָן די גלחים, ווי פון שפּאַניע אָן אידן — אַ באַרג אַש געוואָרן. אָן גלח האָט מען פאַרגעסן, ליגט ער אין לעטאַרג; גייט איינער פון דער געגנעץ־מדינה און גראָבט זיך, אַבי עפּעס צו טאָן, לעבעדיגערהייט אַ קבר, געפינט ער׳ם, טראָגט׳ם אין מאַרק אַריין, כאַפּט זיך דער צעשאָקלטער גלח אויף —

פרעגט מען אים, ווי לאַנג ער שלאָפט; ווייסט ער נישט.

— האָט מען אין דיינע צייטן אויך געגענעצט?

דערמאָנט ער זיך.

— יאָ: לאָרדן אין ענגלאַנד —

— און אַזוי?

— נישט.

— וואָס פלעגט מען טאָן?

— כל־זמן די גלחים זיינען געווען, האָט מען געדאַוונט; געוויילט זיך אין קלויסטער...

— בטלנות!

— קאָנצערטן, אַזוי און אויף אָרימע לייט... שפּיל־קאַסטן פלעגט מען אַרומטראָגן אין די גאַסן...

— מיר האָבן קנעפּלעך, מען גיט אַ דריק, הערט מען וואָס מען וויל, און דעריבער — וויל מען נישט, אָדער מען הערט און מען געגעצט....

— פּאָעטן פלעגן זיך פרייען מיט זונען־אויף־און אונטער־גאַנג...

— ביי אונז איז שטענדיג זון. אַ וואָכעדיגע בייטאָג, אָן עלעקטרישע ביינאַכט.

— ווינטער אין די גרויסע קעלטער פלעגן אָרימע לייט נחת האָבן, אַז זיי האָבן אַרויסגעשטעקט אַ פוס פון אונטער דער קאָלדרע און צוריק אַריינגעכאַפּט; אָן אנגענעמען ציטער גע־כאַפּט.

— מיר האָבן קיין „ווארם" און קיין קעלט. מיר האָבן דורכ־געגראָבן די ימים און די טריקעניש, און צעטיילט די עלעקטרי אַזוי אַז אומעטום מעסיגע טעמפּעראַטור.

— איך געדענק נאָך אַ זאַך — זאָגט דער מאָנאַך — נאָר עס חלש'ט מיר ס'האַרץ: גיט מיר אַ ביסל ווייַן.

ער האָט ווייַן־פּולווער געשמעקט, באַדוויערט דאָס אויג, וואָס האָט פון ווייַן קיין נחת נישט, און געזאָגט:

— מיליטער פלעגט מאַרשירן איבער גאַסן. דער עולם, יונג און אַלט, פלעגט נאָכלויפן פרייַלעך לעבעדיג און יאָכצן...

— וואָס איז אַזוינס מיליטער?

— סאָלדאַטן מיט מונדירן און געווער, אָפיצערן מיט שלי־פעס, אקסלבענדער —

— און וואָס איז אַזוינס מונדירן און די אַנדערע זאַכן, וואָס האָסט אָנגערופן, גלח?

— גיט מיר נאָך אַ שמעק ווייַן, דען איך בין מיד און מייַן געדעכעניש — אָפּגעשוואַכט.

און מיט אַ בליענדיגער נאָז האָט זיי אַלץ דער גלח פאַר־טייַטשט. און אומר ועושה: שוין דאָ מיליטער מיט געווער, אָפיצערן, גענערעלער, אייַן אָבערגענעראַל — —

און דאָס מיליטער מאַרשירט און גענעצט; און דער עולם קוקט און — גענעצט.

— ביזט אַ ליגנער, גלח!

— ניין —

— עס איז דאָך מונדירן, אקסלבענדער, שליפעס, טרעסטן, געווער!

— געווים — נאָר אָן סאָלדאַטן... איידער עס ווערט בלוט פאַרגאָסן, איז דאָס מיליטער קיין מיליטער נישט!

גיט זיך דער עולם אַרום אַ ריר און עס ווערט אַ מהומה, אַ גערלאַרם:

— בלוט זאָל פאַרגאָסן ווערן, בלוט! אַבי נישט גענעצן... שיסט, שטעכט, קעפּט...

— וועמען? — פרעגט דער אָבער־גענעראַל —

— אונז, אַלע — אַבי נישט געגעצן! אַבי נישט געגעצן!
פאָלקס־ווילן איז גאָט׳ס ווילן —

— יאָ, דערמאָנט זיך דער גלח, נאָך געווען גוטע זאַכן:
מעשיות... פון בת־מלכה׳ס... מיידלעך מיט אונטערשטע אומ־
באַוועגלעכע ברעמען —

זיין שטימע אָבער ווערט פאַרטרונקען אין געשיסעריי!

— ווייטער, רוף איך צום קוטשער מיט שרעק —

און פלוצלונג כאַפּט מיך אָן אַ ווילדע תאווה בלוט צו פאַר־
גיסן...

איך כאַפּ מאַדאַם פראַש און ווערג און ווערג, און ווערג...

— דאָרט וואו די צעדער!

וועקט מיך אַ שפּיל־קאַסטן פון הויף.

דער פרוש מיטן בער

אַמאָל איז געווען אַ איד, וואָס האָט נישט געקענט פאַרטראָגן קיין עוולות. איז ער געגאַנגען און האָט איבערגעגעבן דעם ווייב דאָס קלייטל, וואָס ער האָט געהאַט, און איז געוואָרן אַ היים־זיצער, און איז געזעסן פאַרמאַכט אין שטוב על התורה ועל העבודה, הן אין נגלה, הן אין נסתר...

האָט ער אַ פּנים אין דער היים, צווישן אייגענעם הויז־געזינד, אויך עוולות געזען, האָט ער זיך מיישב געווען און איז געוואָרן אַ פּרוש — פאַרלאָזט די היים און געזעצט זיך לערנען אין קלויז. זיצט ער אין קלויז.

יאָגן אים אָבער די עוולות נאָך און קומען צו אים אין קלויז אַריין. אפילו ביינאַכט, קומט אַריין זיך אָנוואַרימען אַ נאַכט־וועכטער, אַן אורח קומט שלאָפן, צי אַזוי — אַ איד קען נישט שלאָפן און פאַרבלאָנדזשעט אין קלויז אַריין, זעצט מען זיך ביים אויוון און מען רעדט... און פון וואָס מען זאָל נישט ריידן, הערט אַלץ דער פּרוש עוולות און עוולות.

איז ער זיך ווייטער מיישב און פאַרלאָזט די שטאָט און לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין, אויסזוכן אַ שטאָט אָן עוולות; געפינט ער נישט: איין וועלט אומעטום.

פאַרלאָזט ער דעם גאַנצן ישוב. גייט ער וואַלד אויס, וואַלד איין, איבער בערגער און טאָלן, ביז ער קומט צו צו אַ וואַסער. ווי דער טייך הייסט, האָט ער אפילו נישט געוואוסט, נאָר ביים טייך איז געשטאַנען אַ חורבה פון אַן אַלטן פּאַלאַץ, ווייט פון שטעט און דערפער, האָט ער זיך דאָרטן באַזעצט און אָנגעהויבן עוסק צו זיין אין קבלה.

פון עוולות קען מען אָבער נישט אַנטלויפן... פון צייט צו צייט צעלאָזט זיך דער טייך, קערט איבער שיפלעך, רייסט אָפּ פון דער יבשה שטיקער לאַנקעס מיט גראָז, שטיקער פאַרזייעטע פעל־דער... און צווישן די פיש אַן איביג געשלאַגעריי! לאָזט עס אים נישט רוען, נישט שלאָפן און אַנטלויפן האָט ער שוין נישט וואו אַהין...

ליגט ער אַזוי און טראַכט: ער וויל דערגיין, פון וואַנען עס נעמען זיך גאָר אין גאַנצן די עוולות?

פאַלט אים איין, אַז די עולות קומען דערפון, וואָס די נשמה פון דער וועלט איז איינגעשלאָפן... און עס איז נישט אַזוי ווילד, ווי עס דאַכט זיך.

למשל: דער עולם קטן — אַ מענטש. כל זמן די נשמה איז וואַך, טוט ער וואָס עס טויג אים, פּלאַנמעסיג, על פּי שכל, אַלע אברים פאָלגן די נשמה. שלאָפט אָבער אַ מענטש איין, די נשמה— דער מושל איבער'ן גוף, דרימלט איין, הויבט אָן דער גוף צו וואַרפן זיך אָן סדר, אָן אַ ציל און יעדעס אבר פאַר זיך, איין האַנט אַהין, די אַנדערע אַהער, דער קאָפּ באַזונדער, דאָס לייב באַזונדער — אָן שכל... און מען קען געשעדיגט ווערן...

עוולות זיינען אָן שכל... די וועלט וואַרפט זיך, צאַפּלט אָן אַ סדר; און די נשמה פון דער וועלט איז איינגעשלאָפן, און יעדעס שטיק וועלט טוט זיך זיינס, נישט לטובת הכלל...

איר פאַרשטייט? יאָ צי ניין, אַזאַ געדאַנק האָט ער געהאַט.

קומט ער צו דער דעה, אַז איין פּלאַן איז פאַראַן: די נשמה פון דער וועלט צו וועקן. כאַפּט זי זיך אויף — וועט ווערן אַ סדר, וועט אויפהערן דאָס צאַפּלען, דאָס רייסן זיך, דאָס שלאָגן זיך צווישן די אברים פון דער וועלט...

ווי אַזוי אָבער וועקט מען די נשמה פון דער וועלט.

אויף דעם זיינען פאַראַן עצות אין די הייליגע ספרים...

מען דאַרף טאָן וואָס מען דאַרף, זאָגן וואָס מען דאַרף.

דערצו אָבער דאַרף מען כוונה. מען מוז זיך אָפּגעבן דערצו

מיט'ן גאַנצן האַרצן, מיט מסירת נפש, אַז נישט צעפליען זיך די וועלטער אין אויר און גאָרנישט...

עס מוז באַשאַפן ווערן אַ ז ו י נ ס, וואָס האָט פליגל צו פליען און — אַ נשמה, וואָס ווייסט וואו אהין צו פליען און וואָס דאַרט צו פאַרלאַנגען, כידוע...

מילא בייטאָג איז נישט מעגלעך. ער לאָזט זיך טיף אריין אין דער מחשבה — גיט ערגעץ אַ קראָ אַ געשריי, אַ פויגל — אַ זינג, ערגעץ פון ווייט הערט זיך אַ קללה פון אַ פויער ביים אַקער אויף דער האַרטער ערד, וואָס איז אים פוגם דאָס אייזן — נאָר ביינאַכט, אַמבעסטן צו חצות...

טוט ער אַזוי...

און ער פּילט, עס גייט! נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ נאַכט...

ווערט אָבער געוואָר דערפון דער בייזער שר פון טייך. זאָגט ער: לאָ! עס וועט נישט שטיל זיין! און קוים לאָזט זיך דער פרוש טיפער אין די כוונות אריין, גיט זיך דער שר פון טייך אַ וואָרף, הויבט דער טייך אָן צו זידן און צו רוישן און צו שלאָגן פּאַליעס און צו רייסן די ברעגעס, עס ווערט אַ מהומה און דער פרוש פאַלט אַרויס פון דער מחשבה, ווי אונטן דער שיפער פון שיפל...

זעט דער פרוש, אַז ער האָט קיין אַנדער עצה נישט, נאָר אָפּצוּרוקן דעם טייך מיט'ן בייזן שר... דען אַליין אַוועקגיין און זוכן אַ חורבה נישט ביי קיין וואַסער, ווילט זיך אים נישט, ווער ווייסט, ווי לאַנג ער וועט זוכן, און צי ער וועט געפינען, און דערווייל וואַקסן די עוולות און מאַכן חרוב די וועלט...

מילא, אַוועקצורוקן דעם טייך איז ביי אים אַ קלייניגקייט, ער האָט אַ שם דערויף... האַלט ער עקסטראַ אַ תענית און נאָכ'ן תענית איז ער זיך פלוצלונג מתכוון צום שם און דער טייך רוקט זיך.

דער שר ווערט אש להבה — נאָר פאַרפאַלן, דער שם איז אָפּגעזאָגט, נוקם זיין וויל ער זיך אָבער, צערודערט ער שטאַרקער

דעם טייך, עס ווערן גרויסע פּאַליעס, כאַפּט ער איין פּאַליע און וואַרפט אַרויס אויף דער יבשה, צו דער חורבה צו, ווערט אויף דער יבשה פון דער פּאַליע אַ בער, אַ שוואַרצער צויטיגער בער, לויפט ער מיט פייערדיגע אויגן אַרום חורבה און ווען דער פּרוש וויל האָבן כוונה, הויבט ער אָן ברומען און ברילן און וואַרפן זיך, אַז דער פּרוש פאַלט ווייטער פון דער מחשבה...

וואָס בלייבט אים, דעם פּרוש, צו טאָן?

ער וועט דאָך נישט הרג'ענען דעם בער! אָנהויבן מיט אַן עוולה? דען באמת, וואָס איז דער בער שולדיג? ער לעבט, זאָל ער לעבן!

פאַלט אים, דעם פּרוש, איין, דעם בער רואיג צו מאַכן. מאַכן אַ לייט פון בער! זאָל ער, כאָטש אַ בער, וויסן וועגן וואָס עס גייט. ער וועט הויבן דעם בער, מתקן זיין און הויבן זיין נשמה — —

נעמט דער פּרוש און גייט איינמאָל אין דער פרי אַרויף אויף אַ שפּיץ־חורבה, שטעלט זיך און קוקט אַראָפּ אויפ'ן בער.

דערזעט אים דער בער פון אונטן, ווערט ער מלא חימה, הויבט ער אָן רייסן מיט די פעדערשטע פיס די ערד, און ברומען, און ברילן, און שפּרינגט אונטער מיט אַ שוימענדיג מויל און בלוטיג־פלאַמענדיגע אויגן.

מיט גרימצאָרן קוקט דער בער אַרויף צום פּרוש, מיט רחמנות אָבער און ליבשאַפט קוקט דער פּרוש אַראָפּ צום בער און עס ווערט אַ מלחמה צווישן ביידע פּאָר אויגן, צווישן די אויגן מיט ליבשאַפט און רחמנות און די אויגן מיט האַס און גרימצאָרן.

זיינען אָבער דעם פּרוש'ס אויגן שטאַרקער און הויבן אָן גובר זיין די אויגן פון בער.

לאַנג, לאַנג האָט געדויערט די מלחמה צווישן צוויי פּאָר אויגן, צווישן צוויי הערצער און צוויי נשמות...

אָבער אַז די זון האָט זיך געהויבט אין מזרח־זייט, איז שוין

שטיל געוואָרן. דער בער — אַז די זון איז געקומען אין מיט־הימל אַריין, איז ער שוין פֿאַר דער חורבה אויף אַלע פֿיר געלעגן, ווי אַן אונטערטעניגער הונט, און אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען האָט זיך דער בער שטיל אויפֿגעהויבן, אַרויפֿגעשיקט צום פרוש אַ בליק מיט בקשה ותחנונים און איז צוגעגאַנגען צום טויער און האָט שטיל אָנגעקלאַפּט, און „געסקאַמליעט”, ווי אַ הונט, מען זאָל אים עפֿענען...

דער פרוש האָט גובר געווען, אונטערגעגעבן האָט זיך דער ווילדער צווייטיגער בער, זיין הינטיש „סקאַמליען” באַטייט: לאָז מיך צו דיר, ווי אַ הונט וועל איך דיר דינען, צו דיינע פֿיס ליגן, דיינע הענט לעקן, דיר געטריי אין די אויגן קוקן און טרעפֿן דיין פֿאַרלאַנג, און אַז דו וועסט דיך פֿאַרטראַכטן, וועל איך ליגן ציכטיג און שטיל, אפֿילו קיין פֿליג נישט כאַפּן —

און דער פרוש האָט אים געעפֿנט, און דער בער איז אַרויפֿגעגאַנגען צום פרוש און האָט זיך געלייגט שטיל צו זיינע פֿיס, און זיינע אויגן האָבן געזאָגט:

— דו ביזט מיין גאָט... איך האָף צו דיר, און גלויב אָן דיר... דיינע געדאַנקען זיינען הייליג, מיט דיינע כוונות וועסטו וועלטן איבערבויען...

און דער פרוש גלעט מיט ליבשאַפֿט דעם בער, זיין היימיש געמאַכטן בער,, דעם בער, וואָס גלויבט אין אים — און פֿאַרטראַכט זיך, און וויל זיך אַריינלאָזן אין זיינע מחשבות, זיך מתכוון זיין צו דעם, וואָס מען דאַרף, אויפֿצואוועקן די נשמה פֿון דער וועלט...

ער האָט אָבער שוין נישט געהאַט פֿון וואָס צו טראַכטן...

ער אַליין האָט שוין די גאַנצע פֿריערדיגע נשמה נישט געהאַט...

מיט וויפֿיל דער בער איז אַרויף צו אים, מיט אַזוי פֿיל איז ער אַראָפּ צום בער...

און ער דערפֿילט אַ מידינקייט אין אַלע גלידער, די ברעמען

פאַלן אים איבער די אויגן און ער הויבט זיך אויף און גייט וואַקלדיג צום געלעגער —

דער בער גייט אים נאָך, לייגט זיך נאָענט ביים געלעגער —

עס וועלן קיין עוולות נישט אויפהערן. דער בער איז גע־וואָרן א שטיק מענטש, און דער מענטש א שטיקל בער —

און דער פרוש, וואָס שלאָפט שוין צוזאַמען מיט׳ן בער, וועט די נשמה פון דער וועלט נישט וועקן.

די אַכטע אָפּטיילונג אין גיהנום

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיד, פאַרמאַטערט ליג איך אויף מיין געלעגער און וויל זיך דערמאָנען, ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט:

אויף אַ פאַרזאַמלונג בין איך געוועזן, אַ רעדע געהאַלטן.

פלאַם פייער האָב איך געשאָטן! מיט פיילן געשאָסן... ווי מיט אַ בלויזן, שאַרפן שווערד האָב איך דעם עולם געפּאַכט!

און איך רייד, און איך הער מיך צו צו מיינע רייד; און האָב נחת פון זיי! איך בין דער העלד, האַלט מלחמה פאַר אַלץ, וואָס איז שיין און גוט. איך בין דער קעמפער פאַר פרייהייט און פאַר אַלע גוטע, זיסע און שיינע זאַכן, וואָס דערוואַרטן אונז אין דער ווייטער צוקונפט, וואָס קומט דאָך אַלץ נעענטער און נעענטער צו אונז!

און איך רייס אַרונטער די מאַסקע פון'ם שקר און שטעל אים צום שאַנד־זייל; איך רייס פון אים אַראָפּ די קליידער פון לייב, און שטעל אים בלויז — פול קרעץ און וואונדן...

מיט אַמאָל דאָך בין איך פאַרשוויגן געוואָרן!

די קראַפט איז אָפּגעשוואַכט, דאָס פייער אויסגעלאָשן, און די צונג אין מויל איז אַ שטיק בליי געוואָרן.

וואָס איז מיר אַזוינס געשען?

ריידנדיג האָב איך נישט ווילנדיג די אויגן אויפגעהויבן, און אַנטקעגן מיר איז אַ שפּיגל געהאַנגען. און איך האָב מיך דערזען, מיינע אויגן דערזען: אַ שלעכטער גלאַנץ ברענט אין

זיי, אַ מאָדנע פייערל. גאָר נישט מיינע אויגן! און דאָך באַקאַנט זיינען זיי מיר. אַמאָל האָב איך אַזעלכע אויגן געזען.

ערשט איצט דערמאָן איך זיך, ווען.

אין אַ קאַזאַרמע האָט מען אַ זעלנער געשמיסן. זיינע ברי־דער, די סאָלדאַטן, וואָס האָבן די שמיץ געגעבן, האָבן אַזעלכע אויגן געהאַט, און די אויגן האָבן געזאָגט: היינט שמייסן מיר דיך, מאָרגן וועסטו אונז שמייסן — און מיר שמייסן שוין פאַר מאָרגן אויך!

אין שפּיגל האָב איך מיך דערזען! נישט ווי אַ צוקונפטס־העלד האָב איך אויסגעזען, נאָר ווי אַ געשמיסענער, וואָס שמייסט!

פאַרשוויגן בין איך געוואָרן... און די צוהערער? זיי האָבן פריי אויפגעאָטעמט; זיי איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ!

אַזוי ווי די בהמות אין פעלד נאָך אַ שרעקלעכן האָגל האָבן זיי זיך געפילט! ווי קינדער, וואָס זיצן אין דער פינצטער, אַז מען ברענגט זיי פּלוצלונג אַ ליכט אַריין! ווי הינקעדיגע, וואָס שטייען אומבאַהאָלפענע אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, אַז מען דער־לאַנגט זיי די קוליעס, וואָס זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט און קענען זיך פריי באַוועגן.

א ן אַ יינגערמאַן כאַפּט אָן זיין פריילין ביי דער האַנט און פרעגט: „דערלויבט איצט? דערלויבט?" און זי שאָקלט מיט איר שיינעם קאָפּ און ענטפערט מיט אַ זיסן שמייכל: „דער־לויבט! דערלויבט!"

און איך בין פון דער אסיפה אַנטלאָפן.

מיד און צעבראָכן ליג איך אויף מיין געלעגער, די לבנה שווימט און קוקט צו מיר אין פענצטער אַריין.

דער שיין פון דער לבנה, זאָגט מען, איז מסוגל צו חשבון־הנפש, צום אַריינקוקן אין זיך אַליין... איך שפּיי דערויף! קען איך נישט אויף דער לבנה, שפּיי איך צו דער סטעליע...

אָבער וואָס איז דאָס?

צוויי אויגן שווימען אַרויס פון דער וואַנט און קוקן.

אַ כשוף־מאַכערין די לבנה! איינס פון אירע קונצן...

אָבער וועמענס אויגן זיינען דאָס?

זיינען דאָס די אויגן פון די זעלנער, וואָס שמייסן זייער ברודער, אָדער די אויגן פון די, וואָס פלעגן מיך אָפּהאַלטן אויפ׳ן וועג פון איין מיראַזש צום צווייטן און פרעגן: ווילסט נישט אַ גלאָז וואַסער?

און די אויגן קוקן אויף מיר נישט מיט כעס און נישט מיט קיין באַזונדערן חן. אַרום זיי באַוועגט זיך אַ ווייס, בלייך פּנים, אַט שווימען נאָך אַרויס אַ באָרד און פּאות ווי שניי, אַ ספּאָדיקל... ענדלעך אַ גאַנצער קאָפּ...

— ווער זייט איר, רב איד?

הערט ער נישט.

— ווער זייט איר, אַלטער?

באַוועגט זיך דער שאָטן און ענטפערט:

— איך? איך בין דער „שבט מוסר"!

געפעלט מיר דער וויץ. גיי איך איין אויף דעם לבנה־שפּאַס און זאָג:

— שלום־עליכם אייך, „שבט מוסר"!

ענטפערט ער מיר: „עליכם שלום", ווי דער שטייגער איז, און רירט זיך און גייט נעענטער צו דער טיר — —

אַ קליינינקער איז ער, דער „שבט מוסר", אָבער אַ גלייכער, איינפאַכע מאַניערן, אין די אויגן תמימות... נאָר קוקן קוקן זיי גלייך און זיכער, גלייך עס וואָלטן אויף דער וועלט קיין ספקות נישט געווען; גלייך אַלץ, וואָס מען זעט, איז אַזוי איינפאַך און זיכער... און זיין קול איז איינפאַך קלאָר, אָן אַ פאַרב, אָן אַ ציטער. וואָרט פאַר וואָרט שיט זיך אים פון מויל, ווי זאַמד, יעדעס וואָרט האָט זיין ממשות...

— דאָס האָט איר דאָך דאָס גיהנום באַשריבן?

— איך!

— און איר האָט'ס ריכטיג באשריבן? נישט צוגעלייגט נישט אראָפּגענומען? איר מוזט דאָך איצט ווידן, מיט איינענע אויגן געזען!

ער באַליידיגט זיך נישט, און ענטפערט אויסמיידנדיג;

— איך האָב אים אויך ביים לעבן געזען.

— ביים לעבן?

— געוויס... אין חלום...

— און עס איז ווירקלעך אזוי ווי איר האָט עס אויסגעמאָלט, ווי איר האָט עס אין חלום געזען?

— עס איז גרעסער געוואָרן... מען האָט צוגעגעבן אַן אכטע אָפּטיילונג...

— נאָך וואָס? פאַר וועמען?

— ווילסט וויסן?

— די אכטע אָפּטיילונג, — דערציילט דער „שבט מוסר" — איז פאַר דיר און פאַר דיין גליכן צוגעקומען; פאַר אַלע נייע זינדיגע, פאַר די „מאָדערנע", ווי איר רופט אייך...

— וואָס איז דער אונטערשייד?

— הער: אמאָל איז צווישן גוף און דער נשמה א שטענדיגע מלחמה געווען. די נשמה, א טייל פון זיין ליבן נאָמען, האָט זיך אַלץ צום הימל געריסן, ארויף, ארויף צו דער הויך האָט זי אַלץ געוואָלט; און דער גוף, דער שמוציגער גוף, די „טפה סרוחה", האָט אַלץ געצויגן אראָפּ, אראָפּ, זינקען האָט זיך אים געוואָלט, זינקען אין שמוץ און אין מיאוס'קייט... האָט מנצח געווען די נשמה מה טוב! האָט אָבער גובר געווען דער גוף? נו, האָט דער גוף זיין פסק געקראָגן. ער האָט דאָך געזינדיגט!

מיט וואָס קען מען שטראָפן א גוף? מיט הייסע ברענענדיגער סמאָלע, מיט פייער, מיט שלאַנגען, מיט עגדישן און מיט

אַלערליי קאַטאַרזשנע אַרבעט אין מדבר, אין וואַלד, אין חורבות פון הייזער, וכדומה.

דערצו האָט מען די אַלטע „שבעה מדורי גיהנום” באַשאַפן, זיבן אָפּטיילונגען, און יעדער פּלעגט אין זיין אָפּטיילונג איבער־קומען זיין פּסק אין זיין צייט.

היינט אָבער זיינען אַנדערע צייטן געוואָרן און — אַנדערע זינד...

די נשמות מאַכן אַ בונט... די נשמות רעוואָלטירן! די נשמות האַלטן מלחמה מיט אַלע זיבן הימלען, מיט גאָט און זיין נאַטור... אַלץ דאַרף בעסער זיין, אַלץ ווילן זיי איבערמאַכן און מיט'ן קאָפּ אַראָפּ איבערקערן!

נישט קערפּער זינדיגן איצט, נאָר די נשמות! אומגעדולדיג, שטויסט אים צום קץ, פאַר דער צייט אַראָפּברייינגען משיח'ן, די אויגן קריכן אייך אַרויס! און איר ווירטשאַפט, גלייך עס וואָלט אייער וועלט געווען, און איר קאָמאַנדעוועט, גלייך די מענטש־הייט וואָלט אייער פאַרקויפט מיליטער געווען... פאַר אייך איז אין די שבעה מדורי גיהנום קיין פּלאַץ נ י ש ט געווען.

— און אין דער אַכטער אָפּטיילונג איז קיין ברענענדיגע סמאָלע נישטאָ?

— ניין.

— און קיין פייער און קיין וואַסער?

— נישט...

— און שמייסן שמייסט מען אויך נישט?

— קיין זכר פון ריטער!

— און עסן און טרינקען און שלאָפן קען מען דאָרט?

— אפילו ל ע ז ן און ש ר י י ב ן און אַרויסגעבן...

— מיט וואָס דען שטראָפט מען?

— זע, פון מערב זייט ציט זיך אַ שווערער וואָלקן, צו דער לבנה שווימט ער, דעקט ער זי צו, פאַרשווינד איך; נאָר אין איר

ליכט קענסטו מיך זען... פויל רוקט זיך דאָך דער וואָלקן, וואָס איך וועל קענען, וועל איך דיר איבערגעבן, איילן דאָך מוז איך מיך... הער!...

מען נעמט, צום ביישפיל, אַ מענטש, וואָס האָט, ווי דו, קיין צייט נישט געהאַט, און מען שטעלט אים אַ נאַקעטן פאַר אַ באַרג מיט שניי. שטייט ער. ער שטייט און באַלד פאַלט אים איין, מען דאַרף דעם שניי צעלאָזן און דערפון וואַסער מאַכן, ווערט דערפון אַ שטימונג, אַזוי רופט איר דאָך עס? און פון דער שטימונג אַ פאַרלאַנגען, פון פאַרלאַנגען אַ ליידנשאַפט: ער מוז! און ער לויפט צו צום שניי באַרג, און וואַרעמט אים מיט'ן לייב, ער נעמט אים אַרום, באַהעפט זיך אין אים, עטעמט אַריין מיט היץ, שפאַרט זיך אין אים אַריין מיט לייב און לעבן.

— דער שניי מוז צעגיין... וואַסער מוז זיין, וואַסער פליסט, וואַסער איז באַוועגונג, וואַסער איז גליק.

—און שדים טרייבן אונטער?

— נאָך וואָס? די תאוה טרייבט בעסער! און ער שנייט זיך אַריין אינ'ם שניי אַלץ טיפער און טיפער, און פון וואַנען ער רוקט זיך אָפּ, ווערט צוריק געפרוירן און ער אַרבעט אַרומגערינגלט מיט שניי, און שניי באַרג אין דער פינצטער, וואָס צעפלאָסן ווערט געפרוירן...

— און?

— און ער מאַכט פון שניי — אייז!

— שרעקלעך!

און אַן אַנדערן נעמט מען און מען שטעלט איינעם אַליין אין אַ פעלד, אויף אַ האַרט ליימיג פעלד.

איבער'ן קאָפּ — אַ וואונדערבאַרער שיינער הימל, אַן אַ ליכט וואָלקדל, ריין, אָבער פאַר דאָס, אויך ריין פון זון, לבנה

און שטערן... וואָרן — איז דען אַ הימל פאַראַן? עפּעס אַ בלוי ליילעך, אַ פּרוכת... וואָס נישט? טראַמפּלט ער אַרום אין ליים, איינער אַליין, ווי אין אַ מדבר... ער איז דאָך דער איינציגער וואָס לעבט, פּילט, טראַכט און דענקט!

פאַלט אָבער אויף אים אַן אומעט, ער וויל לעבן אַרום זיך... געפינט ער עס נישט, וועט ער עס מאַכן! ביים לעבן האָט ער פאַר טויזנטער געליטן, פאַר צענדליגער טויזנטער געווירקט, פאַר צענער טויזנטער געדענקט! זיין נשמה איז דאָך די נשמה פון מיליאָנען געווען! איז ער קיין באַשעפער נישט? קען ער נישט דאָס זעלבע וואָס גאָט! און שטויב נעמט ער פון דער ערד און ליים, און בלאָטע, און קנעט, און קנעט, און מאַכט — נאָר וואָס וויל ער דאָס מאַכן? פויגעלעך מאַכט ער, פויגעלעך מיט פליגל! דער מענטש, וואָס האָט קיין פליגל נישט, איז גאָרנישט... דער־נאָך וועט ער אָדלער מאַכן, דערווייל פויגל!

קנעט ער פויגלען, צוערשט קליינע — אָבער מיט פליגלען מאַכט ער זיי, קנעט אויס און בלאָזט אַריין זיין אייגענע נשמה; ווערן זיי לעבעדיג, די פויגעלעך, און ער פרייט זיך, און טאַנצט אונטער, און רופט צו זיי: „פליט, פליט, פויגעלעך מיינע, אַרויף אין דער הויך!”

נאָר די פויגעלעך פליען נישט, אויף דער ערד היפּן זיי אַרום אין ליים, און זוכן אַ ווערעמיל די הערצלעך אונטערצושפּאַרן... אָבער קיין ווערים זיינען נישטאָ, צאַפּלען זיי און גייען אויס פאַר הונגער...

און טרעפט, אַז צוויי פאַר פליגל הויבן זיך און פליען, איז עס אַן „ער” און אַ „זי” און זיי שפּילן זיך...

ער שרייט: „צום הימל! צום הימל!”

און זיי שפּילן...

כאַפּט ער שטיקער ליים און וואַרפט אויף זיי און טויט זיי, און קנעט און מאַכט אַנדערע פויגל...

און דאָס פעלד ווערט פול מיט פגרים, מיט טויטע פויגלען...

ארום און ארום אים פגרים, נאָר פגרים — —
— אומגליקלעכע!

מען נעמט אויך אַ זינדיגן מענטשן און מען וואַרפט אים אריין אין אַ גרוב פון הינט.

— פרעסן זיי אים אויף לעבעדיגערהייט?

— חס ושלום! הונגעריג זיינען זיי, די כלבים, נאָר אים עסן זיי נישט — ער איז דאָך זייער פריינט, ער רעדט דאָך צו זיי, צו די הונגעריגע הינט! אַ פּראָפעט פאַר הינט איז ער!

צוערשט רעדט ער צו זיי הינטיש אויף זייער שפּראַך, און אז זיי הויבן אים אָן צו פארשטיין — וואַרפט ער אריין עטלעכע מענטשלעכע ווערטער! וואָס אמאָל מער, וואָס אמאָל מער...

און אַזוי שטייט ער און רעדט, און נעמט פון זיי קיין אויג נישט אראָפּ, און מיט אויגן צויבערט ער זיי, האַלט די הינטישע נשמות איין!

אַלץ איז אַנטוויקלונג! די מינים פאַרענדערן זיך — פון הינט ווערן מענטשן זיין!

און אָט שטעלט זיך שוין אַ כלב אויף צוויי פיס, און מיט די אַנדערע צוויי פיס טאַפּט ער ארום זיך. אַ צווייטער בילט נאָך, אָבער אינ׳ם הינטישן בילן הערן זיך שוין גאַנצע טענער, העברעע, מענטשלעכע...

און ער רעדט אַלץ; און מיט זיינע רייד און מיט זיינע אויגן גיסט ער אויס אַ וואונדערבאַרן צויבער אויף די כלבים. אָט שטייען זיי שוין אַלע גלייך ווי מענטשן... אָט הויבט שוין איינער פון זיי אויף אַ פּוס, ווי אַ האַנט, און ווייזט צום הימל!

און אין די אויגן פון יענעם הונט האָט עפּעס אַ בלישטש געטאָן, — אַ שאָטן פון ווילן, פון זעלבסט־באַוואוסטזיין האָט זיך אין זיי באַוויזן!

נאָך אַ ווײַלע און די אויגן פון אַלע הינט וועלן אויפשיינען, אויפפלאַמען וועט אין זיי דער ווילן, אין דעם הונגער זייערן האָבן זיי דאָך פארגעסן; זיי האָבן דאָך פארגעסן, אז זיי זיינען

הונגעריגע הינט; נאָך אַ ווײַלע און עס וועט זיך אין זיי דער־וועקן דער גרויסער, דער וואונדערבאַרער געדאַנק —

— און דאַן?

— עס וועט נישט געשען! אַ מלאך חבלה וואַרפט פּלוצלונג אַ ביין אין גרוב, די הונגעריגע הינט לאָזן זיך אַראָפּ אויף אַלע פיר, בילן, רײַסן זיך איבער'ן ביין... און ערשט אַז דער ביין פאַרשווינדט, הויבט אָן דער נביא אויפ'ס נײַ... און אַזוי שטענדיג...

— גרויזאַם!

— גרויזאַם!

אין איינעם האָב איך געבן אַ הויכן באַרג געזען. אויפ'ן שפּיץ באַרג שײַנט אַ וואונדערבאַר ליכט, ער שטייט אונטן פאַרבענקט, עס ציט אים אַרויף, אַרויף צום ליכט, צום צויבער־שײַן, דאָרט איז זײַן גליק... דאָרט אין דער הויך וואו די לופט איז ריין, וואו דאָס שטראַלט און איידל־ווײַס בליט...

— שטייגט ער?

— זי לאָזט נישט... כאַפּט ער אַ שריט צום שטייגן, עפנט זי אירע אויגן אויף און קוקט אויף אים. אויך אין אירע אויגן

פּריי—44

איז אַ צויבער־שײַן דאָ, אויך אין אירע אויגן איז אַ הימל דאָ, און זונען און שטערן און אַלערליי זיסע שטראַלן — —

— גייט ער צוריק!

— און דאַן פאַרמאַכט די אויגן... און אויף און אָפּ גייט ער, צווישן ליכט און ליכט, שפּיגל אין שטראַל...

— פאַרוואָס נעמט ער זי נישט מיט?

— זי איז נישט זי...

— דער וואָלקן איז נאָענט, נאָך פון צדיער און שווינען־פּעט וועל איך דיר דערציילן...

— און דאָס וואָס איז?

— אַ קליינינקייט! מאַנכע פון אייערע נביאים, אייערע

פּראָבּעטן ווערן אין אָדלער מגולגל, אין גרויסע אָדלער מיט ברייטע פליגלען, נאָר אין שווייגען־הויט געקליידט...

און די נביאים הויבן זיך אין דער לופטן; הויך, גאַנץ הויך פליען זיי, דעם הימל ווילן זיי איינגעמען, דעם כסא הכבוד פאַר־נעמען! אין דער הויך אָבער, אין דער טריקעניש שפּאַלט זיך די שוויינען־הויט. און אַז מאַכן זיך זיי וואונדן און ס'הויבט אָן שטאַרק ווי צו טאָן, פאַלן די אָדלער אַראָפּ אין נאַסע זומפּן אַריין, וואו זיי ווייקן די הויט זייערע, וואו זיי היילן די שוויינען־הויט פון וואונדן...

און אַזוי גייט עס אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ —

נאָר מיט אַמאָל איז די לבנה פאַרשוואונדן און דער „שבט מוסר" מיט איר.

אַז איך בין אויפגעשטאַנען און אַ ליכט אָנגעצונדן, האָב איך אויפ'ן טיש אַ פּאָסט־קאַרטל געפונען:

— איר זייט געבעטן צו קומען מאָרגן אויף אַ פאַרזאַמלונג — איך האָב עס פאַרברענט.

עולם הבא

אָ — ניין! — מיר ווערט איר נישט איינרײדן! די וועלט איז נאָך קיין וועלט נישט!

וואָס מיינט איר? עס צינדט זיך אָן אַ ליכט, עס ברענט העלער אָדער טונקעלער — לויט דעם חלב, לייגער אָדער קירצער — לויט דער לייִנג און דער דיק — עס ברענט, צאַנקט און ווערט פאַרלאָשן מיט אַ קלענערן אָדער אַ גרעסערן ריח — און שוין! דאָס איז עס אין גאַנצן?

איך — וואָלט אַזאַ לעבן נישט באַשאַפן!

פרעגט אַ גימנאַזיסט פון פינפטן קלאַס, וואָס עס ווערט פון אַן אויסגעברענט ליכט! ער וועט אייך זאָגן, אַז עס איז נישט צו נישט געוואָרן! ער וועט אייך אויפווייזן מיט אותות ומופתים, אַז די נאַטור איז אַ ווירטשאַפט, וואו עס ווערט גאָר נישט פאַרלוירן, קיין שטויב, קיין האָר... „פון אויסגעברענטן ליכט ווערן גאַזן; מען זעט זיי נישט, נאָר דאָ זיינען זיי; זיי שוועבן אַרום אין דער לופט".

אַ חלב'ן ליכטל פאַר אַ גראָשן ווערט אין דער נאַטור נישט פאַרלוירן, נאָר איך, איך מיט מיין שכל, מיין ווילן, מיין יושר, מיין צער, מיינע טרערן — איך וועל פאַרלוירן, פון מיר בלייבט גאָרנישט!

און זיי זאָגן, אַז איך בין משוגע!

הייסט דאָס א וועלט?

יושע זייגער־מאַכער איז קיין גרויסער מייסטער נישט, און דאָך וועט פון זיין שטוב נישט אַרויסגיין א זייגערל וואָס זאָל יעדע רגע וועלן צעזעצט, צעקלאַפּט און צעשפּרונגען ווערן; וואָס זאָל האָבן אין זיך אַן אייביגע, באַשטענדיגע מלחמה: איין רעדל זאָל רייבן, שלייפן און דריקן דאָס צווייטע, איין צײנדל זאָל צופּן, רייסן און בייסן דאָס אַנדערע, און די האָר, אָדער ווי ער זאָגט — די פעדער, זאָל אַלץ אַרומנעמען און שטיקן און ווערגן, עס זאָל קיינער קיין אָטעם נישט קענען כאַפּן!

צי האָט איר געזען אַמאָל א דרעש־מאַשין, וואָס דרעשט זיך אַליין? צי פּיס, וואָס רייסן פון זיך אַליין אָפּ די הויט?

ניין! דאָס איז קיין וועלט נישט! אַן ערב־רב איז עס, א דול־הויז איז עס! נעקוילעטע הענער לויפן אַרום און כאַפּן קערנדלעך, דאָס בלוט רינט און זיי ווערגן זיך! א דול־הויז איז עס, א מבול דאַרף עס, — קאַלט, קאַלט וואַסער!

און ווער וואָלט פאַר אַזאַ פינצטערער וועלט אַזוי פיל ליכטיגע, גאָלדענע שטערן באַשאַפן?

גלייך זי ווייסט דען, די פינצטערע ערד, וויפיל שטערן זי האָט?

„מען קען נישט איבערציילן!“ זאָגט זי...

וואָלט עס נאָר מטבעות געווען, זילבערנע, גאָלדענע מטבעות, וואָלטן שוין אַלע, אַלע געציילט, נישט ווי היינט, נאָר א מנין געלערטע בטלנים, אַלע וואָלטן געציילט און מען וואָלט שוין איבערגעציילט!

ניין, דאָ איז נאָך דאָס רעכטע לעבן נישט! דאָ לעבט מען דערווייל, אין ערב־רב, אָן אָרדנונג, אויסגעמישט: לייבן, טכוירן,

בערן, ווערים און פויגל, און אַל־די שוואַרצע יאָר צוזאַמען... עס טרעפט זיך אַ מענטש אויך...

נאָר — אַז מען דערזעט אים, פּאַקט מען אים אין דול־הויז אַריין...

עס איז גענוג אַן אויג צו וואַרפן אויף די ליכטיגע, קלאָרע, זאַנפטע, מילדע, ריינע שטערנדלעך, מען זאָל איינזען, אַז דאָרט איז ערשט דאָס רעכטע לעבן... נאָר דאָס אמת'ע לעבן, שטראַלט אַזוי רואיג, אַזוי זיכער!

און דאָרט לעבן די מינים באַזונדער, יעדער שטערן האָט זיין מין און דעריבער שטראַלן זיי מיט שלום, מיט עולם־הבא!

דאָרט הערט מען נישט אַלץ־אין־איינעם: „מיין טויט אָדער דיין טויט!"

אויב אַ שטערן ציטערט אין הימל, איז עס פאַר רחמנות אויף אונזער פינצטערער ערד! אַז איינער פון זיי טרעפט זי פּלוצלונג אויפ'ן וועג, דערשרעקט ער זיך און פאַלט... די זון קען נישט צוקוקן, ווי עס לעבט זיך ביי אונז, פאַרשטעלט זי זיך טיילמאָל דאָס פּנים און עס ווערט לקוי חמה... די לבנה איז נעענטער, זי זעט בעסער! רייסט זי פון זיך פּאַסן, און מען מוז יעדן חודש מאַכן אַ נייע לבנה!

„טויזנט אויגן האָט דער מלאך המות!"

עס איז קיין וואונדער נישט, ער דאַרף די מינים סאָרטירן און יעדן שיקן אויף זיין שטערן אַרויף; און דאָ איז אַ מאַס־קאַראַד, אַ פּורים־שפּיל, סאַמע פאַרשטעלטע, עס איז קיינער נישט אין זיין אייגענער הויט!

אָם ערגסטן איז מיט די כל־בו'ניקעס!...

כל בו

„אַמאָל — האָט מיר מיין באָבע, די אַרענדאַרקע, דער־ציילט — האָט זיך באַוויזן אַ „כל־בו׳ניק״. דאָס איז געווען ביים פּריץ אויפ׳ן הויף, וואו זי האָט די פּאַכט געהאַלטן, דערי־בער וויים זי די מעשה.—

פון וואַנען ער האָט זיך גענומען? ווייסט מען נישט.

איינער האָט געזאָגט, אַז זיין מוטער איז אַ בעקערין גע־ווען און האָט אים אויסגעקראַצט פון אַלע מולטער — אַ וויסקראַ־בעק, רחמנא לצלן!

אַנדערע דערציילן אַנדערש: אויפ׳ן הויף אונטער דער שאַפּע איז אַ קעסטל געשטאַנען, וואו אַלע פון הויף האָבן וואַסער געגאָסן — הינט אויך! דערפון איז אַרויס אַ שוואָם... נישט קיין הונט־שוואָם, נאָר אַ שוואָם „מכל המינים שהוא״...

דערנאָך האָט זיך עפּעס אַ ווינטל געמאַכט, די שוואָם האָט זיך אָפּגעריסן, אַוועקגעקאַלערט און האָט זיך שפּעטער אויפגע־הויבן, אַלס אַ לעבעדיגער כל־בו׳ניק...

סיי ווי סיי קומט ער אַרויס פון פּריץ׳ס הויף!

און אַ וואונדערלעך חיה׳לע איז דער כל־בו׳ניק געווען!

אַז ביינער, פון סאַמע ווייך פלייש, און דאָס קעפּל האָט זיך לויז געדרייט אויפ׳ן האַלז, ווי אויף אַ גוט געשמירט שרייפל! ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און מיט׳ן קעפּל געדרייט קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום — וואו איר ווילט נאָר אַליין! און וויל ער האָט יעדן צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ, האָט ער

מיט אַלע בשלום געלעבט, און פון קיינעם — און מיט קיינעם גלייך — נישט געליטן!

עס שלאָגן זיך צוויי הענער; איינער שרייט: קוקעריקו, דער צווייטער וויל דוקא: קיקעריקי! דער כל־בו מישט זיך נישט אריין. נאָר, אַז דער הויף איז שוין באַדעקט מיט פעדערן, און די הענער צעפאַלן זיך אָן כח, גייט ער צו און זאָגט: איר האָט ביידע רעכט: דער „באור" זאָגט: „קיקעריקי!" און די שבעים־זקנים: „קוקעריקו!", און ביידע הענער בלייבן זיך שונאים און א י ם גוטע פריינט!

עס איז קיין שטילער הויף נישט געווען... דער הונט האָט געביסן דעם חזירביים אויער, די קאַץ האָט געשפּיגן אויפ'ן הונט, און אַן אָדלער מיט אַן אונטערגעשאָסענעם פליגל איז ארומגע־גאַנגען און אַלע געוואָרפן אין זיבעטן שווייס אריין; נאָר דער כל־בו'ניק האָט זיך מיט א ל ע גע'חבר'ט: ער האָט זיך גע־האַלטן אַמאָל ביים רעכטן, אַמאָל ביים לינקן אויער און דער חזיר האָט געמיינט, אַז ער איז אויך אַ געביסענער! דעם הונט האָט ער איינגערוימט: „ברררר... סאַמע גנבים, אַן ערלעכער מאַן ביזטו!" דערנאָך איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן צוים און געוואַשן זיך מיט דער קאַץ צוזאַמען פאַר'ן רעגן...

פּלוצלונג גאָר האָט ער דעם אָדלער דערזען! ער ציט אויף זיך אַ בענקשאַפט, אין אויג ווייזט זיך אַ טרער: נישט גוט, ברודער, דעם אונטערגעשאָסענעם! ער זיפצט און דער אָדלער מיינט, אַז ער בענקט אויך נאָך די הויכע וואָלקן, און גייט אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ נאָר מיט אַ ווייך האַרץ... „אויך אַן אומגליקלעכער!"...

און אַז קיינער זעט נישט, שפּרינגט ער גאָר אַריין אין שטאַל צום קליינעם אייזעלע און רוימט אים איין: ווייסט, קאַנט הויבט מיר אויך נישט אָן צו געפעלן!

און אויף ד ע ר וועלט פו!... פו!...! — אויפ'ן פּריץ'ס

הויף, מיין איך — איז אים נאָר נישט שלעכט געווען... ער האָט מיט אַלע גוט געלעבט, מיט אַלע זיך גע׳חבר׳ט, ביי יעדן עפּעס געכאַפּט...

יעדער האָט אים געדענקט אַ זכות פון אַ שאָקל אויף זיין זייט! און כאָטש קיינער האָט אים נישט ליב געהאַט, האָבן אים אַלע פאַרבעטן: ווער אויף פּרישטיק, ווער אויף מיטאָג — און ער האָט אַלע מאכלים געגעסן... און יעדערער האָט זיך אים גענריסט און דערביי זיך אין האַרץ געוואונדערט: פאַרוואָס האָב איך אים נישט געגרן?

נאָר אייביג לעבט נישט קיינער, אפילו נישט קיין כל־בו! עס איז געקומען זיין צייט, און דער רוח האָט אים פאַרטראָגן אין אַ מדבר אריין, אויפ׳ן זאַמל־פּלאַץ, וואו די נשמות פון אַלע חיות, בהמות ועופות נעמען זיך צוזאַמען, און דער מלאך המות סאָרטירט זיי, באַנדראָלירט און פאַרשיקט אויף יענער וועלט.

ווען דער כל־בו איז אָנגעקומען, איז שוין די סטעפּ באַדעקט געווען מיט אָפּגעטיילטע מחנות, וואָס האָבן איינס אויפ׳ן אַנדערע געקוקט צום לעצטן מאָל, און שאַרף באַטראַכט: זיי ווילן געדענקען אויף יענער וועלט, וואָס פאַר אַ מינים דאָ זיינען געווען. די עופות זיינען אומגעדולדיג געשטאַנען אויף איינציגע פיס; פון די אינדיקעס שניידט זיך אָפּ אַ בלוט־רויטע שאַרפע אויף אַ מייל; ווי דינע זילבערנע נעבל הוידען און וויגן זיך די טויבן אין דער לופט! שטאָלץ און ערנסט האַלטן זיך די אָדלער אין אַ זייט; אַ גאַנצע באַנדע אייזלען האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָגן מיט די קעפּ און קלערן, וואָס פאַר דערנער עס קענען וואַקסן אויף יענער וועלט.

און דער מלאך־המות האָט שוין גענומען דאָס פייפערל צום מויל, אַ צייכן צו געבן צום אוועקפליען... ער האָט שוין אויפגעהויבן די הענט, יעדן צו ווייזן זיין וועג! נאָר ער האָט

די האַנט אַראָפּגעלאָזט, דאָס פייפערל פאַרגעסן — ער האָט דעם כל־בו באַמערקט.

— ווער ביזטו? — פרעגט דער מלאך־המות, וואָס האָט נאָך אַזאַ בריאה נישט געזען.

כל־בו שווייגט; ער ווייס אַליין נישט, ווער ער איז!

טויזנט אויגן האָט דער מלאך־המות, און מיט יעדן אויג זעט ער אינ'ם כל־בו אַן אַנדער באַשעפעניש.

— צי וועט זיך קיינער נישט דערקענען צום נייעם גאַסט? — ווענדט ער זיך צו די אַלע מינים, וואָס זיינען שוין אויסגעשטעלט גרייט צום פליען.

נאָר קיינער ענטפערט נישט, יעדער מין זעט אינ'ם כל־בו אַ קליין פּיצל זיינס, נאָר אַזוי פיל פרעמדס!

עס דויערט אַ ווײַלע און דער מלאך־המות נעמט זיך צוריק צום פייפערל... ער וויל אַ צייכן געבן: זאָלן זיך די מינים פליען יעדער אין זיין וועג, זאָל דער כל־בו בלייבן אין סטעפּ!

דעמאָלט אָבער האָט דער כל־בו אַרויסגעלאָזט אַ שרעקלעך געוויין, אין וועלכן עס האָבן זיך געהערט אַלע יללות פון אַלע מינים חיות און עופות! ער איז צוגעפאַלן צום מלאך־המות'ס קני און האָט אים די פיס געקושט.

— וואו לאָזטו מיך איבער, דו באַרמהערציגער מלאך!

דער מלאך־המות ווערט גערירט פון זיינע טרערן, נאָר וואָס צו טאָן ווייס ער נישט!

— אויף יעדן שטערן — זאָגט ער דעם כל־בו — שטייט אַ מלאך ביים טויער און קוקט נאָכאַמאָל דורך דעם גאַנצן טראַנס־פּאָרט... מען וועט דיך אין ערגעץ נישט אַריינלאָזן; און קיין עקסטראַ וועלט פאַר כל־בו'ניקעס האָט נאָך גאָט נישט באַשאַפן...

— באַרמהערציגער מלאך! דאָ בלייבן וויל איך נישט, קען איך נישט, איך געהער דאָך שטיקלעך־ווייז צו אַלע מינים, זאָל יעדער מין זיך צונעמען זיין חלק!

— ערלעך! — זאָגט דער מלאך — דיין פּסק זאָל מקוים ווערן!

און, אַז יעדער מין האָט זיך אויסגעצופּט זיין חלק, איז ביי

יעדן מין אַ דין האָרל געבליבן, און ביים ערשטן ווינט האָבן זיך די האָר אָפּגעריסן און געבליבן דערנאָך הענגען אין דער לופט...

מיט דער צייט האָבן זיך אויף דער וועלט די כל־בו'ניקעס געמערט, נאָר אַלע האָבן אַזאַ סוף.

און ענדע זומער, אויב דו זעסט שפּינוועבס הענגען אין דער לופט, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס זיינען כל־בו האָר!

אַזוי האָט מיר מיין באָבע דערציילט...

א חלום

איר ווילט וויסן! פון וואַנען איך קום אַהער?

איך וועל אייך דערציילן; איך האָב קיין סודות נישט.

אַמאָל בין איך גאָר אַ געזונטער געווען; אייגנטלעך פאַר־קערט, איך האָב געליטן; נאָר אויפ'ן מאָגן, אויף די פיס, אויף נאָך אַנדערע קרענק אין לייב, אַ נשמה אָבער האָב איך געהאַט אַ געזונטע — זי האָט אפילו פרי־מגדים פאַרדייט; אַ מוח — אַן אייזערנעם; אַ קליינינגקייט! דער פאַרציוווער רב'ס איניקל!

פאַר מיין קעפּל האָט מען מיר אַן אשה צנועה געגעבן — איר קענט זי אפשר? ביילע די שטריקן־מאַכערין, אַ וואוילע אידינע! נדן אויך, ווי דען! איך האָב ווייטער געלערנט, נאָר געהאַנדלט אויך! יש מקום בראש... מיט איין זייט האָב איך געזופּט ש"ס ופּוסקים, מיט דער צווייטער „קאָנדיציעס" געמאַכט: מכלומר'שט ווייץ געקויפט און אָפּגענומען געלט מיט פּראָצענט...

הכלל — איך בין געווען אַ למדן, אַ סוחר און האָב טאַקע מיט די קינדער גוטע שידוכים געטאָן... אויף אייך אַזאַ יאָר!

עס גייט זיי אפילו נישט גוט די קינדער! נאָר איינגעטונקט אין יחוס האָבן איך זיי!

דעמאָלט האָב איך נעדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, דער מחותן האָט דוקא געוואָלט באַארעס געלט און איך בין געפאָרן מאָנען ביים פריץ...

מאכט זיך אן עסק, האט דער פריץ צו טאן מיט סערוויטוטן, די פויערים האבן אים געוואלט שלאגן, רייצט ער אויף מיר אן א הונט—אויך א יושר!

נאר דערוויל מוז מען אנטלויפן.

איך לויף, לויף, לויף... און קום אין גארטן אריין... זאל זיין אין גארטן, אבי איך הער שוין נישט דעם כלב׳ס בילן, עס פעלט מיר א פיענטע פון זאק, א שטיק פאלע, מיין דאגה, ביילע וועט צונייען...

נאר הונגעריג בין איך געווען, דאס הארץ האט אין מיר גע׳חלש׳ט.

און דא, זע איך, א גארטן, א גן־עדן! טרויבן ווי אין ארץ ישראל. עפל — גאלדענע, בארנעס — געשפרענקלטע, גרויסע. דער זאפט, דאכט זיך, טריפט פון זיי אראפ. איך שטרעק אוים א האנט — רבונו של עולם! — די טרויב אנטלויפט, דער עפל דוקט זיך אפ, די בארנע בויגט זיך אוועק אין א זייט...

און, הערט א מעשה, אלע רעדן.

— נישט דו, — זאגן זיי מיט א כעס, — נישט דו האסט אונז געפלאנצט...

איך ווער בייז. מיר קומט פראצענט, א הונט האט מיך געביסן, פאר שרעק ציטערן מיר נאך די קני און פאר זיי איז נאך וויינינ! איך מוז דאך עסן!

איך טאנץ און טאנץ ארום בוים; איך ווארף מיט די הענט, איך צאפל, א פיבער ווארפט מיך פאר צארן, דער זיבעטער שוויים באדעקט מיך — און קיין איינציגע פרוכט לאזט זיך נישט כאפן. זיי האבן נאך גאר אנגעהויבן צו זינגען ווי א חזן מיט משוררים:

נישט דו האסט אונז געזעצט,

נישט דו האסט אונז געפלאנצט...

נאך אמאל דאס אייגענע:

נישט דו האסט אונז געזעצט,

נישט דו האָסט אונז געפּלאָנצט!

הערסט א מעשה! און נישט איבערצושפּארן! דאָס גאַנצע בלוט האָט אין מיר אויפגעקאָכט, און איך האָב מיך אַזוי לאַנג געוואָרפן און געוואָרפן, ביז איך בין אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד מיט שוים אין מויל.

איך ליג און דרעזע, נישט ווייט פון מיר א געלן קאַפּעליוש, פּונקט אַזוינס ווי דער פּריץ טראָגט, נאָר א קלענערן, ווי פאר א נפל'ע וועגן! איך כאַפּ א ציטער! וואָס איז דאָס? אין מיטן דערמאָן איך מיר, אַז מיין ווייב האָט אַמאָל אַזוינע קאַפּעליושן אַהיים געברענגט און דערפון א וועטשערע געקאָכט, מיט קליס־קעלעך... אהאַ! דערמאָן איך מיך, אַ שוואָם איז עס, ווי איך בין א איד — א שוואָם, זאָל זיין רויערהייט!

אפשר א הונט־שוואָם, אפשר סם?

ניין, אַז גאָט וויל נישט, סמ'ט מען זיך נישט; איך שטרעק אוים די האַנט, נאָר די חוצפּה רוקט זיך אויך אָפּ מיט א גאוה, זי טאַנצט און היפּט אַוועק אויפ'ן דינעם שטעקעלע. „איך האָב דיך א סך געקאָסט?" פרעגט זי. מילא, איך וועל דאָך נישט גיין טענה'ן מיט א חצופה. „וואַקס אין דר'ערד אריין!" טראַכט איך...

וואָס טוט מען? הונגער, ממש הונגער!

זאָל זיין גראָז! פאַלט מיר איין. הלמאי אָדם הראשון האָט קיין פלייש נישט געגעסן! ער איז פרומער געוועזן פאר מיר און דאָך יוצא געוועזן מיט „ירק עשב"! און איך ליג אויף הערלעך, אויף אמת געשמאַק גראָז. נאָר א ביסל, טראַכט איך, מיט'ן מויל אָנצוכאַפּן, אבי צו זיך צו קומען און פון גאָרטן ארוים; וועט עס מיר שאַטן, וועט מיר מיין ביילע מאַכן א „ווינער טרענקל"... א דאגה דאָס איז — האַם! נאָר איך נעם אָן א פול מויל מיט קליינע שאַרפע שטיינדלעך: איך האָב מיר דאָס גאַנצע מויל צעבלוטיגט און דאָס גראָז — „ואיננו"! איך ליג אויף א גאָל שטיקל ערד, כלחוך השור!

אָ, שלעכט! איך זע בחוש, אַז דער פּריץ איז א מכשף און זיין גאָרטן איז א כשוף! א שווינדלער — א כשוף־מאַכער! ער

האָט אפשר גאָר קיין גאָרטן, קיין פעלד, קיין וואַלד נישט; עס איז אינגאַנצן נאָר א כשוף, אבי ביי אן ערלעכן אידן אן הלואה'לע צו מאכן... פּראָצענט שרייבט ער צו, וואָס שאדט עס?!

און מיט א הארץ וואָס קלאַפּט ווי ביי א גזלן, שפּרינג איך אויף, און לויף מיט די לעצטע כחות פון גאָרטן ארויס.

אָט, בין איך אויפ'ן פעלד...

אי — זאַנגען ווי גאָלד, זיי שאָקלען זיך ווי הערלעכע אידן ביי שמונה עשרה... זיי פארבעטן מיך: קום, איד, מאַך א ברכה; קום, פּאַרציווער רב'ס אייניקל און בויג צו די כשר'ע ליפּן...

איך לויף צו מיט אן אָפן מויל, נאָר דאָס פעלד לאָזט ארויס א געלעכטער! און לאַכנדיג זינגט עס, דאָס פויערשע פעלד זינגט:

וואו ביזטו געוועזן,

ווען דער פויער האָט געאַקערט?

וואו ביזטו געוועזן,

ווען דער פויער האָט געזייט?!

א רעכטע שיינע, ריינע כפּרה, ווי הייסט, וואו איך בין געוועזן? איך בין געזעסן און האָב געלערנט, תהלים געזאָגט, געדאַוונט! מעשיות פון זיידן, עליו השלום, פון פּאַרציווער רב, דערציילט... א דאגה, וואָס א איד טוט?

וואָס קומט אָבער ארויס, וואָס איך ווייס דעם אמת, אז די זאַנגען זינגען און רוקן זיך אָפּ. איך פּרואוו זיי שוין גאָר נישט יאָגן, איך ווייס שוין, וואָס כשוף באַדייט!

נאָר, ניין! נישקשה, פאר הונגער וועל איך דאָך נישט שטאַרבען! עטלעכע געוויקסן, זע איך, שטייען אין דער מיט און רירן זיך נישט פון אָרט; זיי ווייסן, אז איך בין דעם פּאַרציווער'ס רב'ס אייניקל, אז איך זיץ און לערן, און, אז דאָס הארץ איז מיר אוועק, איז א מצוה איך זאָל עפּעס טועם זיין. איך רוק מיך צו, זיי שטייען; נעענטער — זיי רירן זיך נישט פון אָרט! האם!

עס ברענט, פייער האָב איך אין מויל, פייער, פייער! פּאַקשיווע איז עס געווען!

איך בין אַנידערגעפאַלן...

זכות אָבות האָב איך געהאַט, אַז איך בין נישט געבליבן אויפ'ן אָרט...

און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אין בעט, ביילע מיינע האָט געוויינט און אויפ'ן קאָפּ האָט מיך געדריקט א זעקל אייז.

— וואו איז שרה? די כלה, וואו איז? פאַלט מיר פּלוצלונג איין צו פרעגן.

מיין ביילע צעוויינט זיך ערשט אויף א קול:

— זי איז אַוועק, — זאָגט זי, — עפּעס אין א פאַבריק אַריין. אַרבעטן וויל זי...

וואָס קלערט איר? ! גאָר נישט!

איך בין אנשלאָפן געוואָרן און האָב מיך אויפגעכאַפּט שוין

א רופא צי א חולה?

א שפיטאָל איז א וועלט פאַר זיך, אן אָפּגעשלאָסענע וועלט. עס האָט נישט אַזוי פיל נפשות ווי אן אַנדער מדינה, עס שפּאַלט זיך נישט אויף פעלקער מיט פאַרשיידענע רעליגיאָנען און פּאָלי־טישע סיסטעמען; עס האָט דאָך פּאַרטייען. יעדע פּאַרטיי האָט איר קרענק, איר אָפּטיילונג, אירע וועכטער, אירע פעלדשער און דאָקטוירים וואָס גיבן אַכטונג, מען זאָל זיך נישט מישן, ווייל די קרענק זיינען אַנשטעקנד, וויינינגסטנס, פיל פון זיי.

און עס זיינען פאַראַנען אַפּוטרופּסים, וואָס היטן די אָרדנונג; תקנות אויף יעדן שריט און טריט, מיט א גאַנצן קאָדעקס, פול מיט עצות טובות און אַלערליי שטראָפן פאַר נישט הערן, נישט פאָלגן!... וואָרים טאַקע — טאָמער ווערט א משוגענער שווינד־זיכטיג און א שווינדזיכטיגער משוגע?

מאַנכע זיינען נאָך נישט צופרידן פון דער אָרדנונג, באַזונדערע הייזער דאַרפן זיי, געמויערטע צוימען אַרום די הייזער, גריבער מיט אָנגעלאָזט וואַסער אַרום די צוימען... מען וואָלט עס גע־מאַכט, ווען עס זאָלן גענוגן דערויף די „נדרים ונדבות" וואָס מען נעמט ביי באַלעבאַטים. און דאָ ווערן זיי וואָס אמאָל וויינינגער די נדרים ונדבות, — שלעכטע צייטן.

און דעריבער טרעפט טאַקע, אַז א קראַנקער כאַפּט זיך אַריבער אין א פרעמדער פּאַלאַטע. דערפון קומען פאַר פאַרשיידענע מגפות, רחמנא לצלן.

ערשט נית לאַנג איז דאָס גאַנצע שפּיטאָל אוועקגעפאַלן אויף א הונגער מגפה; פון אַלע בעטן, פון אַלע נומערן האָט זיך גע־הערט א געשריי: ברויט, ברויט!

די גרעסטע אָרדנונג איז דאָך ביי די משוגעים. מאַנכע האַלט מען אויף קייטן, אַנדערע נאָר אין באַזונדערע אָפּגעשלאָסענע נומערן.

נאָר די „שטילע" האַלט מען צוזאַמען. מען האָט אויף זיי אַן אויג, א שאַרף אויג, נאָר, מכלומרשט, פריי זיינען זיי.

איך רעד פון די מענער, ביי די ווייבער בין איך נישט געוועזן.

און ווי קאָמיש די מענער זיינען... אַז מען זאָל אונז—זאָגן זיי—לאָזן לעבן צוזאַמען מיט די פרויען, וואָלטן מיר זיך במשך פון א צוויי־דריי דורות אַזוי געמערט, אַז מיר וואָלטן מער געוועזן פאַר די מיושב'ע און מיר וואָלטן זיי איינגעזעצט אין שפּיטעלער. זיי מיינען עס גאַנץ ערנסט.

אַז מען לאָזט זיי אַמאָל אַרויס שפּאַצירן אין גאָרטן (א קליי־נע אַלייע פון צוויי שורות בוימער) גייען זיי א פּאָר מאָל אויף און אָפּ. דערנאָך זעצן זיי זיך אויס אין א שורה ביי דער וואַנט, וואָס טיילט זיי אָפּ פון די ווייבער, און קלאַפּן מיט די שפּיץ־פינ־גער אין וואַנט אַריין.

„ליב פילאָזאָף", וואָס זאָגט, אַז צווישן מענער און פרויען איז דער אונטערשייד נאָר אינ'ם נאָמען, רעדט דאָך אָן דעם עולם, מען זאָל קלאַפּן מיט די גאַנצע הענט און איינוואַרפן דעם מויער.

יוחנן מלמד אָבער ראָט, מען זאָל נישט נאָכגעבן דעם יצר הרע, מען זאָל וואַרטן ביז ראש השנה.

— און ראש השנה וואָס וועט זיין?

ראָש השנה וועט דער משוגענער עולם דאַווגען, יוחנן מלמד—שופר בלאָזן און עס קען זיך נאָך אַמאָל טרעפן דער נס פון יריחו... „מיט איין תנאי — זאָגט ער, — אויב מיין צרה איז דאָרט נישטאָ!?"

צוויי נאָר האַלטן זיך ווייט פון דער מויער, איינער גאַזעמאַן (זע ווייטער פאַרוואָס ער הייסט אַזוי) און יונה'לע קדוש.

דער גאַזעמאַן האָט קיין צייט נישט, ווי ער זאָגט צו „שאלת

נשים". און יונה׳לע קדוש, אַז מען דערמאָנט אַן אשה, כאַפּט ער די פּאָלע און פֿאַרשטעלט זיך דאָס פּנים.

אַן אויסנאַם פֿאַר אַלע און אפילו פֿאַר׳ן הייליגן יונה׳לע איז יענטע די קרעמערין, זי איז אַ מאַנספּאַרשוין לכל־הדעות; עס איז אַפּנים באַלד אַ טעות געווען! אַ גראָב קול, אַ באַוואָקסן פּנים, כמעט אַ באָרד, אַ שאַרפֿער בליק און אַלע תנועות און העוויות פֿון אַ מאַנספּאַרשוין, זי האָט געמענגט זיך אומעטום ווייזן! זי האָט געפֿירט געשעפֿטן אין דער גאַנצער מענער־אָפּטיילונג, אַ גרויסן האַנדל (פֿון וועלכן מיר וועלן נאָך רעדן), און קיינעם פֿאַלט נישט איין צו רעדן אַ וואָרט!

יונה׳לע רעדט מיט איר פּה אל פּה און לאָזט קיין ברעם נישט אַראָפּ.

פֿאַר דאָס האָט זי ליב פּילוסוף פּיינט...

ליב פּילאָזאָף, וואָס האַלט עולם ומלואה פֿון ווייבער, וואָס לאָזט אויף זיי קיין שטויב נישט פֿאַלן, קען אויף יענטל קרעמערין גלייכגילטיג נישט קוקן; אַז ער דערזעט זי, שפּייט ער אויס און גייט אַוועק.

עס איז שוין לאַנג באַמערקט געוואָרן, אַז נישט שטענדיג שטימען די געפֿילן מיט די איבערצייגונגען...

און איך לעב שוין דאָ אַ צייט צווישן עולם... אַז איך בלייב איינער אַליין, פֿאַל איך אַמאָל אַריין אין אַ ספק: אייגנטלעך וואָס בין איך: אַ דאָקטאָר צי אַ קראַנקער?

טייל מאָל הויב איך גאָר אָן מסופק צו זיין, צי דאָס גאַנצע „הקדש" מיט׳ן פֿליגל פֿאַר משוגעים איז נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה? צי די הויכע ווענט, וואָס איך זע דורכ׳ן פֿענצטער, זיינען נישט גלאַט אַ כשוף, אַן אויסגעטראַכטע זאַך? מען האָט אפֿשר דעם אינדיק נאָר אַרומגעקריידט?

און, ווייסט איר, אַז דער גאַנצער ספק הויבט מיר נישט אָן צו שטערן... איך עס, טרינק, אַרבעט, רו, שלאָף און טו אַלץ, גלייך איך וואָלט אין אַלעם זיכער געווען...

טייל מאָל דאָך שרעקט עס מיך. איך טראַכט: וואָס, אַ מאַשין בין איך? מען האָט מיך אָנגעדרייט?

און אפשר, טראַכט איך נאָר, וואַלגערט זיך אין מיר אַרום אַ משוגענער עלטער־זיידע און טוט מיט מיינע הענט און פיס, גלייך עס וואָלטן זיינע געווען, גלייך נישט איך, נאָר ער וואָלט געלעבט, גלייך עס איז זיין צייט?

אויף דעם אַלעם האָב איך איין תירוץ: למאי נפקא מיניה?

און באמת, וואָס איז דער חילוק?

ליב פילאָזאָף זאָגט, אַז עס איז נישט פאַראַן נאָר קיין אמת און קיין שקר. אַ והא ראיה, זאָגט ער, עס איז אַזאַ בוים נאָר אין גן־עדן נישט געווען; נישט אדם, נישט חוה האָבן קיינמאָל אַזאַ עפּל נישט פאַרזוכט. טוב ורע יאָ! און אויב, זאָגט ער, עס איז נישט פאַראַן קיין אמת און קיין שקר, זיינען קיין משוגעים אויך נישט פאַראַן! אי וואָס, זאָגט ער, נאָר נישט!

אַזוי ווי, זאָגט ער, די גופים באַשטייען פון אַטאָמען, און די טבע פון גוף ווענדט זיך אין דעם, פון וויפיל אַטאָמען ער איז צוזאַמענגעשטעלט, אויף וועלכן סדר די אַטאָמען ליגן... אַזוי זיינען פאַראַנען אַטאָמען פון געדאַנקען און געפילן... און די טבע פון יעדן געדאַנק און פון יעדן געפיל הענגט אָפּ נאָר דערפון, פון וויפיל אַטאָמען זיי זיינען צוזאַמענגעשטעלט — ווי אויך אין וואָס פאַר אַן אָרדנונג זיי ליגן איינער ביים צווייטן... נישט מער!

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מעטאַלן, פאַרשיידענע געדאַנ־קען און אַלערליי געפילן; זיי קענען ווי די מעטאַלן זיין נוצלעך, אָדער שעדלעך, אָבער נישט אמת און נישט פאַלש... פונקט ווי די מעטאַלן! צי וועט גאָלד זאָגן אויף זילבער, אַז עס איז אַ טעות? זילבער אויף קופּער צי אייזן: משוגע זייט איר, אָדער ליגנער?

דאָס קען נאָר א מענטש און נאָר — פאַר קנאה!...

מיר ווייטער קומט טייל מאָל פאָר, אז די אַלע, וואָס מען האַלט זיי פאַר משוגעים, מער אָדער ווייניגער געפערלעכע משוגעים, זיינען גאָר נייגעריגע מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב אַמאָל אראָפּ־צוכאַפּן פון טראַקט, פון שאָסע און זוכן אין א זייט נייע וועגן... בעסער צי ערגער, אָבער זען מעג מען דאָך, פּרוּוון לוינט...

מאַנכע זיינען גאָר פרייע פויגל, איבער די לופטן פליען זיי...

גאַנץ אָפט האָב איך הנאה, וואָס איך לעב צווישן די דרייסטע וועג־זוכער... ביי זיי איז ווייניגסטנס נישט אזוי לאַנגווייליג...

א שמועס מיט׳ן גאַזעמאַן

פאַר מיר היטן זיי זיך נישט. דער באַהאַלטענסטער פון אַלע—גאַזעמאַן האָט אויך צו מיר צוטרוי.

עס פרייט מיך.

נעכטן, צום ביישפיל, קומט ער צו און אָן א שום הקדמה, דערציילט ער מיר פון גרויסן ויכוח, וואָס ער האָט אַמאָל געהאַט אין בית המדרש, מיט די גאָר גרויסע, וועלט־באַרימטע בטלנים: ראובן, שמעון, לוי און יהודה.

— וועלט בלייבט וועלט! — זאָגט ראובן — זי שטייט אויף אייזערנע זיילן און קופּערנע פונדאַמענטן.

— לאו הכי! — זאָגט שמעון — זי שאָקלט און וואַקלט זיך ווי א שכור... אויפ׳ן רוקן פון א משוגענעם פיש שטייט זי, דער פיש וואַרפט זיך און זי צאַפּלט! פון טייל בערג שפּריצט עס אַפילו מיט פייער, אודאי!

לוי האַלט זיך אין פּסוק: תולה ארץ על בלימה, די וועלט שטייט אויף גאָר נישט! אויף גאָרנישט, אַקצענטירט ער מיט א נגינה.

און יהודה וואָס וויל ווערן רב און גרייט זיך צו צום עקזאַמען, הייסט מיליאָנען־מיליאַסן קליינע, פּיצלעך אַטאָמען לויפן אַרויף און אַראָפּ און שלאָגן מיט כוח אויף יעדן פּינטעלע פון דער ערד און האַלטן זיך אַזויערנאָך אין „סאַמע ראָדנע״ מיט; זי זאָל נישט, חלילה, אַרויס פון ראָד אַרום דער זון!

און איר, גאַזעמאַן, וואָס האָט געזאָגט?

— איך? פּשוט האָב איך זיי געזאָגט: וואָס גייען אייך אָן פונדאַמענטן, זײלן און אַטאָמען, אַז די גאַנצע זאַך שטעקט אין גאַזן, וואָס די ערד האָט אינעווייניג אין זיך...

איר זיצט און קלערט, זאָג איך, און זיי קענען דערוויל אַרויס־פּלאַצן און חרוב ונחרב מאַכן די גאַנצע וועלט מיט אַלע אירע בטלנים!

— און וואָס האָבן זיי געזאָגט?

— זיי האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן: גאַזעמאַן.

ער שפּייט אויס מיט פאַראַכטונג, מאַכט עטלעכע שריט אַהין און צוריק, און שטעלט זיך צוריק אָפּ.

— פאַרשטייט זיך, מיך אַרט עס נישט... אינגלעך האָבן עס אויפגעכאַפּט, רעדט, שרייט, מיין דאגה; נאָר דער שווער מיינער! פאַר'ן שווער האָב איך שטאַרק מורא געהאַט!

— אַ גבר אלים?

— און עיקש.. שפּאַרט זיך איין, איך זאָל גט'ן דאָס ווייב, באשר בכן — משוגע בין איך.

— און איר האָט נישט געוואָלט?

— איך האָב דען געקענט? ממה נפשך, בין איך געזונט, פאַרוואָס זאָל איך זי גט'ן, בין איך משוגע, ווי קען איך געבן גט?

— און זי וואָס האָט געזאָגט?

— מיין חוה'לע? וואָס האָט זי געזאָלט זאָגן? וואָס האָט זי געקענט זאָגן? איך בין זיכער, אַז עס איז איר נאָר אויף די געדאַנקען נישט געקומען. וואָס הייסט? מיר זיינען דען קיין זווג נישט, חס ושלום? אַז דער מלאך האָט אויף אונז אויסגעע־רופן: „בת פּלוני לפלוני", ווי מיינט איר, איז נישט געווען קיין שמחה אין אַלע עולמות? מלאכים, זאָג איך אייך, האָבן פאַר שמחה געוויינט, איך האָב עס איר דערציילט... אַליין דערציילט...

— און וועגן די גאַזן אויך?

— ווען די גאָזן? ניין! נאָך וואָס? זי האָט עס פון מיין פּנים געלעזן. חכמת הפּרצוף האָט זי געקענט ווי א וואַסער! איך וויל איר אַמאָל עפּעס זאָגן, שמייכלט זי און זאָגט עס מיר: פון מיין פּנים האָט זי געלעזן, ווי פון צאינה וראינה אַרויס...

— און אפשר, — איז ער זיך מישב, — נישט פון פּנים... איר פאַרשטייט, מיין האַרץ און איר האַרץ... ניין, דאָס וועט איר נישט פאַרשטיין...

— און זי האָט אויך געגלויבט אין די גאָזן?

— א שאלה דאָס איז! דורך די גאָזן האָט זי דעם אַפּעטיט פאַרלוירן, נעכט נישט געשלאָפן, פון פּנים אַראָפּגעפאַלן... און די אויגן, א וואונדערלעכע זאַך, האָבן איר געוואַקסן און געוואַקסן. מיט יעדן טאָג זיינען זיי גרעסער געוואָרן; דאָס פּנים קלענער, די אויגן גרעסער!

ער פאַרטראַכט זיך.

— און פון וואַנען, — פרעג איך, — זייט איר געקומען אויף די גאָזן?

— דורך א חלום...

— א חלום, זאָגט מען, איז א נאַר.

— חוה'לע פלעגט אויך אַמאָל אַזוי זאָגן! איך האָב אָבער דעם חלום געזען דריי מאָל און דערנאָך האָט זיך פּאַסירט אַזא מעשה...

באמת — א וואונדערלעכע מעשה.

איינמאָל איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן צווישן מנחה ומעריב. גאַסן־יונגעץ האָבן אים דערזען און נאָכגעלאָפן. זיי ווילן, ער זאָל זיי דערציילן די חלומות...

— איך האָב, — זאָגט ער, — אפילו חשק צו דערציילן... אדרבא, זאָלן זיי וויסן; האָב איך דאָך אָבער מורא פאַר'ן שווער... ער וועט געוואויר ווערן, פאַר'מסר'ן מיך פאַר חוה'לען... און וואָס וועט זיין? זי וועט וויינען! זי וועט זיך די אויגן אויס־וויינען!

אנטלויפט ער, יאָגט מען אים נאָך, כאַפּט אים איינער אָן פאַר א פּאָלע.

— איך זע, עס איז שלעכט, ער וועט אָפּרייסן די פּאָלע... דערמאָן איך מיך אין יוסף הצדיק, לאָז אים איבער די קאַפּאָטע און אנטלויף ווייטער.

ער לויפט און לויפט, ביז ער פאַרלויפט ערגעץ הינטער דער שטאָט, שלאָגט זיך אָן אין א בערגל, פאַלט און בלייבט ליגן.

— ליגנדיג אַזוי, וואָס מיינט איר, דערזע איך? קברים דערזע איך... א הייליג אָרט געוועזן! צי בין איך, נישט וויסנ־דיג, פאַר שרעק אריבערגעשפּרונגען די צוים פון בית־עלמין, צי עס איז קיין צוים גאָר נישט געוועזן, ווייס איך נישט ביז היינט...

נאָר א מאָדנער עולם אמת. די מצבות שטייען נישט איין א רגע, זיי שאָקלען זיך... פּלוצים הויבן אָן פון אונטער זיי ארויס־צוקריכן מתים...

— איר האָט אייך דערשראָקן?

— חס ושלום! מתים זיינען קיין גאַסן־יונגען נישט. איך רעד מיט זיי:

„וואָס האָט איר אייך, — פרעג איך, — אין א פּראָסטן מיט־וואָך פאַר חצות דאָ פאַרזאַמלט?"

„אן אומגליק, — זאָגן זיי, — האָט פּאַסירט. אונטער די מצבות האָבן זיך אָנגעזאַמלט גאַזן"... „דערשטיקט צו ווערן", זאָגן זיי.

דערווייל שלאָגט דער זייגער 12.

די מתים לאָזן זיך אין שטאָט אריין דאַווענען און איך צי מיך אויס אויף דער ערד, לייג צו אן אויער, איך וויל הערן, וואָס דאָרט טוט זיך.

— און איר האָט געהערט?

— אודאי! ווי א שטורם אונטער דער ערד! אהין און צור־

ריק, אהין און צוריק, ווי א קעסל־פויק... טראַ־טראַ־טראַ־טאַ־דאַ־באַק! טראַ־טראַ־טאַ־דאַ־באַק! אין מיטן, דערהער איך, א שמועס צווישן צוויי קולות אונטער דער ערד.

— פּלאַצן? — פרעגט איין קול.

— צו פרי!—ענטפערט דאָס צווייטע.

— ווען דען?

— ס'וועט זיין א סיגנאַל...

— ווען וועט זיין דער סיגנאַל?

— אַז די פרוכטן וועלן רייף זיין אויף די ביימער...

ער שווייגט.

— דאָס איז עס אינגאַנצן? מער האָט איר נישט געהערט?

— שפּעטער האָב איך געהערט נאָך א שמועס. דאָס הייסט דעם סוף פון יענעם שמועס. אַזוי האָט מען גערעדט:

— ווער וועט,—פרעגט א קול,—געבן דעם סיגנאַל?

— חנינא,—ענטפערט מען,—וועט געבן דעם סיגנאַל.

מילא, לויף איך געשווינד אין שטאָט אריין צו חוה'לען און פרעג זי אויף חנינא'ן. זאָגט זי, אַז חנינא'ס איז דאָ א סך: חנינא דער וואַכערניק, חנינא פרוש, וואָס איז ערגעץ אַוועק און איבערגעלאָזט א ווייב מיט קינדער, ימח שמו... חנינא דער שמש פון „סומך נופלים". חנינא פּועל בטל... און גיי ווייס!

— און אַהער, — פרעג איך, — ווער האָט אייך געבראַכט?

— בין אַליין געקומען, — ענטפערט ער כמעט מיט א שטאָלץ —אַליין געקומען, פון שווער אַנטלאָפן...

— און חוה'לען גאָר אַוועקגעוואָרפן?

— אוודאי! — מאַכט ער חוזק, — ווי דען! נאָר איינער, זי קומט צו מיר.

— ווען?

— יעדן אָוונט...

— יעדן אָוונט?

— ...קומט זי צו רייטן אויף דער לבנה...

— און פּאַר'ן מולד? — פרעג איך.

ער גיט אויף מיר א קוק מיט כעס און בזיון צוזאַמען.

— אַזוי, — זייערט ער פון צווישן די ציין, — אַזוי... א חוקר ודורש... א נאָז־קוקער, אַהאַ!

ער איז פון מיר אַוועקגעגאַנגען מיט שלעכטע געדאַנקען. איך מוז אים באַרואיגן.

דער קדוש

וואָס א וועלט איז! חוה'לע, דעם גאַזעמאַנ'ס ווייב, קומט צו רייטן אויף דער לבנה, און שפרינצע, יונה דעם הייליגנ'ס ווייב—אויף א בעזים!

חוה קומט איר אומגליקלעכן מאַן טרייסטן, אונטערהאַלטן, יענע ברענגט בראָנפן מיט קיכלעך און קליינגעלט פאַר די וועכ־טער, זיי זאָלן דעם קדוש נאָך פעסטער האַלטן; נישט ארויסלאָזן אויף דער ליכטיגער שיין!

חוה איז אן איינפאַכע כשר'ע אידענע, טוט ווי דער מאַן וויל; שפרינצע — דער הייליגער יונה דערציילט, אַז, שטייענדיג מיט איר אונטער דער חופה, האָט ער באַלד דערפילט א ריח פון פעך... ער האָט געוואָלט שרייען, האָט אָבער דער רב דערוויייל אָנגעהויבן די ברכה און דער פאָטער האָט אים שטילערהייט דערלאַנגט אין פלייצע.

שפעטער, אַז ער האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז זי איז א מכשפה, א לילית, האָט מען אים נישט געגלויבט, געהייסן וואוינען... און, אַז ער האָט שיר נישט באַקומען דאָס חולה־נופל פאַר שרעק, האָט מען אים געבונדן און אַהער געשיקט...

און זי איז א מכשפה! ווען נישט איר כשוף, וואָלט ער שוין לאַנג געוואָרן א רואה ואינו נראה און וואָלט נעלם געוואָרן.

די דאָקטוירים, ימח שמם, לאָזן אויך נישט, זיי נויטן אים

צו עסן טרפות, צו טרינקען נסך... און ער קען גאָרנישט טאָן...

אָבער גאָרנישט!

אין הימל דאָרט האָט ער, דער קדוש, א גרויסע דעה, א סך צו זאָגן; דאָ אין שפּיטאָל — גאָרנישט! וואָלט ער געווען נישט קיין קדוש נאָר א צדיק, א בעל מופת, וואָלט ער געקענט אָפּ־שפּרעכן, צוזאָגן; וואָלט ער געהאַט ביי זיך כאָטש איינס פון די מיליאָנען שליסעלעך, וואָס עפענען ביי מענטשן הערצער און קעס־שענעס, — באַ! וואָלט ער געווען פריי, געלעבט א וועלט! אָדער ער וואָלט אַליין פאַרלייגט א געשעפט, אָדער עס וואָלט זיך געפונען אַן אימפּרעסאַריאָ אויף די גוטע זאַכן... ער אָבער, אַן אמת'ער דאָן קישאָט, האָט זיך אונטערגענומען בייצושטיין גאָט מיט דער מלחמה מיט'ן שטן... ווער וויל זיך עס אַריינמישן אין אַזאַ זאַך? וואָס האָט מען דערפון? האָט מען אים טאַקע אַהער געשיקט. וויל מען זיין פּרצוף נישט זען.

ער איז דאָך ביי זיך נישט אָפּגעפאַלן... אַז איך העלף אים, מוז ער מיר אויך העלפן... נישט אַצינד, איז שפּעטער... אין צווייטן, אין דריטן גלגול!

דערווייל, — וואָס זאָל ער טאָן?

א שם האָט ער, נאָר די ליפּן האָט מען אים מטמא געווען. ער קען דעם שם מיט אומריינע ליפּן נישט אַרויסזאָגן!

די געזונטע האַלטן, פאַרשטייט זיך, דעם קדוש פאַר משוגע, אַלע זיינען פון שפּרינצע'ס צד... און די משוגעים?

פאַרשיידן!

פיל גלויבן אין אים.

אחשורוש זאָגט, אַז אים טוט זייער הנאה, וואָס דער קדוש איז געקומען אין זיין מדינה אַריין. ער האָפט, אַז ער וועט האָבן א שטאַרקע פעולה אויפ'ן יונגן דור, אויף די מידות...

יוחנן מלמד, גייט זיך אין זיין דרך. ער זאָגט: מען מוז גלויבן! א מענטש, זאָגט ער, קען זיך אַליין נישט מאַכן פאַר א רשע,

אָבער פאַר א צדיק — מהיכא תיתי! אַז ער וויל, איז ער!

גאַזעמאַן ציט מיט'ן אַקסל:

— די גאַזן, — זאָגט ער, — וועלן א סך פרעגן, ווער עס איז א צדיק און ווער עס איז א רשע!

יענטל די קרעמערין, רעכנט נאָך ראש השנה צו עפענען זיך א קלייטל מיט בוימל צום אָפּשפּרעכן.

זי קלאַפּט יונה'ן אין דער פּלייצע און זאָגט: אַז דו וועסט מיך נאָר פאָלגן, וועט גיין אַ געשעפט; אחשורוש וועט אויך הנאה האָבן...

דער קדוש דרייט זיך אָפּ, וויל נישט וויסן פון קיין געשעפטן, נאָר דער רעשט עולם אַז ער הערט: קדוש, שפּרינגט ער באַלד אונטער, זאָגט דריי מאָל קדוש...

עס קאָסט אים א סך?

איין לייב פילאָזאָף איז דעם קדוש א שונא אויפ'ם לעבן. מיר דאַכט זיך פאַר קנאה. ער רייצט זיך מיט אים שטענדיג.

ער גייט צו, נעמט אים אָן ביי דער גאָמבע, הויבט אים דעם קאָפּ אין דער הויך און פרעגט:

— עסט באמת טרפות, קדוש?

— אודאי־!

— נאָך וואָס טוסטו עס?

— איך מוז דאָך, איך וועל דאָך שטאַרבן פאַר הונגער!

— און אַז מען שטאַרבט פאַר הונגער וואָס איז? גייט מען דאָך גלייך אין גן־עדן אריין!

דער קדוש ענטפערט געלאַסן:

— איך קען נישט שטאַרבן פאַר הונגער, — איך מוז,—זאָגט ער גאַנץ ערנסט,—פאַרברענט ווערן... מי באש.

— פאַרוואָס גראָד באש —

— דער גוף זאָל פאַרברענט ווערן! אין פייער געריינינט ווערן... די גזרה איז אַזוי!

אַן אַנדער מאָל פרעגט אים ליב פּילאָזאָף:

— און ווען וועסטו שוין פאַרברענט ווערן, קדוש?

דער ענטפערט געלאַסן:

— ווען עס וועט קומען די צייט.

פון דעמאָלט אָן, פלעגט ער אים וואָס אמאָל פרעגן:

— נאָך נישט? אַלץ נאָך נישט צייט?

איינמאָל האָט אים דער קדוש געענטפערט:

— איך האָב נישט קיין צינד־העלצלעך!

דערויף רופט זיך אָן יענטל, אַז זי האָט סחורה מכל המינים, אַז זי איז גרייט אַלץ אוועקצוגעבן דעם הייליגן יונה, און אַלץ בחינם, על כל פּנים, בחצי חינם, נאָר קיין צינד־העלצלעך האָט זי נישט... מען לאָזט נישט אַריין!

— זעסט!—טריאומפירט דער קדוש.

— ביזט פאָרט א ליגנער!—שרייט גיפטיג ליב פּילאָזאָף.

די שרפה און נאָך דער שרפה

דער קדוש איז דאָך קיין ליגנער נישט געווען; ער האָט זיינס געטאָן.

געשען איז עס אין א מולד־נאכט: איך געדענק עס ווי היינט:

די קראַנקע זיינען איינגעשלאָפן, דער קדוש האָט זיך שטיל אַראָפגעכאַפּט פון בעט, שטיל געעפנט דאָס פענצטער; ער איז ארויסגעשפּרונגען און איז אריין אין אָפענעם פעדער־הויז. דאָרט האָט ער ביי א פארשלאָפענעם וועכטער ארויסגענומען (ליב פּי־לאָזאָף זאָגט: ארויסגע׳גנב׳עט) פון קעשענע א פעקל זאפאל־קעס —

די רעשט איז לייכט צו פארשטיין.

דאָס דול־הויז איז אָלט, זייער אַלט...

יוחנן מלמד זאָגט, אז עס איז נאָך פון המן׳ס צייטן... ליב פּילאָזאָף — פון קודם מתן תורה... דער קדוש האָט געגלויבט— משׁשת ימי בראשית... באַשאַפן געוואָרן איז עס ערב שבת בין השמשות, מיט די שדים און מזיקים, וואָס וואכן ארום „צוזאַ־מען"... סיי ווי סיי אַלט איז עס, אַלט און טרוקן; ממש אויס־געדאַרט...

און דאָס האָלץ, אז עס האָט נאָר א פונק דערשמעקט, האָט עס אויפגעפלאַקערט מיט א שמחה, מיט א גדולה!

איך האָב געזען ווי באַלקן האָבן זיך אַליין אויסגעדרייט און מיט א ציטער פון אן אמת׳ן בעל תאוה, זיך געגעגנט צום פייער... א זייל, האָב איך געזען, האָט זיך אויסגעקרימט ווי א האַלבע רייף און אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין דעם בראַנד!

עס וויל ברענען, עס דאַרף, אפנים, ברענען!

און דאָך, — ווי שרעקלעך איז א שרפה! און נישט דאָס פייער איז אַזוי שרעקלעך, דאָס פייער איז שיין און גרויס, דורך־אויס האָב איך פאַר פייער, וואָס רייניגט אַליץ... נאָר דאָס געשריי, דאָס געפילדער איז נישט צום אויסהאַלטן!

דאָס געיאָמער פון קראַנקע, דאָס קנאַקן פון באַלקן, פון ווענט, דאָס רעדערן, סיקען און פייפן, די געשרייען פון דער פאַזשאַרנע קאָמאַנדע, די אפּוטרופּסים מיט הויך אויסגעשריגענע עצות—פוי!

אזא קאָנצערט הערט זיך נאָר אין גיהנום...

דאָס פייער ווערט אויך בייז! גאַנצע בונטן פלאַמען יאָגט עס אויף די לייט. עס וואַרפט אויף זיי מיט באַלקען! מיט טירן און פענצטער; א מלחמה! א שרעקלעכע מלחמה!

און ער?

ער, דער קדוש, שטייט זיך אויפ׳ן שפּיץ דאַך, אין מיטן פייער, ארומגענומען ביז׳ן גאַרטל מיט רויטע און בלוילעכע שלאַנגען...

און ער שטייט, און רופט, און זיין קול שניידט זיך דורך דעם גאַנצן גיהנום׳דיגן גערודער און שלאָגט זיך צו צו יעדנס האַרץ...

„שמע ישראל!״—רופט ער.

אויסער דעם קדוש האָט דאָס פייער קיינעם נישט געשאַדט.

דאָס דול־הויז איז געוועזן אַסעקורירט; דול־הייזער אַסעקורירן זיך איינער ביים צווייטן, דאָקטוירים קריגן נייע אינסטרומענטן צו אָפּעראַציעס... די פאַזשאַרנע קאָמאַנדע — געלט,

אפוטרופסים—כבוד, ווייניג איינגעשטעלט דאָס לעבן האָבן זיי זיך, און די משוגעים האָט מען דערווייל אַריינגענומען אין איין סאַלע...

פאַרשטייט זיך, אַז וואָס מער משוגעים עס פאַרזאַמלט זיך אויף איין אָרט, שטאַרקער פילן זיי זיך; און וואָס מער די משוגעים פילן זיך שטאַרקער, פילן זיך שוואַכער די וועכטער.

דער ליאַרעם גייט טאַקע ביז'ן הימל אַריין.

יענטל איז דאָ אויך אַן אַריינגייערין, פירט דאָס רעדל.

— דאָס געשעפט, — זאָגט זי, — פאַרגרעסערט זיך; דער ריוח ווערט דאָך קלענער; קוים פרנסה. זי האָט, נעבעך, צו דערנערן אַ קראַנקן מאַן מיט אַ גאַנץ געזינדל.

און דאָס געזינדל, ווי זי זאָגט, באַשטייט, פון צוויי טעכטער אַלמנות מיט קינדערלעך, צוויי טעכטער מיט מענער און אויך מיט קינדערלעך, אַ חוץ קינדער פון ערשטן מאַן...

זי האַנדלט: מיט קרושקעלעך פון ברויט, פיצלעך טיטון פון אָפּגעברענטע פּאַפּיראָסן, שטיקלעך לייוונט און טוך, רעשטלעך פון ליכט. טייל מאָל איז אַ שטיקל שנייץ אויך אַ סחורה.

אַלס נעלט גייען שטיקלעך גלאָז, קאָלירט גלאָז איז גאָר גאָלד אין דער מעלה... קאָלירט פּאַפּיר, איז באַנקאָ־צעטל, ווייס—קוויטלעך און וועקסלען.

און זי שרייט:

— רוצחים! דאָס איז מיין גאַנץ עשירות די סחורה! וואָס גנב'עט איר? וואָס רייסט איר? וואָס ציט איר מיר די קליי פון די ביינער?

די קונים שווייגן אויך נישט.

זיי שרייען, אַז זי באַרייסט, גיט פאַלשע וואָג און מאָס.

אחשורוש, דער מלך פון הודו — דער אויוון רעכטס — ביז כוש — די טיר אין קיך אַריין לינקס, — גייט אַרום מיט אַ גדלות, פאַרשרייבט מיט אַ נאַסן פינגער, אויף אַ שויב צי אויף אַ וואַנט,

דעם חשבון פון „מסים וארנוניות", וואָס אים קומט שוין פון מסחר...

— איך בין דיך מתרה, יענטל! דו פּאַלסט אַריין אין טורמע!

— זרח! — רופט ער צו א קונה. — דיר וועל איך אויך נישט שענקען! איך זע — ווילסט מאַכן פּליטה! פון אַמעריקע וועל איך דיך ביי די האָר הייסן אַהער שלעפּן! איך האָב דאָרטן אויך מיינע לייט! נישקשה!

אַן אַנדערן רופט ער צו:

— קויף און פאַרקויף אַנדערהאַלבן מיליאָן פּוד, קריגסטו א „פּאַציאַטנע".

טייל מאָל רוקט ער זיך צו צו גאַזעמאַן, וואָס זיצט פאַרטראַכט אין א ווינקעלע, אָדער צו ליב פילאָזאָף מיט יוחנן מלמד, וואָס זיצן אין א זייט פאַרזונקען אין א ויכוח וועגן תכלית פון דער וועלט, פון מענטש און אַלערליי אַנדערע זאַכן...

ער שטעלט זיך אָפּ, לייגט א פינגער אויף דער נאָז און זאָגט:

— שווייגט בעסער...

אַנישט, לייגט ער זיי גאָר פאַר א האַנדלס־פאָרטראַג...

און אַזוי רודערט זיך ביז דער האָן קרייעט.

פאַרוואָס גראָד ביז דער האָן קרייעט? פאַרוואָס שפּילט דער האָן מיט'ן קרייען אַזא גרויסע ראָלע אין שפּיטאָל?

— זאָרי, שפּילט ער, — זאָגט אחשורוש, און „זאָרי" פאַר־שטייט מען איז א גרויסע זאַך.

— סימנא בעלמא — זאָגט דער מלמד. — מען האָט גע־דאַרפט א צייכן, וואָס עס איז פאַר א צייכן, האָט מען זיך אָנגע־כאַפּט אין האָן...

ליב פילאָזאָף זאָגט, אַז עס מוז דאָך עפּעס שטעקן דערינען. דען, פאַרוואָס דוקא א האָן, נישט א הון?

— א הון קרייעט נישט, — ענטפערט ליב קאַלט ווי אייז... הינער בטבע זיינען גלייך צו הענער... זיי וואָלטן געקאָנט קרייען,

נאָר מען האָט זיי אָפּגעוואוינט... אז א הון קרייעט קוילעט מען זי...

— ווייטער די אייגענע קשיא, פאַרוואָס? — מאַכט יוחנן.

— איך וועל קלערן דעריבער, זאָגט ליב. און — ניט ער צו שטאָלץ — עס איז צייט... איך אייל מיך נישט!

נישט דאָס וויסן איז דער עיקר, נאָר דאָס קלערן!

איך וויל אויך קלערן נאָר מיין קאָפּ־ווייטאָג וואַקסט פון טאָג צו טאָג. זייט די משוגעים זיינען צוזאַמען, איז סכנת נפשות... די טויזנטער נייע וועגן, וואָס זיי זוכן אין אַלע זייטן, קרייציקן זיך און פאַרקניפּן; שווינדלט פאַר די אויגן א באַשטענדיגער, בליצנדיגער קאַלעידאָסקאָפּ מיט פאַרפּלאָנטעטע ברענענדיגע ליניען... דער מוח וויל טייל מאָל פּלאַצן. איך קלער שוין אפילו נישט, ווער איך בין, א רופא צי א חולה, ווייל, איך בין זיכער, אז אויב איך בין נאָך נישט משוגע, וועל איך עס היינט מאָרגן ווערן.

דער משולח

ער גייט און דער ווינט צעיאָגט די פּאָלעס און די ווייסע באָרד.

אַלע מאָל כאַפּט ער זיך אָן מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער זייט! עס גיט אים אַלע מאָל דאָרט א שטאָך. ער וויל זיך דאָך נישט מודה זיין; ער וויל זיך דווקא איינרעדן, אַז ער טאַפּט נאָר ביי דער בוזעם־טאַש.

— איך זאָל נאָר דעם קאָנטראַקט מיט דעם געלט נישט פאַר־לירן! אָט פאַר דעם מכלומרשט ציטערט ער.

— און אפילו עס שטעכט, איז אויך א נאַרישקייט! איך האָב נאָך, געלויבט איז גאָט, גענוג כח אויף אַזא שליחות. אַנדערע אין מיינע יאָרן וועלן שוין קיין וויאָרסט נישט אָפּגיין, נאָר איך, געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, דאַרף נאָך נישט צו קיין מענטשן און פערדין מיר אַליין מיין ברויט... געלויבט איז גאָט, מען גע־טרויט מיר געלט!

— ווען איך האָב מיין אייגנס, — טראַכט ער ווייטער, — וואָס מען געטרויט מיר, וואָלט איך אין שליחות צו זיבעציג יאָר נישט געגאַנגען; ווייל אָבער דער רבונו של עולם אַזוי, איז אַזוי גוט!

עס הויבן אָן צו פאַלן גראָבע פלאַכעס שניי; ער ווישט זיך אַלע מאָל דאָס פּנים.

— איך האָב נאָך, — טראַכט ער, — אין גאַנצן א האַלבע מייל, אָ וואָ! אויך מיר א גאַנג! א סך נעענטער ווי ווייטער! ער דרייט זיך איבער — מען זעט שוין אפילו נישט דעם שטאָטישן

זייגער, נישט דעם קלויסטער, נישט די קאַזאַרמע. נו, שמריה, פאָר!

און שמריה פאָרט אין דעם נאַסן שניי; די אַלטע פיס קאָפּען זיך אַריין און אַרויס. — „געלויבט איז גאָט, עס איז קיין גרויסער ווינט נישט!"

גרויס, האָט אָפּנים, ביי אים געהייסן אַ שטורם־ווינט; דער ווינט איז געווען גענוג שטאַרק און געיאָגט גלייך אין פּנים אַריין, אַז עס האָט אים אַלע מאָל אָטעם פאַרפּעלט; ער האָט אים אַרויס־געגאַרט אַלע טרערן פון די אַלטע אויגן, וואָס האָבן אים געשטאָכן ווי שפּילקעס. נאָר אויף די אויגן ליידט ער תמיד.

פאַר'ן ערשטן געלט, פאַלט אים איין, קויפט ער זיך וועגס־ברילן. — אַזוינע גרויסע, קיילעכדיגע; זיי זאָלן די גאַנצע אויגן פאַרשטעלן.

גאָט זאָל וועלן, — טראַכט ער, — וואָלט איך צו דעם אויך געקומען! עס זאָל נאָר זיין אַלע טאָג אַ שליחות, און ווייט, גאָר ווייט! גיין, ב"ה, קען איך, וואָלט איך מיר שוין אָפּגעשפּאָרט אויף אַ פּאָר ברילן...

ער דאַרף אַפילו אַ שטיקל פּעלצל אויך. עס וואָלט אים לייכטער געווען אויף דער ברוסט... ער רעכנט איבער, אַז דער־ווייל האָט ער נאָך אַ וואַרעמע קאַפּאָטע!

— זי זאָל זיך נאָר נישט רייסן, וואָלט זי גאָר וואויל געווען. ער שמייכלט מיט פאַרגעניגן. דאָס, — טראַכט ער, — איז נישט קיין היינטיגע קאַפּאָטע, קיין קיי און שפּיי, קיין שפּינוועבס! נאָר פּאַרצייטישער לאַסטיג; דאָס, וועט מיך איבערלעבן! און אָן אַ שפּאַלט, דאָס איז אויך אַ מעלה; זי צעפּליט זיך נישט אַזוי ווי אַ היינטיגע סחורה, און פון פאָרענט פאַרלעגט זי זיך אויף אַן אייל!...

— אַ פּעלצל, — טראַכט ער ווייטער, — איז אייגנטלעך בע־סער. אַ פּעלצל איז וואַרעם, גוט וואַרעם. נאָר אַלץ פריער ברילן. אַ פּעלצל איז נאָר גוט ווינטער און ברילן דאַרף מען תמיד, דען זומער, אַז עס מאַכט זיך אַ ווינט און יאָגט דעם שטויב גלייך אין

די אויגן אַריין, איז ערגער ווי ווינטער!

און עס בלייבט, אַז פריער זיינען ברילן, דערנאָך ערשט אַ פּעלצל! דער אויבערשטער זאָל נאָר העלפן, ער זאָל אָפּנעמען דעם ווייץ... אַ פּיר גילדן וועט ער אודאי כאַפּן...

און ער שלאָפט ווייטער, און דער נאַסער שניי פּאַטשט אים אין פּנים אַריין, דער ווינט ווערט אַלע מאָל שטאַרקער און די זייט שטעכט אַלע מאָל מער.

— דער ווינט זאָל זיך נאָר וועלן איבערדרייען! נאָר מן הסתם — טראַכט ער, — איז אַזוי גלייכער, צוריקוועגס וועל איך מער מיד זיין, וועל איך אים דעמאָלט האָבן פון הינטן! אָ, דעמאָלט וועט עס גאָר אַנדערש גיין! אַלץ פאַרזאָרגט! גרינג אויפ'ן האַרץ!

ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אַ רגע און דעם אָטעם כאַפּן. דאָס שרעקט אים אַ ביסל איבער:

— וואָס איז אַזוינס מיט מיר געשען? ווייניג פרעסט און ווינטן האָב איך אויסגעהאַלטן אַלס קאַנטאָניסט? — פרעגט ער זיך טרויעריג און האַלב־דערשראָקן.

און ער דערמאָנט זיך זיין סלוזשבע אַלס ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט. פינף און צוואַנציג יאָר ריינע סלוזשבע אונטער דער ביקס, חוץ די קינדערשע יאָרן אַלס קאַנטאָניסט. ער איז זיך געגנוג אָנגעגאַנגען אין זיין לעבן, געמאַרשירט איבער בערג און טאָל, אין שניי און פרעסט און אַלערליי זאַווערוכעס. און וועלכע שנייען, וועלכע פרעסט! די בוימער פלעגן פּלאַצן, פויגעלעך פלעגן טויט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד — און דער רוסישער סאָלדאַט איז געגאַנגען פריש, לעבעדיג, און נאָך דערצו אַ לידעלע געזונגען אַ טרעפּאַק, אַ קאָמאַרינסקי און מיט די פיס צוגעקלאַפּט!

דער געדאַנק, אַז ער האָט גאַנצע פינף און דרייסיג יאָר אויסגעהאַלטן די פאַרצייטיגע סלוזשבע, אויסגעשטאַנען אַלע צרות, אַלע שנייען, אַלע ווינטן, אַלע שלעק, הונגער, דאָרשט און נויטן, און אַ געזונטער אַהיים געקומען — דער געדאַנק מאַכט אים

גרויס! ער הויבט אויף דעם קאָפּ מיט גדלות און גייט מיט נייעם כוח.

— האַ, האַ, וואָס איז גאָר ביי מיר אַזאַ פּרעסטל? אין רוס־לאַנד, דאַכט זיך, איז געווען עפּעס אַנדערש!

ער גייט, דער ווינט ווערט אַ ביסל שטילער, עס ווערט אַלע מאָל טונקעלער, עס פֿאַלט צו די נאַכט.

„אויך מיר אַ טאָג, — טראַכט ער, — אַ טל ומטר'ל!... און ער הויבט זיך אָן מער צו יאָגן, עס זאָל אים נישט די נאַכט באַ־פֿאַלן. נישט אומזיסט גייט ער שבת אין שולכל לערנען תורה, ער ווייסט: מען דאַרף אַרויסגיין און צוריקקומען בכי טוב!

ער פֿילט אַ ביסל הונגער, און אַ טבע האָט ער, אַז ווען ער ווערט הונגעריק, ווערט ער לוסטיג! ער ווייסט, אַז אַפּעטיט איז אַ גוטע זאַך; זיינע סוחרים, וואָס שיקן אים אין שליחות, ווייגען תמיד נאָר אויף דעם, וואָס זיי זיינען קיינמאָל נישט הונגעריג! ער האָט, ב"ה, אַפּעטיט! אויסער, אַז ער איז נישט בקו הבריאה ווי, למשל, נעכטן; ער איז קראַנק געווען, האָט זיך אים גע־דאַכט, אַז דאָס ברויט איז זויער.

— ניי, וואו איז עס זויער געווען; זעלנעריש ברויט! אמאָל אפשר יאָ, אָבער היינט? באַקט פּאַניע אַזאַ ברויט, אַז די אידישע בעקערס מעגן זיך באַהאַלטן. און געקויפט האָט ער אַ פֿריש ברויט! עס איז געווען אַ מחיה צו שניידן. ער איז אָבער נישט געווען בקו הבריאה, עפּעס האָט אים אַ קעלט געיאָגט דורך די ביינער.

— נאָר געלויבט איז דער, וואָס ער איז נישט ווערט זיין נאָמען צו געדענקען, עס טרעפט זיך אים זעלטן!

אַצינד האָט ער אויך אַפּעטיט, ער האָט אפילו אין קעשענע ברויט מיט אַ שטיקל קעז... דאָס שטיקל קעז האָט אים דעם סוחר'ס ווייב געגעבן, לעבן זאָל זי און געזונט זיין! זי איז טאַקע אַ בעל צדקה, זי האָט אַ אידיש האַרץ.

— זי זאָל נאָר נישט אַזוי קללה'ן, — טראַכט ער, — וואָלט

זי געווען גאָר א וואוילע אידענע!... ער דערמאָנט זיך אין זיין געשטאָרבן ווייב.

— גאָר מיין שפּרינצע ניעפּרימשקעס! זי האָט אויך געהאַט א גוט האַרץ, און אַזאַ טבע צו קללה'ן. וואָס פאַר א קינד איך האָב אוועקגעשיקט אין דער וועלט אריין, האָט זי געוויינט ווי א ביבער, כאָטש אין דער היים האָט זי זיי געשאָלטן מיט טויטע קללות! ווער שמועסט — דערמאָנט ער זיך, — אַז איינס איז געשטאָרבן! זי האָט זיך געוואָרפן גאַנצע טעג ווי א שלאַנג אויף דער ערד, געהאַקט זיך מיט די פויסטן אין קאָפּ אריין.

איינמאָל האָט זי גאָר געוואָלט וואַרפן א שטיין אין הימל אריין!

— אָט זעסטו, — טראַכט ער, — גאָט מאַכט זיך א סך פון א נאַרישער אידענע!... זי לאָזט אָבער נישט ארויסנעמען די מטה מיט'ן מת! זי פּאַטשט אויס די ווייבער, דער חברה נושאים רייסט זי אויס די בערד!

„א שיינע גבורה האָט געשטעקט אין דער שפּרינצע'ן! עס האָט זיך גערדאַכט א פליג, און אַזאַ כוח, אַזאַ כוח!...״

— פאָרט, זי זאָל עס מיר מוחל זיין, א גוטע געוועזן! זי האָט אפילו מיך אויך נישט פיינט געהאַט, כאָטש זי האָט מיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט נישט געגעבן!

געשריען האָט זי: א גט, א גט! אַז נישט וועט זי אַזוי אנטלויפן! נאָר וואו האָט זי געוואָלט א גט!

ער דערמאָנט זיך עפּעס און שמייכלט...

די מעשה איז שוין לאַנג, לאַנג... דענסטמאָל איז נאָך געוועזן די קאָנסומציע און ער איז געוועזן א נאַכט־וועכטער, און ארומגעגאַנגען גאַנצע נעכט מיט'ן אייזערנעם שטעקעלע, מען זאָל נישט אריינ'גנב'ענען בראָנפן!

סלוזשבע האָט ער געקענט, ביי פּאָניע'ן איז א גוט חדר, ער האָט גוטע מלמדים געהאַט!... פאָרטאָג, ווינטער איז עס געוועזן, עס קומט אים אָפּבייטן דער טאָג־וועכטער, חיים יונה — איז שוין

אויפ'ן עולם אמת — און ער גייט אהיים געפרוירן, פארשטארט!
ער קלאפט ביי דער טיר און זי שרייט אים ארויס פון בעט:
„גיי אין דער ערד אריין! איך האב געמיינט, דיין נאמען וועט אהיים קומען".
אהא! זי איז בייז נאך פון נעכטן בייטאג! ער קען זיך אפילו נישט דערמאנען וואס נעכטן איז אזוינס געווען, נאר זיין האט דאך עפעס געמוזט.
„פארמאך דאס מויל און עפן!", שרייט ער
„דעם קאפ וועל איך דיר עפענען!", הערט זיך א קלארע תשובה.
„לאז מיך אריין!", שרייט ער.
„אין דר'ערד אריין גיי!", ענטפערט זי.
און ער האט זיך מישב געווען און איז געגאנגען אין בית המדרש אריין. ער האט זיך געלייגט שלאפן אונטער'ן אויוון. צום שלים־מזל איז געווען א סוואנד, ער איז פארגארעט געווארן, און מען האט אים אהיים געטראגן א טויטן...
„א קלייניגקייט האט דעמאלט שפרינצע איבערגעארבעט!" ער האט שפעטער גאנץ גוט געהערט וואס זי האט איבערגעארבעט.
מען זאגט איר: עס איז גארנישט, א סוואנד.
ניין! זי וויל נאר א דאקטאר; זי האט בדעה צו חלש'ן, צוווארפן זיך אין וואסער אריין, און שרייט נאר: מיין מאן! מיין מאן, מיין תכשיט!
ער נעמט צוזאמען אלע כחות, זעצט זיך אויף און פרעגט זי נע־לאסן:
— שפרינצע, ווילסט א גט?
— נעם איין... — זי האט דאך נישט געענדיגט די קללה און ארויסגעלאזט א געוויין...
— שמריה, ווי מיינסטו, גאט וועט מיך נישט שטראפן פאר מיינע קללות, פאר מיין רשעות?...
קוים איז ער אבער געזונט געווארן — צוריק די איינגנע

שפּרינצע: אַ מויל אויף רעדער, אַ צונג אויף שרויפֿן, און אייזן שטאַרק, זי קראַצט ווי אַ קאַץ, האַ, האַ! אַ שאָד שפּרינצע! זי האָט אַפילו קיין נחת פון די קינדער נישט דערלעבט.

עס מוז זיי גוט גיין אויף דער וועלט; אַלע באַלמעלאָכעס. די מלאכה לאָזט נישט שטאַרבן פאַר הונגער! כוח האָבן זיי, אין מיר אַריין געראָטן; אי וואָס, זיי שרייבן נישט, וואָס איז? אַליין קענען זיי נישט, און גיי בעט ערשט אַן אַנדערן, יענער זאָל שרייבן! און וואָס פאַר אַ טעם האָט אַזאַ בריוו? ווי איבערגעשווענקטע יויך! און גלאַט מיט דער צייט... יונגע קינדער פאַרגעסן... עס מוז זיי דאָך גאָר גוט זיין...

נאָר שפּרינצע נעבעך ליגט אין דער ערד! אַ שאָד שפּרינצע!

— אַזוי ווי קאָנסומציע האָט אויפגעהערט איז זי געוואָרן אויס מענטש! טאַקע, איידער איך האָב מיך געוואוינט צום שליחות, צו זאָגן דעם פּריץ: יאַשניע פּאַניע, נישט וואַשע ווי־סאָקאָבלאַגאָראָדיע, איידער מען האָט מיר געטרויט קאָנטראַקטן מיט געלט — האָט געפעלט דאָס שטיקל ברויט...

מילא איך, זעסטו, אַ מאַנספּאַרשוין, אַ געוועזענער קאַנטאָניסט, עסט מען נישט אַ טאָג! איר אָבער איז עס געגאַנגען, אימשטיינס געזאָגט, אינ'ם גאַנצן לעבן! אַ נאַרישע אידענע, זי פאַרלירט באַלד די כחות, זי האָט שוין אַפילו נישט געקאָנט שטעלן, דער גאַנצער שיינעץ איז איר פון קאָפּ אַרויס, און נאָר געוויינט...

עס איז מיר נמאס ומאוס געוואָרן פאַר'ן לעבן... עפּעס האָט זי גאָר מורא געקראָגן פאַר מיר! זי האָט גאָר מורא געהאַט צו עסן, מיר זאָל נישט פעלן, אַז איך זע, אַז זי האָט מורא, בין איך ביי קוראַזש, איך שריי, איך שעלט! למשל: פאַרוואָס גייסטו נישט פרעסן?! איך פאַל אַמאָל אין אַ רציחה אַריין און וויל זי פשוט שלאָגן, נאָר גיי שלאָג אַ וויינענדיגע אידענע, אַז זי זיצט פאַרלייגט די הענט און רירט זיך נישט! איך לויף צו מיט אַ קולאַק, שפּיי אין אים נאָך אָן, און זי ענטפערט מיר: „עס פריער

דו אָפּ, איך וועל נאָכדעם עסן!" און איך האָב געמוזט פריער אָפּבייסן פונ'ם ברויט, און איר איבערלאָזן די רעשט...

אמאָל נאַרט זי מיך ארוים אין גאַס אריין: איך וועל שוין עסן, גיי נאָר אין גאַס אריין; גיי, אפשר וועסטו עפּעס פאַרדינען, און מכלומרשט שמייכלט זי דערביי, און גלעט מיך אמאָל!

און אַז איך גיי און קום צוריק, טרעף איך כמעט דאָס אייגענע ברויט! זי רעדט מיר איין, אַז זי קען נישט עסן קיין טרוקנס, זי דאַרף גאָר גריץ!

ער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ, גלייך עס וואָלט אים געדריקט א שווערע לאַסט און די טרויעריגע געדאַנקען יאָגן:

— און וואָס פאַר א יללות זי האָט געמאַכט, אַז איך האָב געוואָלט מיין שבת'דיגע קאַפּאָטע, אָט די וואָס איך טראָג — פאַרזעצן! מעשים האָט זי געאַרבעט און געלאָפן און פאַרזעצט אירע מעשענע בענטש-לייכטער, און ביז אין טויט אריין שוין געבענטשט אין קאַרטאָפל?... פאַר'ן טויט האָט זי מיר מודה געווען, אַז זי האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קיין גט, אַז זי האָט נאָר א בייז מויל געהאַט.

— די צונג, די צונג, האָט זי געשריען, רבונו של עולם, זיי מיר מוחל די צונג! און איז טאַקע געשטאָרבן אין א פּחד. מען זאָל איר אויף יענער וועלט נישט הענגען אויף דער צונג!

— גאָט, מאַכט זי צו מיר, ווער קיין רחמנות אויף מיר נישט האָבן; איך האָב צופיל געזינדיגט! נאָר אַז דו וועסט קומען, נישט באַלד, חס ושלום! איבער הונדערט און צוואַנציג יאָר, אַז דו וועסט קומען, געדענק, כאַפּ מיך אַראָפּ פון תליה! זאָג דעם בית דין של מעלה, אַז דו האָסט מיר מוחל געווען!

זי האָט באַלד פאַרלוירן די געדאַנקען, אַלץ גערופן די קינדער! עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי זיינען דאָ אין שטוב, אַז זי רעדט מיט זיי, און האָט זיי אויך געבעטן מחילה.

א נאַרישע אידענע, ווער וואָלט איר נישט מוחל געווען.

ווי אַלט איז זי געווען אינגאַנצן? אפשר א יאָר פופציג!

אַזוי פרי געשטאָרבן! אַ קליינינקייט, אַז אַ מענטש נעמט זיך אַליין צו דאָס לעבן, אַז וואָס מען טראָגט אַרויס פון שטוב צו פאַרזעצן, טראָגט מען אַרויס האַלב געזונט, שטיקער פלייש!...

טאָג אויף טאָג איז זי גרינער און געלער, קלענער און דאַרער געוואָרן.

זי האָט געזאָגט, אַז זי פילט ווי דער מאַרך טריקנט איר אין די ביינער... זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט שטאַרבן!...

ווי האָט זי ליב געהאַט די שטוב מיט אַלע זאַכן! וואָס מען האָט אַרויסגעגעבן, אַ בענקל, אַ בלעכענע עסע, איך ווייס וואָס, האָט זי עס באַגאָסן מיט ביטערע טרערן! זי האָט זיך מיט יעדער זאַך געזעגנט ווי אַ מאַמע מיט אַ קינד!... מישטיינס געזאָגט, אַרומגעכאַפּט און כמעט געקושט... „אָהאָ! מאַכט זי, ווען איך וועל שטאַרבן, וועסטו שוין נישט זיין אין שטוב!"

אַ מעשה, אַ נקבה איז פאָרט אַ נאַר! אַ רגע איז זי אַ קאָזאַק אין ספּודניצע, און אַ ליאַדע וואָס — ערגער ווי אַ קינד! זעסטו שוין, ביי שטאַרבן איז אודאי אַ חילוק צי מיט אַ בענקל צי אָן אַ בענקל!..

— פע! — האַקט ער זיך אַליין איבער די געדאַנקען, — וואָס מיר קומט אַלץ אין קאָפּ אַריין, דורך די פּוסטע זאַכן גיי איך וואַלגע.

— נו, זעלנערישע פיס, טראָגט ווייטער! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

ער קוקט זיך אום — אַרום און אַרום שניי; אויבן — אַ גרויער הימל מיט שוואַרצע שמאַטעס געלאַטעט; — גאָר מיין אונטערשטע קאַפּאָטע! — טראַכט ער, — שינעט מיט לאַטיקע־נע לאַטעס! רבונו של עולם, דיר פעלט אויך קרעדיט אין גע־וועלב?

דערווייל נעמט אַ פראָסט. די באָרד און די וואָנצעס זיינען אייז, אין גוף איז אפילו נישקשה, דער קאָפּ איז גאָר וואַרעם, אויפ'ן שטערן פילט ער טראָפּן שוויים; נאָר די פיס ווערן וואָס אַמאָל קעלטער און שוואַכער.

שוין נישט ווייט, ער האָט דאָך חשק זיך אָפּצורוען און ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין. דאָס ערשטע מאָל דאַרף ער זיך אָפּ־רוען ביי א שליחות פון צוויי מייל וועג. ער וויל זיך נישט מודה זיין, אַז ער איז אַן אַכציגער און עס איז שוין צייט דערויף.

ניין, ער מוז גיין... נאָר גיין... כל זמן מען גייט, גייט מען, עס טראָגט זיך; קוים גיט מען נאָך דעם יצר הרע און מען רוט זיך אָפּ, ווערט מען שוין א לייט!

מען קען זיך גלאַט פאַרקילן, שרעקט ער זיך אַליין איבער, — און וויל זיך אַלץ אויסרעדן דעם שטאַרקן חשק צום אָפּרוען.

— נישט ווייט שוין צום דאָרף, דאָרט וועל איך אויך צייט האָבן!

— דאָס, — טראַכט ער, — וועל איך יאָ טאָן: איך וועל נישט גיין גלייך צום פּריץ... ביים פּריץ מוז מען וואַרטן א שעה אין דרויסן... נאָר גלייך צום איד.

— כאָטש גוט, — טראַכט ער, — וואָס איך האָב נישט קיין מורא פאַר דעם פּריצ׳ס הינט; פונדעסטוועגן, ביינאַכט, אַז מען לאָזט אָפּ דעם בורען, איז פאָרט א סכנה; איך האָב מיט אפילו מיין וועטשערע, און בורי האָט ליב קעז, פאָרט בעסער פריער אויסרוען די ביינער! איך וועל מיר פריער גיין אריין צום איד, אָנוואַרעמען זיך, וואַשן זיך, עפּעס עסן...

און עס קומט אים וואַסער אין מויל אריין; ער האָט פון אין דער פרי אָן נישט געגעסן; נאָר דאָס איז א קלייניגקייט, אים אַרט נישט, וואָס ער איז הונגעריג; ער האָט הנאה דערפון: אַז מען איז הונגעריג, איז א סימן, אַז מען לעבט! נאָר די פיס!...

ער האָט נאָך אינגאַנצן א צוויי ווייערסט, ער זעט שוין ארוים דעם פּריצ׳ס גרויסע שאָפּע... נאָר די פיס זעען נישט, זיי ווילן זיך דוקא אָפּרוען!

— און ווידער פאַרקערט, — טראַכט ער זיך, — וואָס איז, אַז איך וועל מיך א ביסל אָפּרוען? א מינוט, א האַלבע מינוט! אפשר יאָ? לאָז מיך נאָר פּרוּוון! אזוי לאַנג פּאָלגן מיך די פיס, וועל איך זיי אויך אמאָל פאָלגן!

און שמריה זעצט זיך אין דער זייט אויף א בערגל שניי. אצינד הערט ער ערשט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין אים ווי א האַמער און עס שטעכט, און דער קאָפּ שוויצט...

ער דערשרעקט זיך... צי ווערט ער נישט קראַנק? ער האָט ביי זיך פרעמד געלט! ער קאָן בלייבן, חס ושלום, חלשות... און ער טרייסט זיך: געלויבט איז גאָט, וואָס קיינער גייט נישט! און אפילו עמיץ זאָל גיין, וועט אים אויך נישט איינפאַלן, אַז איך האָב געלט ביי מיר... מישטיינס געזאָגט, ווען מ'געטרויט געלט!... נאָר א קאָפּ זיצן, דערנאָך וואַליי!

נאָר די ברעמען פאַלן אים צו ווי בליי.

— ניין, הויב דיך אויף שמריה, ווסטאַוואַי! — קאָמאַנדירט ער מיט זיך.

קאָמאַנדירן קאָן ער נאָך, אָבער אויספירן נישט, ער קען זיך נישט רירן. אים דאַכט זיך דאָך אַז ער גייט, אַז ער גייט אַלע מאָל שטאַרקער! אָט זעט ער שוין אַלע הייזלעך... דאָ וואוינט אַנטעק, דאָרט באַזילי; ער קען זיי אַלע, ער דינגט ביי זיי פורן... צום איד איז נאָך ווייט, נאָר גלייכער צום איד... מ'טרעפט דאָרט אַמאָל מזומן... און אים דאַכט זיך, אַז ער גייט צום איד'ס הייזל; נאָר עס רוקט זיך אָפּ אַלע מאָל ווייטער, ווייטער... מן הסתם דאַרף אַזוי זיין... עס ברענט דאָך א פריילעך פייערל אויפ'ן קוימען, דאָס גאַנצע פענצטערל איז לוסטיג און רויט, די גראָבע מירל שוימט אודאי א גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל, און זי איז אים שטענדיג מכבד מיט א קאַרטאָפל; א פאַרגעניגן א הייסע קאַרטאָפל! און ער רוקט זיך ווייטער. אַזוי דאַכט זיך אים, אָבוואָל ער זיצט אויף איין אָרט.

דער פראָסט האָט א ביסל געלאָזט, עס הויבן אָן פאַלן ברייטע, דיקע פלאַכעס שניי.

אים איז, אפנים, אויך וואַרעמער געוואָרן אין דער שניי־קאַפּאָטע. און עס דאַכט זיך אים, אַז ער איז שוין ביים איד אין שטוב. מירל זאַיערט די קאַרטאָפל, ער הערט ווי דאָס וואַסער

גיסט זיך, זיור, זיור, זיור, און אזוי גיסט זיך פון זיין לאסטיקער־נער קאפאטע אויך. יונה גייט ארום און זינגט אונטער דער נאז; זיין שטייגער איז צו זינגען נאך מעריב, ווייל דעמאלט איז ער הונגעריג, און מאכט אלע מאל: „נו מירל!"

נאר מירל יאגט זיך נישט: „וואלנער טוט זיך בעסער!"

— צי שלאף איך עס און עס חלום'ט זיך מיר? — ווערט ער דאפטום פרייליך־דערשראקן. עס דאכט זיך אים, אז עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין זיין עלטערער זון... חנה! חנה! א! ער דערקענט אים! וואס טוט ער דא? נאר חנה דערקענט אים נישט, און ער מאכט זיך נישט וויסנדיג... כא, כא, כא! ער דערציילט יונה'ן, אז ער פארט צום טאטן, ער האט דעם טאטן נישט פארגעסן! און יונה ממזר זאגט אים נישט, אז דער טאטע זיצט אויף'ן באנק־בעטל!... מירל האט צו טאן: זי איז פאר־נומען ביי די קארטאפל, זי וועט נישט מפסיק זיין; זי שמייכלט נאר, זי רייבט די קארטאפל מיט'ן גרויסן הילצערנעם לעפל און שמייכלט!

— א! חנה מוז זיין רייך, גאר רייך! אלץ איז אויף אים גאנץ, און א קייט... אפשר טאמביק? ניין, אודאי גאלד! חנה וועט נישט טראגן קיין טאמביקענע קייט, ח"ו... כא, כא, כא! — ער גיט א קוק אויפ'ן פיעקאליק... כא! כא! כא! — ער פלאצט שיר פאר געלעכטער, יעקל, בערל, זכריה... אלע דריי... כא! כא! כא! זיי האבן זיך באהאלטן אויפ'ן פיעקאליק, דאס איז גנבים! כא! כא! כא! א שאד שפרינצע, א שאד! זי זאל כאטש אויך האבן דאס נחת! דערווייל באשטעלט חנה צוויי גענז. „חנה! חנה! — דערקענסט מיך נישט? איך בין עס!..." און אים דאכט זיך, אז ער צעקושט זיך מיט חנה'ן...

— הערסטו, חנה, א שאד די מאמען, זי זאל דיך זען!... יעקל, בערל, זכריה, אראפ פון פיעקאליק! איך האב אייך באלד דערקענט! קומט אראפ, איך האב געוואוסט, אז איר וועט קומען! א והא ראיה, איך האב אייך מיטגעברענגט קעז, אמת'ע שאפענע

קעז! זעט נאָר, קומט קינדער, איר האָט דאָך עפּעס ליב זעלנעריש ברויט! וואָס? אפשר נישט? אמת אַ שאָד די מאַמען!

און עס דאַכט זיך אים, אַז אַלע פיר קינדער האָבן אים אַרומגערינגלט און האַלטן אים און קושן און דריקן זיך צו אים צו.

— נאָר וואָלנע, קינדערלעך! וואָלנע, דריקט מיך נישט צו שטאַרק! איך בין שוין נישט קיין יונגער מאַן, איך בין אַן אַכציגער!... וואָלנע, איר דושעט מיך, וואָלנע, קינדערלעך... אַלטע ביינער! וואָלנע, איך האָב גענלט אין קעשענע! מיר, ב״ה, נעטרויט מען געלט!... גענוג, קינדערלעך, גענוג!...

און עס איז געוועזן גענוג... ער איז געבליבן פאַרשטאַרט מיט דער האַנט אויף דער בוזעם־קעשענע. —